STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02186

DOS LEBN UN VIRKN FUN TSADEK UN KODESH REBE MEIR'L

Menahem Mendl

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעזרת השם יתברך

דאס לעבן און ווירקן פון צדיק און קדוש

רבי מאיר'ל פרימישלאנער

צונויפגעשטעלט און בעארבעט

פון

מנחם מנדל

צווייטער טייל

ירושלים תשל"ז

הויפט פאַרקויף ביי:

Der Oitzer fon Yidishkeit
DAS YIDISHE LICHT
150 Wilson St., Brooklyn, N.Y., 11211
Phone: 387-3166 — 387-9561

המנהל: הרב מ. ש. ראכמאן

©

כל הזכויות שמורות לעורך

נדפס בדפוס האחים גרויס
Printed in U.S.A. GROSS BROS. Printing Co. Inc.

רבי מאיר'ל
פרימישלאנער

פינפטער קאַפּיטל

די גרויסע מדרגות פון רוח הקודש

גרויס איז געווען דער רבי ר׳ מאיר׳ל פון פרימישלאַן זצ״ל אין דער מדרגה פון רוח הקודש, און חאטש נישט שטענדיג האָבן אַלע פאַרשטאַנען זיין התנהגות, דאָך אָבער האָט מען געגלויבט אַז אַלץ ווערט געטאָן מיט אַ ווייטערן בליק און מיט אַ ספּעציעלע כונה.

אָן אַ שיעור מעשיות ווערן דערצעהלט וועגן זיין אָפנבאַרע רוח הקודש, מען האָט עס געזעהן בחוש מיט די אויגן און עס ממש אנגעטאפּט מיט די הענד, און ממש דערשטוינט געוואָרן פון זיינע אָפענע אויגן.

מיר וועלן דאָ אַראָפּברענגען אַ טייל פון די מעשיות פון וועלכע עס האָבן דערגרייכט צו אונז.

ווען מען דאַרף מקבל זיין בזיונות

איינמאָל זענען קיין פרימישלאַן געקומען אויף אַ שבת עטליכע רבנים, גוטע אידן. צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ אייניקל פון איינעם אַ צדיק, וועלכער האָט געהאט אויך אנהענגער. ער פלעגט אָבער אָפט קומען קיין פרימישלאַן, וואו דער רבי ר׳ מאיר׳ל פלעגט איהם שטענדיג מכבד זיין, זעצן איהם נעבן זיך מכבד זיין מיט בענטשן און בכלל אָנגעזאָגט אַז מיט דעם דאָזיגן ״בנן של קדושים״ זאָל מען שטאַרק נוהג בכבוד זיין.

דאָס מאָהל, אָבער, האָט דער רבי ר׳ מאיר׳ל זיין גאַסט גאַנץ קאַלט אויפגענומען. אין אָנהויב האָט ער נישט געהייסן איהם אַריינלאָזן אין זיין צימער. שפּעטער אַז ער האָט איהם שוין יאָ אריינגעלאָזט, האָט ער איהם געגעבן שלום מיט די שפּיץ פינגער און דערנאָך אַ זאָג געטאָן צו איהם:

— געהט אייך געזונטערהייט, איך האָב נישט קיין צייט פאַר אייך...

דער דאָזיגער איד האָט געהאט דערפון גרויס חלישת הדעת. ער איז ארומגע־גאַנגען אַ צוקאָכטער און ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען.

דאָך אָבער האָט ער זיך געשטאַרקט. עס קען זיך דאָך אַמאָל מאַכן, אַז דער רבי איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט העכערע ענינים, און ער האָט זיך דעריבער גענומען צוגרייטן צום שבת.

*

פרייטאָג צו נאַכטס ביים טיש, האָט איהם דער גבאי ווי שטענדיג געגעבן אַ אָרט נעבן דעם רבין.

ווען דער רבי ר' מאיר'ל איז אַריינגעקומען צום טיש און באַמערקט, ווי דער דאָזיגער אייניקל פון בעל שם טוב, זיצט אויבן אָן, האט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך ווייס נישט וואָס איז דער מעהר מיט די "אייניקלאך"? אויפן פסוק "וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב" זאָגט רש"י הקדוש: "וארא אל האבות". פרעגט דאָך די וועלט, וואָס האָט דאָ רש"י אויפגעטאָן, אז די תורה רעכנט אויס די אבות ביי די נעמען, איז דאָך נישט צו פארשטעהן די כונה פון רש"י'ן ווען ער לעגט צו "וארא אל האבות"?

נאָר דער שטייגער איז, אז איימיצער האָט אַ טאטן אַ למדן, אַ חסיד, אַ צדיק, איז ער זיך שוין נישט אַזוי שטאַרק משתדל צו דערגרייכן שלימות, אליין צו האָרעווען אין אידישקייט, נאָר ער פאַרלאָזט זיך אויפן טאטנס זכות. דערביי איז ער ביי זיך ברייט און האָפערדיג, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט איהם שולדיג געווען אַ גרויסן חוב. ווער שמועסט נאָך אַז איימיצער האָט אַ טאטן אַ בעל מדרגה, אַ קדוש עליון, אַ צדיק הדור, פארלאָזט ער זיך שוין אינגאַנצן אויפן טאטנס זכות און ער אליין איז זיך ווייניג וואָס מייגע אין עבודת הבורא. און ווער שמועסט נאָך, אַז איימיצער האָט נישט נאָר אַ טאטן געהאַט אַ גרויסן נאָר אויך אַ זיידן, — איז ער דאָך שוין אַ ודאי אַ פארטיגער, עס איז גענוג אַז ער איז אַ אייניקל פון יענעם צדיק און קדוש...

די הייליגע אבות האָבן אָבער זיך אַזוי נישט געפיהרט, יצחק אבינו האָט זיך נישט סומך געווען אויפן טאטנס זכות. ער איז דאָך עפעס אברהם אבינו'ס אַ זון — נאָר ער אַליין האָט געארבעט אין עבודת הבורא און אויפגעקומען צו זיין מדרגה. אזוי אויך מיט יעקב'ן חאָטש ער האָט געהאַט אַ גרויסן טאטן מיט אַ גרויסן זיידן, האָט ער אָבער נישט געוואָלט יוצא זיין, נאָר אַליין געארבעט צו קומען צו הכרה אלקית. דעריבער זאָגן מיר "אלקי אברהם, אלקי יצחק ואלקי יעקב", ווייל יעדער איינער פון די אבות הקדושים האָט אַליין משיג געווען דאָס אלקות און נישט גענומען פון גרייטן.

דעריבער זאָגט רש"י הקדוש "וארא אל האבות", אָט זיי, אברהם יצחק יעקב, זענען עס געווען אבות, נישט קיין אייניקלאך, נאָר טאַטעס. עס איז נישט געווען קיין ירושה נאָר אליין משיג געווען דאָס וואָס זיי האָבן דערגרייכט.

✶

דער "אייניקל" האָט פארשטאַנען, אז איהם מיינט עס דער רבי מיט דער דאָזיגער תורה. האָט ער געהאַט דערפון גרויס חלישות הדעת און ער האָט זיך גאָר קיין אָרט נישט געפונען.

צומארגנס, ביי דער צווייטער סעודה, האָט דער רבי באַפוילן, אז דעם אורח, זאָל מען זעצן ביים ברעג טיש.

נאַטירליך האָבן אַלע געהאַט דערפון גרויס עגמת נפש, אָבער קיינער האָט נישט

געוואגט מיט עפעס איבערצופרעגן דעם רבין, נאָר זיך צוגעקוקט צו זעהן וואָס וועט דערפון זיך אויסלאָזן.

צו שלש סעודות, איז שוין דער אורח מער נישט געקומען און האָט פארברענגט אליין אויף זיין אכסניא מיט גרויס עגמת נפש.

אויף צומאָרגנס האָט ער זיך געזעגנט מיטן רבין, דער רבי האָט פונקט אַזוי קאַלט אָפּשייד גענומען פון איהם, ווי ער האָט איהם מקבל פנים געווען.

✶

טרעפנדיג דעם רבין ר׳ מאיר׳לס אידעם, דעם רבין ר׳ אברהם מיקאלאיעווער זצ״ל, האָט דער ״אייניקל״ אויסגערופן:

— איך ווייס נישט וואָס דער רבי וויל פון מיר האָבן און פאַרוואָס ער האָט מיר אַזוי מבזה געווען, איך שפּיר מיר נישט ערגער ווי מיט אַ יאָהר אָדער צוויי צוריק...

— ווען איהר ווילט, וועל איך אריינגעהן צום רבין און איהם אַ פרעג טאָן... — האָט ר׳ אברהם געענטפערט.

— ניין, מען דאַרף שוין נישט — האָט דער גוטער איד אויסגערופן מיט הקפדה, און איז אפּגעפאָהרן מיט דער קארעטע פון פרימישלאַן.

✶

אין עטליכע טעג ארום איז אָנגעקומען קיין פרימישלאַן א ידיעה, אַז מיטן דאַזיגן ״אייניקל״ האָט זיך געטראָפן אַ אויסטערלישע סיבה. פאָהרנדיג דורך אַ באַרג האָט זיך די קארעטע איבער געקערט און דער איד איז ארויסגעפאלן און אומגעקומען רח״ל אראפּפאַלנדיג פון באַרג.

מיט דער דאַזיגער ידיעה איז רבי אברהם אריינגעגאַנגען פאַרביטערט צום שווער, דעם רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל.

האָט ר׳ מאיר׳ל דאַן אויסגערופן:

— מאיר׳לען דערצעהלסטו עס? מאיר׳ל האָט געשפּירט אַז עפּעס שלעכטס הייננט אויף דעם אידן און ער האָט געוואָלט מבטל מאַכן די דינים דורך חרופים און בזיונות. אָבער דער אומגליקליכער, אנשטאט מקבל באהבה צו זיין די בזיונות וואָס דאָס וואָלט מבטל געמאַכט די דינים, האָט ער נאָך געהאט תרעומות אויף מאיר׳לען, אַנטלאָפן פון טיש און ברוגז געוואָרן. דערפאר האָבן די חרופים און די בזיונות גאָרנישט געווירקט צו מבטל זיין דעם בייזן גזר דין.

✶

דער וואָס כאַפּט אַריין אַ פארציע בזיונות און שוויגט, און איז עס מקבל באהבה — וואויל איז צו דעם מענטש, די בזיונות לייטערן איהם און רייניקן איהם און זיין מקבל באהבה זיין איז גרויס אין הימל. ״שמחים ביסורים״ — זאָגן די חז״ל אז די וואָס פרייען זיך מיט זייערע ווייטאָגן און בזיונות, וואָס ער איז אַ ״שומע חרפּתו״ הערנדיג ווי מ׳זידלט איהם — עליהם הכתוב אומר ״ואוהביו כצאת השמש

בגבורתו״ דער איז פון די געליבטע מענטשן ביי השי״ת און שיינט ווי די זוהן אין העלן טאָג.

ליהודים היתה אורה

אין די צייטן פון רבין ר׳ מאיר׳ל האָט אין פשעמישל געשמ׳ט אַ גרויסער נגיד און תלמיד חכם מיטן נאָמען ר׳ אהרן וואָהל. ר׳ אהרן איז געווען אַ גרויסער בעל-מכניס אורח, אַ בעל צדקה, עוסק געווען בתורה אָבער דערצו איז ער געווען אַ פערברענטער מתנגד. אַ שותף האָט ער געהאַט וועלכער איז נישט געווען אַזאַ גרויסער למדן אָבער ער איז געווען אַ גאַר גרויסער חסיד, געפאָהרן גאַנץ אָפט צום רבין ר׳ מאיר׳ל קיין פרימישלאַן.

איינמאָל האָבן ביידע שותפים זיך שטאַרק פערוויקלט אין אַ געשעפט מיט לעדער. דהיינו, זיי האָבן בעקומען אַ בעשטעלונג פון מיליטער אויף אַ גרויסן טראַנספאָרט לעדער, וואָס זיי האָבן אויסגעקויפט צו טייערע פרייזן אין גאַנצן געגנד. אַרייגעלעגט אין דעם מסחר אַריין נישט נאָר זייער גאַנץ פערמעגן, נאָר אויך אַ סך פרעמדע געלד, וואָס זיי האָבן געליהען פון פרעמדע. אָבער ווען עס איז געקומען דער טאָג פון ליפערן די סחורה, האָט דער גענעראַל פלוצלונג חרטה געהאַט און געטענה׳ט אַז ער דאַרף נישט מעהר די לעדער, כאַטש נעהם און וואַרף זיי אין ים אַריין...

זענען ביידע שותפים אַרומגעגאַנגען שטאַרק צוטראָגן. עס האָט זיי שוין נישט אַזוי וועה געטהון זייער אייגן געלד, וואָס עס שטעהט זיי פאַר צו פערלירן, ווי דאָס פרעמדע געלד, ווייל לעדער איז דערצו שטאַרק געפאַלן און אַ אַנדערער האָט אָנגעבאָטן לעדער פאַר פיהל ביליגער און דאָס איז טאַקע געווען די סיבה פאַרוואָס דער גענעראַל האָט אָבגעוואָרפן די באַשטעלונג.

— פאָלגט מיך — האָט זיך דער שותף דער חסיד אָנגערופן צו ר׳ אהרן וואָהל, — מיר זענען דאָך סיי ווי אין לעמבערג, נישט ווייט פון פרימישלאַן, לאָמיר זיך אריבערכאַפּן קיין פרימישלאַן צום רבין ר׳ מאיר׳ל און זיך פערטרויען פאַר איהם, אָברעדן זיך די ביטערע הערצער.

ר׳ אהרן, דער מתנגד, זייענדיג דערצו שטאַרק פערביטערט, האָט דערויף אָבגעענטפערט:

— וואָס וועט אונז ארויסקומען, אַז מיר וועלן פאָהרן קיין פרימישלאַן, וואָס קען אונז ר׳ מאיר׳ל העלפן, ער האָט עפּעס אַ ידיעה אין מסחר? ער קען נישט מעהר ווי רויכערן אַ לולקע-ציבעך, שמעקן טאַבאַק און טרינקען בראָנפן...

דער שותף האָט איהם אָבער נישט אָבגעלאָזט און אַזוי לאַנג געאַרבייט מיט ר׳ אהרן׳ען, ביז ער האָט ענדליך זיך געלאָזט איבעררעדן און ביידע זענען זיי געפאָהרן קיין פרימישלאַן.

אריינקומענדיג קיין פרימישלאַן צום רבי, האָט זיך דער רבי אויפגעהויבן פון זיין אָרט און צוגעגאַנגען צום פענסטער אויסרופנדיג:

— מאיר׳ל גיט נישט קיין שלום, מאיר׳ל ווייסט פון גאָרנישט צו זאָגען, מאיר׳ל ווייסט נישט מעהר ווי צו רויכערן אַ לולקע ציבעך, שמעקן טאַבאַק און טרינקען בראַנפן.

ר׳ אהרן איז געבליבן שטעהן אַ צומישטער, ווי אַבגעגאָסן מיט אַ קאַלטן עמער וואַסער. אַזאַ אָפּענבאַרער רוח הקודש האָט ער זיך נאָך אין זיין לעבן נישט פאַרגעשטעלט און ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק חרטה צו האָבן אויף זיינע שלא כהוגנ׳דיגע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט אין אַ אויפגערעגטן צושטאַנד.

אַזוי איז דער רבי ר׳ מאיר׳ל געשטאַנען ביים פענסטער אַ לענגערע ווײַלע. דאַן האָט ער זיך אויסגעדרעהט, צוגעגאַנגען צו ר׳ אהרן וואָהל און אַ זאָג געטהון:

— לעולם האָב איך אייך נישט בעדאַרפט געבן קיין שלום, נאָר איך בין חס אויף אייער תורה, ווייל איהר לערנט תורה לשמה, נאט זשע אייך שלום.

דאָ האָט דער צווייטער שותף, דער חסיד זיך אָנגערופן:

— הייליגער רבי, אַ שווערער פערלוסט האָט אונז אַהערגעבראַכט. מיר זענען געקומען פרעגן אַ עצה.

— וואָס איילט איהר זיך אַזוי, איהר וועט דאָך דאָ אי״ה בלייבן אויף שבת.

באין ברירה זענען ביידע פערבליבן אין פרימישלאַן אויף שבת און ר׳ אהרן, צוקוקנדיג זיך צו דער התנהגות פון רבין ר׳ מאיר׳ל, איז גאָר שטאַרק נתפעל געוואָרן און ער האָט בעשלאָסן צו ווערן אַ פרימישלאַנער חסיד.

נאָך שבת בשעת זיי זענען געקומען אָבשייד נעהמען פון רבי׳ן, האָבן ביידע שותפים שטאַרק געבעטערט, אַז עס שטעהט זיי פאַר בדלות צו ווערן ביי דעם מסחר וואָס זיי האָבן געמאַכט, אַז דער רבי זאָל זיי געבן אַ עצה.

— האָט נישט קיין מורא, — האָט דער רבי ר׳ מאיר׳ל זיי געטרייסט. — עס שטעהט אַ בפירושער פסוק: ליהודים היתה אורה — אַז אידן האָבן עורות (אַ א׳ מיט אַ ע׳ זענען זיך מתחלף) דאַמאָלס איז שמחה וששון, ווייל ויקר, לעדער וועלן טייער ווערן, לעדער וועט שטייגן און איהר וועט נאָך גוט פאַרדינען דערביי.

און כך הוה. די ברכה פון רבין ר׳ מאיר׳ל איז אין אַ קורצער צייט ארום מקויים געוואָרן פולשטענדיג.

אַ ריח פון עבודה זרה

דער קאַלבסובער רב, ר׳ יחיאל רובין, אָדער ווי מען פלעגט איהם רופן אין קאַלבסוב ״ר׳ חיליש״, איז געוועזן דער זוהן פון צדיק ר׳ אשר׳ל ראָפּשיצער וועלכער איז געוועזן אַ איידעם פון דעם צדיק ר׳ נפתלי ראָפּשיצער זצ״ל, ר׳ חיליש איז געוועזן אַ איידעם פון דעם ריישער גביר מופלג ר׳ אליהו רייך. צו פינף און צוואַנציג יאָהר איז ער געוואָרן רב אין קאַלבסוב.

ר׳ חיליש פלעגט אָפט פאָהרן צום רבין ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער, וועלכער פלעגט איהם זייער מכבד זיין און זיך שטענדיג משתעשע זיין מיט אים אין דברי תורה וחסידות.

דער משמש זיינער, ר׳ יאָסעלע גלאַנץ האָט אַמאָל דערצעהלט פאלגענדע מעשה:

— איינמאָל איז ר׳ חיליש געפאָהרן צו רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער און ער האָט מיר אויך מיטגענומען אויף דער נסיעה, ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין דעם בית מדרש פון רבין ר׳ מאיר׳לען, האָב איך באַלד געלאָזט וויסן אַז ר׳ חיליש קאַלבסובער איז דאָ, ווען די ידיעה האָט דערגרייכט צום רבין ר׳ מאיר׳ל, האָט ער זיך באַלד צוגעאיילט, געעפנט די טהיר פון זיין צימער און אַרויס געגאַנגען אין דרויסן מקבל פנים זיין ר׳ חיליש׳ן.

פלוצלונג גיט זיך ר׳ מאיר׳ל אַ שטעל אָפּ און שרייט אויס:

— אוי, געוואַלד! עס הערט זיך דאָך פון איהם אַ ריח פון עבודה זרה!

ער האָט זיך באַלד אויסגעדרעהט און צוריק אַריין אין זיין צימער און פאַרשפאַרט די טהיר.

ר׳ חיליש איז געבליבן שטעהן דערשראָקן, עס האָט גענומען גיסן פון איהם דאָס שווייס, פון גרויס היץ האָט ער אויסגעטהון פון זיך דעם טייערן סויבעלנעם פעלץ וואָס ער איז געווען דערמיט אָנגעטהון און עס אויפגעהאַנגען.

אַזוי ווי ער האָט דאָס געטהון, האָט זיך באַלד די טהיר ווידער געעפנט, און ר׳ מאיר׳ל איז ווידער אַרויס פון זיין צימער און מיט אַ לויכטנדיגן פנים האָט ער אויסגעשטרעקט צום גאַסט זיינע בידע הענד אויסרופנדיג:

— ״שלום עליכם, ר׳ יחיאל קאַלבסובער״!

די גאַנצע צייט האָט ער איהם דערנאָך געוויזן גרויס התקרבות.

דאָס אויפפיהרן פון רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער ביים ערשטן קבלת פנים איז געווען אונפארשטענדליך. מען האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט אַז דער פעלץ האָט עפּעס אַ שייכות דערצו און מען האָט זיך גענומען אויספאָרשן פון וואַנען דער פעלץ האָט געשטאַמט.

עס האָט זיך באַלד ארויסגעוויזן אַז דער דאָזיגער פעלץ האָט דער קאַלבסובער רב בעקומען אַ מתנה פון זיין שווער, ר׳ אליהו רייך. אָבער ווען האָט עס געקענט איינפאַלן, אַז דער פעלץ האָט פריהער געטראָגן גאָר אַ קאַטוילישער גלח?

זיין שווער, ר׳ אליהו רייך, האָט געפיהרט געשעפטן אויך מיט די ריישער גלחים, און ביי דעם דאָזיגן פאַל האָט ער אָפּגענומען פון אַ גלח זיין טייערן סויבעלנעם פעלץ ווי אַ אָפּצאָהל פון זיין חוב.

און רבי מאיר׳ל האָט עס באַלד דערפיהלט און דעריבער האָט ער אויסגעשריגן באַלד צום ערשטן מאָהל, אַז ער פיהלט אַ ריח פון עבודה זרה און נישט געוואָלט געבן קיין שלום.

אויף אַזוי ווייט איז געווען אויסגעאיידלט דעם הייליגער חוש פון רבין ר' מאיר'ל זצ"ל.

אַ חשש עגונה

און געזאָגט האָט ר' מאיר'ל רוח־הקודש ניט דוקא פאַר זיינע אויסגעשפּראָכענע חסידים, נאָר פאַר יעדן איינעם וואָס איז צו איהם געקומען פרעגן אַ עצה אָדער זוכן אַ ישועה, אפילו צו אַזעלכן וואָס איז ערשט געווען ביי איהם צום ערשטן מאָל.

וועגן אַזאַ מין רוח־הקודש מעשה וועלן מיר טאַקע איצט דערציילן:

אין דער שטאָדט טאַרניפּאָל האָט געלעבט אַ איד אַ עשיר, געווען איז ער אַ אנגעזעהענער מענטש אין דער קהלה, אָבער ניט קיין חסיד, ניט קיין מתנגד, אַ איד וואָס קען אויף אַלעס בעשטעהן, אי אויף חסידות אי אויף התנגדות.

איז דער איד געוואָרן, לא עלינו, אַ אַלמן. זיין ווייב איז איהם אָפּגעשטאָרבן און איהם איבערגעלאָזט אַ איינציגע, ניטפערזאָגטע טאָכטער. ער האָט באַלד נאָכדעם חתונה געהאַט מיט אַ אַלמנה, וועלכע האָט איהם מיטגעבראַכט אין הויז אריין איהר'ס אַ זוהן פון ערשטן מאַן, אַ פיינעם אנשטענדיגן בחור.

כדי צו פאַרשטאַרקן די פערבינדליכקייט צווישן איהם און זיין נייער פרוי ווי אויך צווישןביידע שטיפקינדער האָבן זיך מאַן און ווייב משדך געווען מיט זייערע ביידע קינדער און אין הויז האָט דעריבער געהערשט שלום ושלוה.

א קורצע צייט פאַר דער חתונה פון זייערע קינדער, האָט זיך דער פאָטער פון דער כלה דערוואוסט, אז זיין צווייטע ווייב, וועלכע האָט איהם פאַר איהר חתונה געזאָגט אז זי האָט נאָר דעם איינציגן זוהן, האָט איהם אָפּגענאַרט, מחמת זי האָט נאָך אַ אנדערן זוהן וועלכער איז אַוועק קיין אמעריקא און לאָזט פון זיך גאָר ניט הערן שוין אַ לאַנגע צייט.

מילא דער עצם ענין וואָלט איהם לגמרי גאָר ניט געווען געאַהרט, וויבאַלד ער וואָלט זיך ניט געווען מיט איהר משדך געווען. וואָרום וואָס וואָלט איהם געשאַדט דאָס וואָס זי האָט נאָך אַ זוהן, אַזוי לאַנג ווי ער איז נישט דאָ און פאַלט איהם ניט צו לאַסט. אָבער איצט איז דאָך אַ צרה. אַ מענטש איז דאָך שטערבליך. קיינער, יונג אָדער אַלט, איז ניט זיכער פון דעם מלאך המות'ס האַנד. כהיום, די שעה זאָל ניט זיין, וויבאַלד זיין טאָכטער'ס מאַן זאָל חלילה שטאַרבן יונגערהייט אָן קינדער, וועט זי דאָך ניט טאָרן חתונה האָבן ביז דער ברודער פון איהר פערשטאָרבענעם מאַן וועט איהר געבן חליצה. היינט געה זוך איהם אויס ערגעץ אין אמעריקא. וועט זי דאָך נאָך פערבלייבן אַ אייביגע עגונה.

דער פאָטער פון דער כלה האָט אַ לאַנגע צייט ניט געקענט שלאָפן פאַר עגמת נפש. דער טאָג פון דער חתונה רוקט זיך אָן. ער האָט ניט קיין מוט אָפּצולאָזן דעם שדוך און צושטערן זיין שלום־בית. א חוץ דעם, אין דאָך די כלה אַ יתומה. געה טשעפּע זיך מיט טרערן פון א יתומה!

וואָס׳זשע טהוט מען זיך פאַרט פאר אַ עצה ?

וויבאַלד ער איז ניט געווען קיין פערביסענער מתנגד, דערמאָהנט ער זיך דאמאָלס ערשט, אז עס זיינען פאַרהאַנען אויף דער וועלט צדיקים, וועלכע קענען העלפן מיט זייערע תפלות אָדער מיט גלאט אַ עצה טובה. מחמת אַ חוץ זייער גוט־אידישקייט, זיינען זיי דאָך פשוט׳ע חכמים מחוכמים, טאקע אין עניני דעלמא.

און געקלונגען האָט דאמאָלס די גאנצע געגנד פון ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער׳ס קלאָרן רוח־הקודש, וועלכער זעהט אלעס און ווייסט אלעס, און דערצעהלט האָט מען זיך אומעטום די גרויסע נסים ונפלאות וואָס דער צדיק בעווייזט טאָג־טעגליך צו זיינע חסידים. האָט דעריבער דער בעזאָרגטער אבי־הכלה בעשלאָסן אריבער־צופאָהרן צום צדיק פון פרימישלאן, כדי זיך מיט איהם שואל עצה צו זיין מכח דעם שדוך פון זיין טאָכטער. ווען שוין אָפּלאָזן אַ שדוך מיט אַ יתומה, זאָל עס כאָטש זיין מיט דער הסכמה פון אַ גרויסן וועלטס־צדיק. וועט ער איהם יאָ הייסן חתונה מאכען, וועט איהם אויך אַראָפּגענומען ווערן אַ שטיין פון׳ם הארץ. מן הסתם זעהט ער דאָך אז עס וועט פון דעם ניט ארויסקומען קיין מכשול.

געקומען איז דער טאַרניפּאָלער איד קיין פרימישלאן אין אַ דינסטאָג.

ער איז אריינגעקומען באַלד צום צדיק און פאר איהם אַנידערגעלעגט אַ ״פדיון״ צוזאַמען מיט אַ קוויטל אין וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן זיין בקשה.

ר׳ מאיר׳ל לייענט דאָס קוויטל איינמאָל און נאָכאַמאָל, דרעהט עס איבער אויף דער לעדיגער זייט און קוקט אויך דאָרטן, גלייך ער וויל אויך פון דער ליידיגער זייט עפּעס אראָפּלייענען.

פּלוצים האָט ר׳ מאיר׳ל אַ געשריי געגעבן אז די גאַנצע שטוב האָט אָפּ געהילכט:

— אריה!

דאָס איז געווען דער נאָמען פון זיין גבאי וואָס האָט איהם בעדינט.

דער גבאי אריה האָט זיך באַלד בעוויזן אין דער טהיר.

— געה אין קיך אריין און רוף מיר אריין חיה׳ן! — האָט ר׳ מאיר׳ל אויסגע־שריגן צו אריה׳ן.

חיה איז געווען די עלטערע טאָכטער פון ר׳ מאיר׳לען, וועלכע האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט ר׳ יואל׳טשען. זי איז געווען די בעקאַנטע ״שאָצער רביצין״, ר׳ מאיר׳ל פלעגט פון איהר האלטן עולם ומלואו. ער האָט ניט איינמאָל געזאָגט אז זי איז אַ בעלת־רוח־הקודש.

חיה, וועלכע איז גראד דאמאָלס געווען טרוד אין דער קיך, איז באַלד אריינ־געקומען צום פאָטער אין זיין חדר.

— זאָג נאָר, חיה׳לע — האָט זי ר׳ מאיר׳ל הויך געפרעגט — זאָג מיר נאָר, טאָכטער מיינע, וואָס האָב איך דיר עפּעס געזאָגט דעם לעצטן פרייטאָג, פאר ליכטצינדן?

חיה האָט אביסל נאָכגעטראַכט און זיך דאַן אָנגערופן:

— דער טאטע זאָל לעבן האָט מיך דערמאָנט, אז איך זאָל שיקן צוויי פונט ליכט אין דער שטאָדטישער שוהל אַריין.

— ניט דאָס מיין איך. וואָס נאָך האָב איך דיר דאמאלס געזאָגט ?

חיה האָט ווייטער אביסל געקלערט און דאן געזאָגט :

— אהא, דו האָסט מיר אויסגערעכנט וויפל געלד דו האָסט אוועקגעשיקט קיין ארץ־ישראל פון ראש השנה ביז היינט.

— נאָך אַלץ ניט דאָס. איך האָב דיר נאָך עפּעס געזאָגט.

חיה האָט זיך אַ קלאַפּ געגעבן מיט דער האַנד אין שטערן אויסרופנדיג :

— עס איז מיר גאָר אַרויס פון זינען. איצט דערמאָן איך מיר ערשט גוט. דער טאַטע זאָל לעבן האָט צו מיר געזאָגט, אַז נאָך שבת וועט קומען צו פאָהרן אַ אורח וועלכער וועט האָבן אַ חשש־עגונה (אַ קלערעכץ וועגן אַ ענין פון אַ עגונה).

— יאָ, יאָ, טאָכטער לעב מיינע — האָט דאן ר׳ מאיר׳ל מיט שמחה אויסגעשריגן — טאַקע דאָס האָב איך געמיינט. נו, און וואָס האָב איך ווייטער געזאָגט, חיה׳לע קרוין ?

— דער טאטע האָט מיר אַזוי געזאָגט : ״אויב דער אורח זאָל אַליין שכל האָבן, וואָלט ער דעם שדוך אָפּגעלאָזט און פטור געוואָרן פון אַ צרה. וויבאַלד ער וועט אָבער מיך פרעגן אַ עצה, וועל איך איהם לחלוטין גאָר ניט זאָגן, מחמת איך האָב זיך נישט ליב צו מישן אין ענינים פון שדוכים.

— דאָס איז דאָס דער אורח פון וועלכן איך האָב דיר דאָס געזאָגט — האָט ר׳ מאיר׳ל דאן געזאָגט צו דער טאָכטער ווייזנדיג מיט׳ן פינגער אויף דעם טארניפּאָלער איד — איצט מעגסט דו שוין צוריקגעהן אין קיך אריין. און איהר, ר׳ איד — האָט ער דאן געזאָגט צום טארניפּאָלער אידן וועלכער איז געשטאַנען די גאנצע צייט פערגאפט און זיך אַלעס צוגעהערט — איהר פאָהרט מיר אַהיים לחיים ולשלום.

דער איד האָט שוין מעהר קיין עצה ניט געפרעגט, ער האָט שוין געוואוסט וואָס ער האָט צו טהאָן. ער איז אהיימגעפאָהרן, אָפּגעלאָזט דעם שדוך און דאן געטאָהן מיט דער טאָכטער אַ אנדערן שדוך און איהר חתונה געמאכט בכבוד, אויך זיין וויב האָט דאן א שדוך געטהאָן און חתונה געמאכט דעם זוהן וועלכער איז באַלד נאָך דער חתונה געשטאָרבן און זיין ווייבל איז נעבאָך פערבליבן אַ אייביגע עגונה.

שור אנשטאט שאור

איינמאָל איז צו איהם געקומען אַ רייכער פּאָסעסאָר און האָט זיך זעהר שטאַרק בעקלאָגט דאָס צו איהם אין שטאָל, וואו עס שטעהען ביי איהם אַ גרויסע צאָהל אָקסן, האָט זיך זייט די לעצטע עטליכע חדשים אריינגעכאַפּט אַ קראַנקהייט און עס זיינען ביי איהם שוין אויסגע׳פגר׳ט זעהר פיהל אָקסן און אויב עס זאָל נאָך אַזוי

אַנהאַלטן אַ צייט וועט ביי איהם קיין איין אַקס ניט פאַרבלייבן. ער האָט שוין זיך בענוצט מיט אלערליי מיטלען, דאָקטוירים פון בהמות א.ד.ג. אַלעס איז אָבער אומזיסט. די אָקסן האַלטן אין איין פגר'ן. עס קומט איהם אויס, דאָס ער זאָל דערפון אין גאַנצן בּדלות ווערן.

ר' מאיר'ל וועלכער האָט זעהר שטאַרק רחמנות געהאַט אויפ'ן דאָזיגן אידן און ער האָט איהם געוואָלט העלפן, האָט זיך אביסל פערטראַכט און דערנאָך האָט ער צו איהם געזאָגט:

— פאָהר אהיים און קום באַלד צוריק, אָבער דו זאַלסט מיטנעהמען מיט דיר דיינע תפילין.

אין אָנפאַנג האָט דער פאַסעסאַר ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס דער רבי מיינט מיט זיינע ווערטער, אָבער אַז ער האָט איהם איבערגעפרעגט, האָט איהם ר' מאיר'ל גאָרניט געוואָלט ענטפערן, נאָר נאָך אמאָל געהייסן גיך אהיים פאָהרן און באַלד צוריק קומען מיט זיינע תפילין.

אויפן זעלבן טאָג איז דער פאַסעסאַר שוין געווען צוריק אין פרימישלאַן און איצט האָט ער נאָך מעהר געוויינט פאַר ר' מאיר'לען און איהם דערצעהלט, דאָס דורכן היינטיגן טאָג זיינען אוועקגעפאַלן דריי פון די בעסטע און טייערסטע אָקסן.

ביי די ווערטער האָט ער אַוועקגעלייגט זיינע תפילין אויפ'ן טיש, ווי ר' מאיר'ל האָט איהם געהייסן.

ר' מאיר'ל האָט איצט געשיקט נאָך זיין סופר און איהם געהייסן דאָס ער זאָל תיכף ומיד אויפעפענען די תפילין און זיי דאָ איבערזעהן.

דער סופר האָט געפאָלגט. עס האָט זיך תיכף ארויסגעוויזן, דאָס די תפילין זיינען פסול. אנשטאט עס האָט געדאַרפט זיין דער פסוק "ולא יראה לך שאור בכל גבולך" (דאָס הייסט, עס זאָל ביי דיר אום פסח זיך ניט געפונען ווערן קיין שום חמץ), איז גאָר געווען געשריבן "ולא יראה לך שור בכל גבולך" (עס זאָל זיך ביי דיר ניט געפונען ווערן קיין שום אָקס). די אלף פון דעם וואָרט שאור האָט אין גאַנצן געפעהלט.

— איצט ווייסטו שוין פאַר וואָס דיינע אָקסן פגר'ן דיר אלע אַוועק! — האָט ר' מאיר'ל געזאָגט צום פאַסעסאַר. — דו אליין בעטסט דאָך אלע טאָג וועגן דעם צו ג־ט... לאָז דיר איצט שרייבן אַ פאַר נייע תפילין און די מגפה וועט, מיט ג־ט'ס הילף, באַלד אין גאַנצן אויפהערן.

און אזוי איז טאַקע געשעהן. די מגפה האָט אינגאַנצן אויפגעהערט און דאמאָלס האָט מען ערשט געקענט פאַרשטעהן ר' מאיר'לס זעהר וייטן בליק און זיין רוח הקודש, פאַרוואָס ער האָט פּלוצים צו דער אָקסן־קראַנקהייט געהייסן די תפילין איבערזעהן — אַזאַ מין רפואה וואָס קיין שום אַנדערער דאָקטאָר ווייסט גאָר ניט פון איהר...

ווען מען קען נישט העלפן

אין בראד האָט געוואוינט אַ בעל הבית, וועלכער איז עטליכע מאָל אין יאָהר געפאָהרן קיין פרימישלאַן צום רבין ר' מאיר'ל. איינמאָל איז ער געפאָהרן אויף אַ שבת קיין פרימישלאַן. אָנקומענדיג דאָנערשטיג צום רבין און נעהמענדיג שלום, האָט דער רבי צו איהם אויסגערופן:

— פאָלג מיר, פאָהר אַהיים קיין בראד, איך וויל נישט אַז דו זאָלסט דאָ זיין שבת.

דער אורח האָט אָנגעהויבן בעטן, אַז דער רבי זאָל איהם ערלויבן צו פערבלייבן, אָבער אומזיסט. ער האָט זיך געמוזט צוריק קעהרן אַהיים.

ווי נאָר דער איד האָט פאַרלאָזט די שטאָדט, האָט זיך דער רבי ר' מאיר'ל אָנגערופן:

— דער איד איז נעבעך אַ בן־מות, און העלפן קען מען איהם נישט. איז דאָך גלייכער, אַז קומען צו קבורה זאָל ער בקבורת אבותיו...

און אַזוי איז טאַקע געווען. פרייטאָג אין דער פריה איז ער געקומען אַהיים, געגאַנגען אין מרחץ אַריין, און צוריקקומענדיג פון מרחץ, האָט ער בעקומען אַ האַרצשלאַג און גלייך נסתלק געוואָרן.

אַזוי ווייט האָט געזעהן דער דאָזיגער צדיק...

דער אמת'ער זיווג

איינמאָל האָט ר' מאיר'ל אָנגעזאָגט צו זיינע גבאים און הויז מענטשן וועלכע זענען געווען באשעפטיגט מיט אריינלאָזן די גרויסע צאָל פרעמדע מענטשן וואָס פלעגן קומען צו איהם, אַז זיי זאָלן פאַר די קומענדיגע צוויי וואָכן בשום אופן נישט צולאָזן קיין פרויען.

די סיבה דערפון האָט ער פאַר קיינעם נישט געזאָגט. עס איז אָבער גענוג געווען זיין שטרענגער אָנזאָג אַז עס זאָל ווערן פונקטליך אויסגעפיהרט.

חאָטש עס זענען דורך דער דאָזיגער צייט קיין פרימישלאַן אָנגעקומען אַ היבש ביסל אידן און זיי האָבן געוואָלט פאַרן רבין אויסגיסן זייער ביטער האַרץ, זענען זיי אָבער דאָך צו איהם נישט צוגעלאָזן געוואָרן. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום בקשות אָדער געלד צו די גבאים. דער רבי האָט אַזוי געהייסן און אַזוי האָט געמוזט זיין. זיי האָבן געמוזט אַהיים פאָהרן מיט גאָרנישט. אַנדערע האָבן זיך איינגעשפאַרט און געבליבן זיצן אין פרימישלאַן איבערוואַרטן די צוויי וואָכן.

ווען די צוויי וואָכן זענען שוין אַריבער, האָט ר' מאיר'ל ווידער ערלויבט אַז פרויען זאָלן צוגעלאָזן ווערן, אָבער נישט דעם זעלבן טאָג נאָר אויף מאָרגן, אין אַ טאָג ארום.

פאַרנאַכט איז קיין פרימישלאַן אָנגעקומען אַ מיידל פון לעמבערג, זי איז באַלד צוגעגאַנגען צו די גבאים און געבעטן מען זאָל זי יעצט שוין אריינלאָזן צום רבין. האָט מען איהר אויפמערקזאם געמאַכט אַז קודם כל איז דאָס היינט נישט מעגליך נאָר מאָרגן. און אפילו מאָרגן, וועט זי אויך מוזן וואַרטן ביז עס וועלן פריער אַריינגעהן די פרויען, וועלכע זענען שוין דאָ פון פריער און וואַרטן דאָ שוין עטליכע טעג, און אַנדערע שוין עטליכע וואָכן. ערשט דאן וועט מען קענען איהר צולאָזן צום רבין.

ווען דאָס מיידל האָט דאָס געהערט האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ שרעקליכן געוויין, זי האָט אזוי מורא'דיג געוויינט און געקלאָגט אַז עס האָט געקענט אַ שטיין ריהרן.

עס האָבן זיך באַלד צונויף געקליבן אַ גרויסער רעדל פון די הויז מענטשן און געוואָלט וויסן פאַרוואָס עס איז אויף איהר אַזאַ איילעניש. און וואָס וועט פאַסירן אויב מען וועט איהר מיט אַ טאָג שפעטער צולאָזן צום רבין ? דאָס מיידל האָט אָבער שוין געחלש'ט פון גרויס אויפרעגונג און דערשלאָגנקייט. האָט מען פארשטאַנען פון איהר אַז זי וויל דווקא, מען זאָל איהר נאָך היינט צולאָזן צום רבין, ווייל זי איז געקומען מיט אַזאַ וואָגן וואָס דאַרף באַלד צוריק פאָהרן קיין לעמבערג. זי איז אַ דינסט מיידל אין אַ הויז פון קליינע קינדער, און זי האָט זיך קוים געקענט ארויסרייסן פון דער היים אין דער צייט וואָס איהרע בעלי בתים זענען אָוועקגע־פאָהרן היינטיגן טאָג אויף אַ חתונה. אויב זי זאָל נישט זיין פריהער אין דערהיים ווי זיי, אויב די בעלי בתים וועלן קומען צוריק אהיים און מען וועט איהר דאָרט נאָך נישט טרעפן, וועט זיך דאָרטן טאָהן חושך און מען וועט איהר ארויסטרייבן פון הויז.

ר' מאיר'לס ווייב, די אלטע רעבעצן, וועלכע איז געווען אַ גאָר גרויסע צדיקת, האָט נישט געקענט פאַרנעמען דעם גרויסן צער פון דער לעמבערגער מיידל, איז זי אריינגעגאַנגען צו איהם און שטאַרק געבעטן אַז ער זאָל מאַכן אַ אויסנאַם און איהר יעצט אָננעהמען.

אין אָנהויב האָט ר' מאיר'ל וועגן דעם נישט געוואָלט הערן, האָט זי אָבער אַזוי לאַנג מפציר געווען ביז ער האָט געמוזט נאָכגעבן איהר פאַרלאַנג און דאָס מיידל צו איהם אַריינלאָזן.

✶

ווען דאָס מיידל איז שוין געווען ביי ר' מאיר'לען האָט זי אָנגעהויבן זייער שטאַרק צו וויינען: זי איז אַ יתומה, און האָט שוין דערגרייכט איהרע ביין און צוואַנציג יאָהר, אָבער קיין שדוך האָט זיך איהר נאָך אַלץ נישט געטראָפן, מען האָט איהר אין לעמבערג געזאָגט אַז אויב דער רבי זאָל נאָר וועלן קען זי געהאָלפן ווערן און קריגן איהר ריכטיגן זיווג.

— פאָהר געזונטערהייט אַהיים — האָט ר' מאיר'ל צו איהר געזאָגט — און קום

צוריק אין עטליכע יאָהר ארום, דעמאָלס, האָף איך, וועסטו זיכער קריגן דיין ריכטיגן זיווג.

דאָס מיידל, ווען זי האָט דערהערט די דאָזיגע ווערטער, האָט ווידער אָנגעהויבן צו וויינען און ווי עס זעהט אויס, האָט זי געהאַט אַ טבע פון חלשות, ווייל זי איז ווידער אנידערגעפאלן און געחלשט, מען האָט מיט איהר געהאַט אַ היבש ביסל מיה ביז מען האָט איהר צוריק געמינטערט.

— ניין, זי וויל נישט! אַז השם יתברך האָט איהר שוין יאָ געהאָלפן און זי האָט זיך קוים געקענט דערשלאָגן צום רבין, וויל זי אַזוי לאַנג נישט ווארטן, נאָר זי וויל, אַז איהר הילף זאָל קומען שוין טאַקע דאָ אויפן אָרט...

— ווייסטו וואָס, — האָט זיך ר' מאיר'ל ביי איהר ווי געבעטן — קום אין אַ צוויי יאָהר ארום און דעמאָלס האָף איך, וועל איך געפינען פאַר דיר אַ פיינעם חתן.

— ניין, ניין, און נאָכאַמאָל ניין! זי וועט פון דעם רבין נישט אָפּטרעטן ביז ער וועט איהר בקשה תיכף ערפיהלן, זי האָט אויף איהר זיווג געוואַרט גאַנצע ניין און צוואַנציג יאָהר, דענקט זי אַז עס איז שוין גענוג און דער רבי וועלכער העלפט אַלעמען, מוז איהר אויך יעצט העלפן אַז זי זאָל קענען צוריק אַהיים פאָהרן אַ געהאָלפענע...

ווען ר' מאיר'ל האָט געזעהן, אַז דאָס מיידל איז אַזוי איינגעשפאַרט און וויל דווקא פון איהם נישט אָפּטרעטן, האָט ער אָנגעהויבן מיט איהר זיך צו דינגען און איהר געבעטן אַז זי זאָל קומען מיט איין יאָהר שפּעטער. ער האָט געהאַלטן אין איין נאָכלאָזן פון דער צייט אבי דאָס מיידל צו בערוהיגן, זי האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט אָפּטרעטן, זי האָט געהאַלטן אין איין קלאָגן און וויינען — אַז איהר הילף מוז טאַקע דאָ אויפן אָרט קומען און זי וויל זיך נישט בענוגענען מיט צוזאָגאכטצן...

די גבאים וועלכע זענען דערביי געווען, האָבן דאָס צוגעזעהן און ווייל זיי זענען נישט געווען געוואוינט צו אַזעלכע געשעפטן, האָבן זיי איהר געוואָלט אַרויס טרייבן פון ר' מאיר'לס הויז, האָט זי אָנגעהויבן צו חלשן און די ווייבער האָבן מיט איהר געהאַט אַ נייעם עסק זי צו דערמינטערן.

בשעת דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען, איז ר' מאיר'ל געווען זייער פערטראַכט, מען האָט אויף זיין הייליגער צורה געקענט דערקענען אַז ער האָט פון דעם גאַנצן עסק זייער פיהל עגמת נפש.

✶

אין דער צייט ווען דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען און ר' מאיר'ל האָט געהאַלטן אין איין אייַנטענה'ן מיט דער לעמבערגער מיידל, האָט אַ יונגערמאַן אויפגעמאַכט די טהיר פון ר' מאיר'לס שטוב און ער איז אַריין מיט אַ ביטערליכן געוויין.

— זיין ווייב, איז נעבאַך זייער געפעהרליך און דאַרף גרויס רחמים.

ר' מאיר'ל האָט מיט דעם יונגערמאַן נישט געמאַכט קיין גרויסע שהיות און

איהם באַלד אפגעפטרט און אהיים געשיקט, כאָטש עס איז געווען צו דערקענען אויף איהם אַ גרויס צובראָכנקייט.

ווען ער איז ארויס פון שטוב, האָט ר׳ מאיר׳ל זיך אָנגערופן צו דאָס מיידל, אַז זי זאָל אהיים פאָרן און זי וועט שוין טרעפן איהר ריכטיגן שידוך.

דערהערנדיג בעשטימטע ווערטער פון דעם רבינס מויל, האָט זיך דאָס מיידל שוין אינגאַנצן בערוהיגט, זיך געזעגנט און איז באַלד אהיימגעפאָהרן, זי האָט פארשטאנען אז דער רבי וועט איהר חלילה קיין ליגן נישט זאָגן און אַזוי ווי ער האָט געזאָגט, אַזוי וועט עס זיכער זיין. אין אַ גאָר קורצע צייט.

✶

דאָס ווייבל, וועמעס מאן עס איז דאָ ערשט געווען ביים רבין, האָט נישט געקענט אויסהאַלטן די שווערע מחלה, און זי איז נעבאַך אַזוי יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט. ווען עס איז אריבער עטליכע חדשים און דער יונגערמאן האָט זיך אָנגעהויבן צו טרייסטן און קומען צו זיך פון זיין גרויסן אומגליק, האָבן שדכנים אנגעהויבן צו ווערן אריינגעהערס ביי איהם און געגומען איהם אנשלאָגן פארשידענע שידוכים.

דער ערשטער שידוך וואָס זיי האָבן איהם אָנגעשלאָגן איז געווען מיט די דאָזיגע עלטערע מיידל פון לעמבערג וועלכע איז געווען — חאָטש זי האָט געדינט ביי פרעמדע מענטשן, — פון אַ זייער חשובע פאמיליע און זי האָט זיך אויך געהאט אָנגעזאמלט אַ היבש ביסל געלד.

ווען דער יונגערמאן, וועלכער איז געווען ר׳ מאיר׳לס אַ חסיד, האָט איהם געפרעגט מכח דעם דאָזיגן שידוך, האָט ר׳ מאיר׳ל דערצו מסכים געווען און איהם אָנגעזאָגט אַז קיין אַנדערן שדוך זאָל ער גאָרנישט זוכן, ווייל דאָס איז זיין אמת׳ער זיווג.

דער שידוך איז באַלד געשלאָסן געוואָרן. דאָס פּאָר פאָלק האָט נאָך דער חתונה, געהאט זייער אַ גוטן לעבן, נחת און קינדער און אַלעס גוטס.

✶

— מאיר האָט געוואוסט וואָס ער טהוט — האָט ר׳ מאיר׳ל מיט אַ צייט שפּעטער געזאָגט צו זיינע מקורבים — ווען ער האָט דעמאָלס דורך אַ צייט פון צוויי וואָכן נישט געוואָלט זיך צולאָזן קיין פרויען, ער האָט געוואוסט וועגן דעם לעמבערגער מיידל אַז עס איז שוין געקומען יעצט די ריכטיגע צייט ווען זי זאָל באַקומען איהר זיווג, דאָס איז אָבער נאָר מעגליך געווען ווען דאָס יונגע ווייבל זאָל איהר מאכן פּלאַץ און פריער אַוועקגעהן פון דער וועלט.

עס איז אָבער מאיר׳ן געווען אַ גרויסער רחמנות אַז אַזאַ יונג בלוט זאָל געהן אַזוי פריה פון דער וועלט, האָט ער זיך געקליגט און ער האָט געמיינט אַז ער וועט אויף אַזאַ אופן קענען אָפּהאַלטן דער פרוי׳ס גזר דין.

און אַז ער האָט געזעהן אַז דאָס איז נישט מעגליך, אַז טראָץ זיינע אַלע באַווארענישן איז אָבער דאָס מיידל דאָך געקומען און זי האָט געמאַנט דאָס וואָס

עס האָט איהר געקומט על פי דין, על פי יושר — איהר ריכטיגן זיווג, האָט מאיר זיך געהאַלטן מיט איהר אין איין דינגען, ער האָט געוואָלט אָפּלעגן חאַטש אויף צוויי יאָהר, כדי די יונגע ווייבל צו געבן א געלעגנהייט צו ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט און זי זאָל גענוג צייט האָבן איהם אויסזויגן.

דאָס מיידל איז אָבער פעסט בעשטאַנען אויף איהרע רעכט און האָט — חאַטש מאיר האָט זיך מיט איהר אַזוי שטאַרק געדונגען — גאָרנישט געוואָלט נאָכלאָזן און אויף אַזאַ אופן האָט מען אויבן אין הימל דאָס יונגע ווייבל געמוזט צונעהמען פון דער וועלט כדי די אַנדערע זאָל קענען וואָס גיכער קריגן איהר בעשטימטן זיווג.

— ווי עס זעהט אויס — האָט ר׳ מאיר׳ל געענדיגט זיינע ווערטער — איז דער מלאך הממונה על הזיווגים, דאָס מאַהל, געוועזן שטאַרקער פון מאיר׳ן און ער האָט דאָס זייניגע דאָך אויסגעפיהרט.

✶

עס איז זייער אינטערעסאַנט אין דעם געלעגנהייט אַראָפּברענגען וואָס ווערט געברענגט אין ירושלמי (כתובות פ״א ה״א) וועגן די הלכה אַז מען מעג אַ שידוך טאָן אָפילו תשעה באב ״שלא יקדמנו אחר״ אַ צווייטער זאָל איהם נישט אויסכאַפּן. פרעגט דער ירושלמי עס שטעהט דאָך אַז ארבעים יום קודם יצירת הולד, פערציג טאָג נאָך איידער דאָס קינד ווערט בעשאַפן רופט מען אויס אין הימל ווער איז דער זיווג. ענטפערט דער ירושלמי ״שלא יקדמנו אחר בתפלה״, מען קען אויסכאַפּן יענעמס זיווג דורך תפלה, ווען מען איז דערויף מתפלל, אָבער, פיהרט אויס דער ירושלמי: ״ואף על פי כן לא קיימא״ — דער דאָזיגער פאָרל וואָס איז געוואָרן דורך תפלה וועט נישט לאַנג האַלטן, אַזוי צו אַזוי און דער אמת׳ער זיווג וועט ענדליך צוקומען, ווייל אַזוי איז נגזר געוואָרן אין הימל און מען קען עס נישט איבערמאַכן.

די איינגעמאַכץ וואָס ברענגט הילף

אין אַ דאָרף, ניט ווייט פון פרימישלאָן, האָט געוואוינט אַ אָרעמע אלמנה מיט דריי קינדער. די קינדער זיינען נאָך געוועזן קליין און זי האָט געמוזט איבערלאָזן די קינדער אַליין, אין דער אָרימער שטוב, און געהן זוכען עפּעס אַ אַרבייט צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט פאַר די קינדער.

ווען די קינדער זיינען עלטער געוואָרן, האָט די אָרימע מאַמע נישט געקענט שלאָפן גאַנצע נעכט, ווייל זי פלעגט ליגן אין בעט און טראַכטן וועגן דעם, וואָס וועט זיין דער סוף ? די קינדער ווערן עלטער און זיי האָבן ניט אָפילו אַ ריכטיגן מלבוש אָנצוטאָן, כדי זיי זאָלן קענען ארויסגעהן צווישן מענטשן צו זוכן עפּעס אַ אַרבייט ; און שפּעטער, ווען זיי וועלן שטעהן אין שידוכים, וואו וועט זי בעהמען נדן זיי צו געבן, אָדער אַנדערע נויטיגע זאַכן, וואָס יעדע מאַמע גיט איהר טאָכטער, ווען זי געהט חתונה האָבן . . . און זי אַליין פיהלט, אַז זי ווערט מיט יעדן טאָג שוואַכער, זי פיהלט, אַז איהרע כחות לאָזן זיך אויס.

איז איהר איינגעפאלן א געדאנק, אז זי זאל פאהרן צום רבי'ן ר' מאיר'ל פון פרימישלאן, זי האט געהערט, אז פיל מענטשן זיינען דורך זיינע ברכות געהאלפן געווארן, אפשר וועט ער איהר אויך העלפן.

אריינקומענדיג צום רבין האט זי דערלאנגט א פדיון, א האלבן רייניש, און אויסגעבראכן אין א געוויין...

דער רבי האט באלד דעם האלבן רייניש איהר צוריק אפגעגעבן און געזאגט, אז פאר דאס געלט זאל זי בעסער קויפן א פאר מאראנצן און זי זאל די זאפט גוט אויסדריקן, און די שאלעכץ אויסטריקענען און דאן צומאהלן, און די צומאלענע אראנדזש-שאלעכץ אריינטאן אין א כלי און דאס וועט זיין א רפואה פאר איהר און פאר איהרע טעכטער, איהר געהייסן באלד אהיים פאהרן און ג-ט וועט איהר העלפן.

קומענדיג אהיים האט זי אזוי געטאן ווי דער רבי האט געהייסן.

✶

מיט עטליכע טעג שפעטער איז אין דעם רעסטאראן וואו זי האט געארבייט אריינגעקומען א רייכער מאן, זעהר שעהן געקליידעט, און געקומען איז ער אין א שעהנער קארעטע. אריינקומענדיג אין רעסטאראן, איז ער געווען זעהר צערודערט, און בשעת ער האט געגעסן האט ער ביי דעם עסען געוויינט...

ווען די אלמנה האט עס באמערקט, האט זי מיט א געבראכענער שטימע געפרעגט דעם מאן פארוואס ער וויינט. האט ער איהר דערצעהלט, אז ער האט איין-איינציגע טאכטער און זי איז געפערליך קראנק. ער האט שוין צו איהר געבראכט פארשידענע דאקטוירים און פראפעסארן, אבער זיי קענען פאר איהר גארנישט טאן. וואס אמאל ווערט זי אלץ שוואכער, און נאר ג-ט קען איהר העלפן, און ער זאל זיך מרחם זיין און איר שיקן א רפואה.

דא האט זיך די אלמנה דערמאנט אין דער רפואה, וואס דער רבי האט איהר געהייסן מאכן. גיט זי א זאג צום רייכן מאן, אז זי האט א מעדיצין און זי האפט צו ג-ט אז ווען די קראנקע וועט עס נעהמען א פאר מאל, וועט זי געזונט ווערן.

ווען דער מאן האט עס דערהערט, איז ער א דערציטערטער געווארן, זי געבעטן, אז זי זאל איהם געבן די מעדיצין, און אויב דאס וועט העלפען, וועט ער זי מיט איהרע קינדער גליקליך מאכן...

די פרוי איז שנעל אהיים געלאפן און געבראכט דעם מאן אביסל פון די צומאהלענע אראנדזש-זאפט, אין א פושקעלע, און איהם געהייסן דעם זאפט אריינשיטן אין א גלאז מילך און געבן דער קראנקער א פאר מאל דאס צום טרינקען.

דער מאן האט לאנג נישט געקלערט, גענומען די מעדיצין, און דערווייל געגעבן דער פרוי א פאר רייניש, און איהר צוגעזאגט, אז ווען זיין טאכטער וועט געזונט ווערן, וועט ער שוין וויסן ווי איהר צו באלוינען...

עס האט נישט לאנג גענומען, און גלייך אויפ'ן צווייטן טאג איז אריינגעקומען דער מאן מיט א שמחה, דאס אזוי שנעל ווי ער האט געגעבן זיין קראנקער טאכטער

אַ פּאָר מאָל די מעדיצין, האָט זי אָנגעהויבן פיהלן גוט און ג־ט צו דאַנקען, זי קען שוין אַביסל זיך אויפזעצען און גיט אַ שמייכל. דאַן נעמט ער אַרויס פון זיין טאַש 300 רייניש און גיט עס דער פרוי, נאָר איידער ער גיט איהר דאָס געלט וויל ער וויסן וואָס פאַר אַ מעדיצין דאָס איז געווען?

דאַ האָט איהם די פרוי דערצעהלט די גאַנצע מעשה, ווי דער רבי ר' מאיר'ל האָט איהר געהייסן מאַכן דעם מעדיצין, און איצט וועט זי פאָהרן צום רבין און אים האַרציג באַדאַנקען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז מיט דער פרוי איז אויך דער מאַן מיטגעפאָהרן. און אַזוי אַרום איז נישט נאָר די אָרימע פרוי געהאָלפן געוואָרן, נאָר אויך די טאָכטער פון דאָזיגן גביר האָט בעקומען דורך דעם צדיק צוגעשיקט אַ רפואה שלימה.

דוד המלך איז מקבל פנים

דער הייליגער רבי ר' מאיר'ל פרימישלאַנער האָט אַמאָל געזאָגט פאַר זיינע חסידים:

— איר זאָלט וויסן אַז אין די שטאָט קיטעוו איז היינט נפטר געוואָרן אַ איד וואָס האָט געהאַט די זכיה אַז דוד המלך עליו השלום איז אים אַקעגן געגאַנגען פון גן עדן מיט זיין פידל אין די האַנט.

די שטאָט קיטעוו איז געווען זייער ווייט פון פרימישלאַן און אַזוי ווי אין יענע צייטן איז נאָך נישט געווען קיין טעלעפאָן מ'זאָל קענען וויסן אַזוי שנעל פון איין אָרט צום צווייטן וואָס עס קומט דאָרט פאָר, האָבן זיך די חסידים קודם פּינקטליך פאַרצייכנט דעם טאָג ווען דאָס האָט פאַסירט.

אַזוי ווי די חסידים זענען דאָך נייגעריג געווען צו וויסן ווער עס איז געווען דער איד וואָס האָט געהאַט די גרויסע זכיה? און זיי האָבן אויך געוואָלט וויסן ווי אַזוי דער איד איז צוגעקומען צו אַזאַ דערהויבנקייט? ווייל אויב דער רבי האָט עס פאַר זיי דערציילט איז דאָך זיכער פאַראַן דערין עפּעס וואָס מ'זאָל זיך קענען אָראָפּלערנען פון דעם איד.

האָבן די חסידים זיך פאַרבונדן דורך שליחים און בריוו געוואויר צו ווערן ווער עס איז לעצטנס נפטר געוואָרן אין די שטאָט קיטעוו.

אינטערעסאַנט איז געווען פאַר זיי צו באַקומען אַ ענטפער פון שטאָט קיטעוו, אַז פּונקט אין דעם טאָג טאַקע וואָס זיי האָבן געהאַט פאַרצייכנט, איז אַוועק ביי זיי אין שטאָט אַ איד, וואָס פלעגט שטענדיג זאָגן תהלים זייער ערליך און מיט גרויס כוונה, ער פלעגט זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר השי"ת ביי יעדן וואָרט.

האָבן שוין די חסידים פאַרשטאַנען אַז אין דעם זכות, איז אים אַקעגן געגאַנגען דער מחבר פון תהלים — טאַקע דוד המלך אַליין מיט זיין פידל וואָס דערמיט האָט ער געזונגען די אַלע האַרציגע לויב געזאַנגען צו השי"ת.

נישט קיין כשר׳ער ספר

אַ וואונדערבאַרע רוח הקודש, פון ר׳ מאיר׳לען ווי ער האָט גערעטעוועט איינעם פון די שפּעטערע גדולים פון יענע צייט מען זאָל איהם נישט פאַרפיהרן, ווערט דערצעהלט ווי פאָלגענד:

זיבן יאָהר איז אַלט געווען דער קליינער שלום מרדכי ווען דאָס גאַנצע שטעטל האָט שוין מיט אים געקלונגען. ער האָט שוין געקענט צענדליגער בלעטער גמרא ותוספות בעל פה, פיהל סימנים פון שולחן ערוך אורח חיים ויורה דעה האָט ער געוואוסט אויסנווייניג.

זיין פאָטער ר׳ משה, איז געווען אַ באַוואוסטער גביר, אַ איד אַ גרויסער תלמיד חכם און ירא שמים, אַ שטאַרקער מקורב ביי די צדיקי הדור. דער פאָטער האָט געזען אַז זיין זון שטייגט ווייט אַריבער אַלע חברים פון זיין עלטער, האָט ער פאַר אים געדונגען אַ ספּעציעלן מלמד, אַ גרויסן תלמיד חכם און ערליכן איד, וועלכער האָט געלערנט מיט דעם חריפות׳דיגן אינגל.

אין זעלבן שטעטל איז געווען אַ מלמד אַ ״משכיל״ וועלכער איז שוין געווען אָנגעשטעקט מיט כפירה און מינות. ער האָט געוואָרפן אַ אויג אויף דעם וואונדער־קינד שלום מרדכי און האָט באַשלאָסן אים צו פאַנגען אין זיין נעץ. דער משכילישער מלמד האָט מיט פאַרשידענע זיסע רייד געזוכט צו געווינען דעם צוטרוי פון אינגל. צום ערשט האָט ער אים פאַרהערט און אויסגעפרעגט פאַרשידענע שאַרפע שאלות, און דערנאָך האָט ער צוגערעדט דעם קליינעם שלום מרדכי ער זאָל זיך פאַרלייגן צו לערנען חכמת הדקדוק, ״אָן דעם קען אַ מענטש נישט דערגרייכן קיין שלימות״, האָט ער אים געזאָגט. ״מען קען נישט פאַרשטיין אַ סך פסוקים פון דער תורה אָן דקדוק. אַלע גדולי וגאוני ישראל האָבן געקענט דקדוק. און אויך דו וועסט חרטה האָבן אויב דו וועסט עס נישט לערנען. יעצט ביזטו נאָך יונג, אָבער ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו אַליין איינזען ווי שטאַרק דאָס וועט דיר אויספעלן, אָבער דעמאָלט וועט שוין זיין צו שפּעט, וואָס מען לערנט אין דער יוגנט, דאָס געדענקט מען גוט״. אַזעלכע און ענליכע ווערטער האָט דער משכילישער מלמד גערעדט צום קליינעם שלום מרדכי.

— איך ווייס אַז דו ביזט נישט שולדיג. די שולד ליגט אויף דיין מלמד, וואָס ער לערנט דיר נישט דקדוק. אָבער דערמיט וועסטו קיין סך נישט געהאָלפן ווערן...

— ״אויב דו ווילסט — האָט דער משכיל־מלמד ווייטער געזאָגט — וועל איך מיט דיר לערנען חכמת הדקדוק. נאָר אידער איך וועל מיט דיר אָנפאַנגען צו לערנען, גיב איך דיר איבער אַ ספר, וואָס אין דעם זאָלסטו קודם לערנען ביז דו וועסט האָבן אַ באַגריף פון די גרונט פּרינציפּן אין חכמת־הדקדוק, און דערנאָך וועל איך מיט דיר לערנען ביז דו וועסט האָבן אַ פולקאָמע ידיעה אין דקדוק, דו וועסט זען, אַז דו וועסט מיר אַלעמאָל דאַנקבאַר זיין דערפאַר״.

— איין זאַך בעט איך פון דיר — האָט דער משכיל־מלמד ווייטער געזאָגט —

אַז דו זאָלסט נישט אויסזאָגן פאַר דיין פאָטער קיין שום זאַך. דו זאָלסט באַהאַלטן דאָס ספר אַז דיין פאָטער זאָל עס נישט זען און נישט באַמערקן. דער טעם איז אַ פשוט'ער: איך ווייס אַז דיין טאַטע איז אַ חסיד, און די חסידים קוקן געוועגליך מיט חשד אויף לערנען דקדוק, ווייל זיי האַלטן אַז דערויף האָבן די הייליגע חכמים געוואָרנט "מנעו בניכם מן ההגיון", אָבער נישט דאָס מיינט דאָרט די גמרא מיט דעם... — אַזוי האָט דער "משכיל" צו אים גערעדט.

דער "משכיל" האָט אים ווייטער איינגערעדט:

דער עיקר התנגדות פון די חסידים צום לערנען דקדוק נעמט זיך פון דעם, וואָס דאָס רוב מחברים פון די דקדוק ספרים זענען מתנגדים, און דערפאַר לאָזן נישט די חסידים לערנען די ספרים פון די בעלי הדקדוק. און היות דיין פאָטער איז דאָך אויך פון די חסידים, זאָלסטו זען אַז ער זאָל בשום אופן נישט געוואויר ווערן אַז איך האָב דיר געגעבן דאָס ספר צום לערנען. אויך פון דיין מלמד זאָלסטו די זאַך האַלטן בסוד — האָט אים דער משכיל-מלמד געוואָרנט.

דער שאַרפער מוח פון דעם זיבן יאָריגן שלום מרדכי האָט געדורשט נאָך וויסן, נאָך תורה און חכמה, האָט ער זיך געלאָזט צורעדן. ער האָט גענומען דאָס ספר און באַהאַלטן עס אויפ'ן בוידעם. פרייטאָג נאָכמיטאָג נאָכדעם ווי ער איז פריי געוואָרן פון זיינע שיעורים ביים מלמד, איז ער אַרויף אויפ'ן בוידעם און האָט אַריינגעקוקט אין דעם ביכל. עס איז אַריבער אַ וואָך און עס איז געקומען אַ צווייטער פרייטאָג, איז שלום מרדכי ווידער אַרויף אויפ'ן בוידעם און אַריינגעקוקט אין דעם ביכל.

✶

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט זיך זיין פאָטער החסיד ר' משה געקליבן צו פאָרן קיין פרימישלאַן אויף שבת צום רבי'ן ר' מאיר'ל פרימישלאַנער. ר' משה פלעגט זיך נוהג צו זיין אָפּצושיידן מעשר פון אַלע זיינע רווחים. דאָס מעשר געלט האָט ער צוטיילט אין צווייען, איין טייל פלעגט ער אָפּפירן צום רבי'ן ר' מאיר'ל קיין פרימישלאַן, און דעם צווייטן חלק צום רבי'ן ר' שלמה'לע אַזשעראַנער.

— אפשר ווילסטו פאָרן מיט מיר קיין פרימישלאַן צום רבי'ן? — האָט ר' משה געפרעגט זיין זון שלום מרדכי. דאָס אינגל האָט פאַרשטייט זיך מסכים געווען און זיי זענען ביידע געפאָהרן אויף שבת קיין פרימישלאַן.

ווען ר' משה איז אָנגעקומען קיין פרימישלאַן האָט ער געטראָפן דעם צדיק זיצן אויף אַ נידעריג בענקעלע אין אַ טונקעלער שטוב. זינט מ'האָט אַרעסטירט דעם הייליגן ריזשינער זי"ע האָט דער צדיק רבי מאיר'ל אויף זיך מקבל געווען צו זיצן אין אַ פינסטערער שטוב אויף אַ נידעריג בענקעלע כמעט אויף דער ערד, עד ירחם השם.

ר' משה האָט געזען ווי דער צדיק איז אַזוי שרוי בצער, האָט ער ביי זיך געטראַכט, אפשר וואָלט איך איצט געדאַרפט געבן דאָס גאַנצע מעשר געלט פאַר'ן רבי'ן, און עס נישט צוטיילן אויף צוויי חלקים, ווי איך פלעג טאָן שטענדיג...

אין דער מינוט האָט זיך אָנגערופן דער הייליגער פרימישלאַנער:

— משה קלערט צו זאָל ער געבן דאָס גאַנצע מעשר געלט פאַר מאיר׳לען, אָדער נאָר די העלפט ווי ער איז זיך תּמיד נוהג. פרעג איך: צו איז דען נאָך פאַראַן אַ גרעסערער אָרימאַן ווי מאיר?...

פאַרשטייט זיך אַז ר׳ משה האָט אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע געלט און דער רבי האָט אים אָנגעוואונשן און געבענטשט כדרכו בקודש. ר׳ משה האָט געבעטן ער זאָל בענטשן אויך זיין קינד, שלום מרדכי׳ן.

אין דער טונקלקייט פון צימער האָט דער צדיק אַרויפגעלייגט זיינע הייליגע הענט אויפ׳ן קאָפּ פון אינגל, און מיטאַמאָל האָט ער גענומען שרייען הויך: ״בני אל תלך בדרך אתם, מנע רגלך מנתיבתם, כי רגליהם לרע ירוצו וימהרו לשפוך דם״ (מיין קינד זאָלסט נישט גיין אין זייער וועג. מייד אויס דיינע פיס פון זייערע דרכים. ווארום זיי לויפן נאָר צו טאָן שלעכטס און צו פאַרגיסן בלוט).

עטליכע מאָל האָט דער צדיק איבערגעחזר׳ט דעם פסוק פון משלי מיט גרויסע געשרייען און מיט מורא׳דיגער התעוררות. אַ פחד איז געפאַלן אויפ׳ן פאָטער מיט׳ן זון. די ווערטער האָבן זיי געשטאָכן ווי מיט שפּיזן. דאָס האָט אַזוי געדויערט אַ היבשע פאַר מינוטן. דער קליינער שלום מרדכי איז נאָך געווען יונג, אָבער יענע מינוטן האָבן זיך איינגעקריצט טיף אין זיין האַרץ און ער האָט זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

נאָכדעם ווי דער צדיק האָט זיך עטוואָס באַרואיגט, האָט ער גענומען גלעטן דאָס אינגל איבער די באַקן און אים געזאָגט מילד פאָטערליך:

— מיין קינד, זאָלסט נישט צוהערן זיך צום קיינעם וואָס מ׳וויל דיך אָנרעדן דו זאָלסט לערנען דקדוק אָדער אַנדערע זאַכן, נאָר דאָס וואָס דיין טאַטע הייסט דיר לערנען. זאָלסט תּמיד פרעגן דיין טאַטן פריער אויב מען מעג די זאַך לערנען, ווייל מ׳וויל דיך אַראָפּפירן פון הייליגן אידישן וועג. זאָלסט קיינעם נישט הערן, נאָר זאָלסט דיך פירן ווי דיינע עלטערן פירן זיך, און ווי דיינע זיידעס האָבן זיך געפירט, דעמאָלט וועסטו מצליח זיין אין דיין לערנען און דו וועסט אויסוואַקסן אַ גדול בתורה און וועסט זיין אַ גדול בישראל. געדענק גוט וואָס איך זאָג דיר אָן, וועסטו מאריך ימים זיין און עס וועט דיר זיין גוט בזה ובבא.

ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין האָט דער צדיק רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער נאָכאַמאָל איבערגעחזר׳ט די ווערטער:

— געדענק גוט, מיין קינד, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט. זאָלסט נישט צוהערן זיך צו קיין שום מענטש וואָס זאָגט דיר אַז ער מיינט דיין טובה. זאָלסט נישט נעמען אין דער האַנט אַריין קיין שום ספר אָן דעם וויסן און רשות פון דיין פאָטער, ווייל מען יאָגט זיך נאָך דיר און מען וויל דיך אַראָפּפירן פון ריכטיגן וועג. פאַרטרייב זיי פון דיר. זאָלסט מיט זיי נישט האָבן קיין שום פאַרקער. זאָלסט מיך פאָלגן, און השם יתברך זאָל דיך אויסהיטן פון אַלעם בייזן...

ר׳ משה האָט זיך קוים געקענט איינהאַלטן ווען זיי זענען אַרויסגעקומען. ער האָט פאַרשטאַנען אַז עפּעס גייט דאָ פאָר. נישט אומזיסט האָט דער צדיק געשריגן מיט אַזעלכע קולות און געוואָרנט זיין זון אַזויפיל מאָל מיט אַזעלכע האַרבע התראות. דער צדיק זעט מיט זיין רוח הקודש אַז עפּעס קומט דאָ פאָר. ער האָט זיך קוים געקענט איינהאַלטן:

— שוין זאָלסטו מיר זאָגן וואָס עס האָט פאַסירט — האָט דער פאָטער גערעדט שטרענג צו זיין זון. — דער רבי האָט נישט געשריגן סתם אין דער וועלט אַריין. איך קען נישט חושד זיין דיין מלמד, ווייל איך קען אים אַלס תלמיד חכם און ירא שמים. אָבער קען זיין אַז דיין מלמד איז גאָר פאַרשטעלט, אַז ער מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ ערליכן איד, אָבער אינעווייניג איז ער פאַרדאָרבן און געכאַפּט אין דעות נפסדות חס ושלום. איך וויל זאָלסט מיר אַלעס דערציילן. קיין וואָרט זאָלסטו פון מיר נישט אויסבאַהאַלטן!

— ניין, טאַטע — האָט געזאָגט שלום מרדכי אַ ציטערדיגער פון שרעק. — מיין מלמד איז אַ איש תם וישר וירא אלקים. נישט ער איז שולדיג. נאָר יענער משכילישער מלמד. ער האָט מיך אָנגערעדט צו לערנען ביי אים דקדוק, זאָגנדיג אַז יעדער תלמיד חכם דאַרף דאָס קענען. ער האָט מיר געגעבן אַ ספר פון איינעם אַ מחבר וואָס ער האָט אים געלויבט אַלס ערליכן אידן, נאָר ער איז נישט קיין חסיד. ער איז פון די מתנגדים, און דערפאַר האָט ער מיר אָנגעזאָגט איך זאָל פאַרבאַרגן פון דיר די גאַנצע זאַך, וויסנדיג אַז דו אַליין חסיד וועסטו נישט לאָזן איך זאָל לערנען אין אַ ספר פון אַ מתנגד צו חסידות. איך האָב אים געגלויבט, און איך האָב אַריינגעקוקט אין דעם ספר צוויי מאָל. איצט זעה איך אַז דער הייליגער צדיק האָט דאָס דערשפּירט ברוח קדשו...

אַהיימקומענדיג איז שלום מרדכי גלייך אַרויף אויפ׳ן בוידעם, געזוכט דאָס ספר און עס פאַרבר׳ענט, און מקיים געווען ״ובערת הרע מקרבך״!

שבת האלטן אין דארף

נישט בלויז גשמיות׳דיגע זאַכן, האָט ר׳ מאיר׳ל אין זינען געהאַט, אַז עס זאָל דערפון נישט פעהלן פאַר זיינע אָנהענגער, ער האָט נאָך מעהר אין זינען געהאַט זייערע רוחניות׳דיגע באַדערפענישן, ער האָט שטענדיג אַכטונג געגעבן, אַז טייל פון זיינע מענטשן, כאָטש זיי זיינען נישט געווען פון די גאָר גרויסע חסידים, אדער פרומע לייט, אַז זיי זאָלן אפּגעהיט ווערן פון אַ עבירה און אפּטמאָהל זיי דערפון אפּגעהאַלטן.

איבערהויפּט האָט זיך ר׳ מאיר׳ל אפּגעגעבן מיט די אַרענדאַרס, וועלכע פלעגן זיך אין איהם האַלטן, אַז זיי זאָלן, חלילה, נישט נכשל ווערן אין קיין עבירות און ער האָט, אויף ווי ווייט עס איז איהם נאָר מעגליך געווען, זיי דערפון אָפּגעהיט.

און דערויף ווערט דערצעהלט פאָלגענדע מעשה:

צו ר׳ מאיר׳לען פלעגט זייער אָפט קומען איינער פון זיינע גאָר געהויבענע חסידים, ר׳ לייב נעסער, פון ווילקאטש.

איינמאָל אין אַ פרייטאָג פאַרטאָג, איז ר׳ לייב געקומען צו ר׳ מאיר׳לען קיין פרימישלאן, ער איז ביינאַכט געגאַנגען היבשע עטליכע מייל צו פוס, כדי ער זאָל האָבן פרייטאָג אַ גאַנצן טאָג פריי און נהנה זיין פון דעם רבי׳נס התקרבות, צו בלייבן דאָרטן אין פרימישלאן אויף איבער שבת, און שעפן פון רבין תורה און יראת שמים.

אָבער קוים איז ער אריין צו רבי מאיר׳לען און פון איהם שלום גענומען, האָט ר׳ מאיר צו איהם אויסגערופן:

— לייב, שטעל דיך באַלד דאַווענען און דערנאָך, מאַך דיר גרייט צו פאָהרן קיין וואַדאָוויץ!

ר׳ לייב האָט דעם רבין אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. צו דעם דאָזיגן דאָרף איז פון פרימישלאָן געווען ווייט עטליכע מייל, און אין די קורצע טעג, איז נישט מעגליך געווען, אָפילו מיט אַ פאָר גוטע פערד, צו פאָהרן אַהין כדי מען זאָל קענען צוריק קומען אויף שבת קיין פרימישלאַן.

— רבי! — האָט זיך ר׳ לייב אָנגערופן — עס איז דאָך היינט זייער קליינע טעג, ווי אַזוי זשע וועל איך קענען צוריק קומען אהער אויף שבת?

— דו וועסט טאַקע נישט צוריק קומען אויף שבת; — האָט רבי מאיר׳ל געענטפערט — ווייל מאיר וויל אַז דו זאָלסט פאַרבלייבן ביים דאָרטיגן ארענדאַר פון וואדאוויץ אויף איבער שבת, און כדי עס זאָל דיר דאָרטן, אין דעם דאָזיגן פאַרוואָרפענעם דאָרף, פון גאָרנישט פעהלן, וועט דיר מאיר הייסן מיטגעבן אלעס וואָס מען דאַרף האָבן צו עסן און צו טרינקען אַ גאַנצן שבת.

— וואָס וועל איך אָבער דאָרטן טהון? — האָט ר׳ לייב געפרעגט מיט אַ פאַרקלעמטן האַרץ.

— איך וועל דיר איצט גאָרנישט זאָגן — האָט איהם רבי מאיר׳ל געענטפערט — דו וועסט שוין, זייענדיג דאָרטן אויפן אָרט, אַליין פאַרשטעהן וואָס דו האָסט צו טהון.

ביי די ווערטער האָט רבי מאיר׳ל איהם דערלאַנגט די האַנד און זיך מיט איהם געזעגנט, כדי ער זאָל וואָס גיכער אָפדאַווענען און זיך תיכף לאָזן אין וועג אריין, ער זאָל נאָך אין דאָרף אָנקומען גענוג בעצייטנס פאַר שבת.

פוהל מיט עגמת נפש איז ר׳ לייב געווען דעם גאַנצן פרייטאָג׳דיגן טאָג, ווען ער איז געווען אויפן וועג צו יענעם דאָרף.

ער האָט כסדר געהאַלטן אין איין אריינקלעהרן וואָס וועט ער דאָרטן טהון אַ גאַנצן שבת, אין אַזאַ פאַרוואָרפענע דאָרפס־קרעטשמע און ביי אַזאַ פראָסטן און מגושמ׳דיגן אידן.

מיט גרויס קרענקונג האָט ער נאָכגעקלעהרט, וואָס פאַר אַ אָנשטרענגונג ער האָט געמאַכט, ביז עס איז איהם געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון דער היים, כדי ער

זאָל קענען זיין ביים רבין אויף שבת און שעפן אַ גייסטיגן תענוג און חיזוק און דאָ האָט איהם גאָר דער רבי געשיקט אַז ער זאָל האָבן אַ שבת, אַ אַפּקומעניש, ביי אַ פּראָסטן אידן. וואָלט ער כאָטש געוואוסט דעם צוועק פון דער נסיעה?!

אָבער דאָס קלערן האָט איהם גאָרנישט געהאָלפן, ער האָט זיך אומזיסט געבראָכן דעם מוח און גאָר נישט געקענט אויסקלערן, ער איז אָבער געווען ביי זיך זיכער איבערצייגט, אַז דער רבי האָט געוויס דערביי אַ טיפע כוונה און ווען עס וועט קומען די ריכטיגע צייט וועט ער אליין אויך וויסן וועגן וואָס דער רבי האָט איהם געשיקט.

✶

עס איז שוין געווען גאָר שפּעט פאַרנאַכט, שוין באַלד פּאָר ליכט צינדן, ווען ר׳ לייב האָט זיך אַ מידער און אַ פערמאַטערטער קוים דערשלעפּט אין דעם קליינעם און אַפּגעלעגענעם קרעטשמעלע, וואוהין זיין רבי ר׳ מאיר׳ל האָט איהם געשיקט.

ווען ער איז אָבער אהין געקומען, האָט דאָרטן אויף איהם געוואַרט אַ נייע עגמת נפש.

דער אַרענדאַר האָט איהם בשום אופן נישט געוואָלט אויפנעהמען, אַז ער זאָל ביי איהם פאַרבלייבן אויף איבער שבת, ער האָט געהאַט אַ טענה, אַז זיין גאַנצע בני בית זענען היינט אַוועקגעפאָהרן ביז איבער שבת און נאָר ער אַליין איז דאָ געבליבן, ער האָט קוים צוגעגרייט נאָר פאַר זיך אַליין, ווי זשע קען ער ביי זיך האַלטן נאָך אַ מענטשן ביז איבער שבת? זאָל בעסער ר׳ לייב געהן צו אַ אַנדער קרעטשמע, וועלכע געפינט זיך דאָ נישט אַזוי ווייט און דאָרטן פאַרבלייבן ביז איבער שבת.

ר׳ לייב, וועלכער איז אָבער געווען אַ געהויבענער איד און זייער אַ קלוגער, האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָס וואָס דער אַרענדאַר וויל איהם נישט האָבן ביי זיך אויף שבת איז נישט אַזוי פשוט, האָט ער דערפאַר אַנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטן איבערצוצייגן דעם אַרענדאַר אַז עס קען אַנדערש נישט זיין, בעזונדער ווען דער רבי אַליין האָט דאָך איהם אַהער געשיקט אויף דעם צוועק ווי זשע קען גאָר קומען צו רייד נישט צו פאָלגן דעם רבין?!

ער האָט מיטן אַרענדאַר אַזוי פיהל איינגעטענה׳ט, און איהם אויפגעוויזן אַז ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון כל טוב, און ער איז זייער מיד און שרעקליך אויסגעמאַטערט און עס איז איהם בשום אופן נישט מעגליך ערשט צו געהן אַפילו איין טראַט, בעזונדערס ווען עס איז שוין אַזוי שפּעט און באַלד פאַלט שוין צו דער שבת.

בלית ברירה, האָט דער אַרענדאַר מסכים געווען אַז ר׳ לייב זאָל שוין פאַרבלייבן ביי איהם ביז איבער שבת, ער וועט דאָך אַ אידן נישט אַרויסוואַרפן אויפן גאַס.

זיי האָבן ביידע אַפּגעדאַוונט און מקבל שבת געווען. באַלד נאָכן דאַווענען, האָט ר׳ לייב באַמערקט ווי דער אַרענדאַר שאַרט זיך אַרויס פון שטוב, ער האָט קיין

סאַך נישט געקלעהרט און ער איז איהם שטילערהייט נאָכגעגאַנגען ער האָט באַלד באַמערקט ווי דער ארענדאר שמועסט מיט עפּעס אַ גוי.

איצט האָט שוין ר׳ לייב נאָך מעהר ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער זאָל דעם ארענדאר נישט אַראָפּלאָזן פון אויג און איהם כסדר נאָכקוקן וואָס ער טהוט און וואוהין ער געהט.

קיין גרויסן לוסטיגן שבת, האָט ר׳ לייב ביים ארענדאר נישט געהאַט, ער איז געווען זייער אַ פּראָסטער מענטש, מיט וועמען מען קען כמעט קיין דבר תורה נישט ריידן, דעריבער האָט ר׳ לייב מיט איהם קיין סאַך נישט פארברענגט, און מען האָט דעם עסן אָפּגעפּטרט גאַנץ שנעל.

אַזוי ווי קיין גרויסע ליכט וואָס זאָלן לאַנג ברענען, זענען דאָרט אין קרעטשמע נישט געווען, האָט זיך דער ארענדאר באַלד נאָכן עסן געלעגט שלאָפן.

ר׳ לייב האָט אָבער נישט געקענט איינשלאָפן, אַזאַ איד ווי ער, איז קיינמאָל נישט געווען געוואוינט צו געהן שלאָפן פרייטאָג צו נאַכט, אַזוי פריה. האָט ער זיך דעריבער געדרעהט איבערן הויף און געלערנט אויף אויסנווייניג.

ווען עס איז געוואָרן זייגער עלף, האָט ר׳ לייב באַמערקט ווי עפּעס אַ גוי דערנעהנטערט זיך צו דער קרעטשמע, ער האָט באַלד דערקענט אין איהם דער זעלבער מיט וועלכן דער ארענדאר האָט געשמועסט אין אָונד, באַלד נאָכן דאַווענען.

ווען דער גוי האָט געזעהן ווי אַ פרעמדער איד דרעהט זיך נאָך אין קרעטשמע וואכערהייט, איז ער באַלד אַוועקגעגאַנגען.

אין אַ שעה ארום, האָט זיך ווייטער איבערגעחזרט די זעלבע מעשה, און אַזוי איז עס געווען עטליכע מאָל, יעדעס מאָל ווען יענער גוי האָט באַמערקט אַז אין דער קרעטשמע שלאָפט מען נאָך נישט, איז ער באַלד אַוועקגעגאַנגען, ביז ער איז מעהר נישט געקומען.

ווי עס ווייזט אויס האָט דער גוי אפגערעדט מיטן ארענדאר אַז דעם דאָזיגן פרייטאָג צו נאַכטס, ווען קיינער איז נישטא ביים ארענדאר אין הויז, זאָלן זיי געהן צוזאַמען עפּעס אָפּטהון אַ גנבה׳שע שטיקל אָדער נאָך ערגערס דערפון, און קיינער וועט דערפון נישט וויסן.

אָבער דורכדעם וואָס ר׳ לייב האָט זיך געפונען אין דער קרעטשמע איז זייער פּלאַן צונישט געוואָרן.

ערשט מוצאי שבת, ווען די בני בית פון דעם ארענדאר האָבן זיך צוריקגעקעהרט, האָט זיך ר׳ לייב מיט זיי פריינדליך, געזעגנט. דאַן האָט ער איהם דערצעהלט, אַז ער איז געקומען אַהער אין שליחות פון דעם רבין ר׳ מאיר׳ל פון פרימישלאַן.

✶

ווי נאָר ר׳ לייב האָט איבער געטראָטן די שוועל פון ר׳ מאיר׳לען, האָט ער זיך צו איהם אָנגערופן:

— נו, האָט מאיר רעכט געהאַט, ווען ער האָט דיר געשיקט, כדי אַ אידן צו

ראַטעוועו פון אַ עבירה. דוכט זיך אז דאָס איז אַ פיהל העכערע מצוה, ווי צו פארברענגען ביי מאיר'לען איבער שבת.

וואו געפינט זיך דער תירוץ

אין די לעצטע עטליכע הונדערט יאָהר האָבן די אידן וועלכע האָבן געוואוינט אין רוסלאנד געליטן זייער פיהל פון די גזירות וועלכע די רוסישע רעגירונג פלעגט אַרויס געבן זייער אפט מיטן צוועק צו דערדריקן די אידן אין זייער רעליגיעזן לעבן. יעדעס מאָהל איז אַרויס געקומען עפעס אַ נייע גזירה וואָס האָט פארשאפט די אידן גרויס עגמת נפש און זיי האָבן געדאַרפט זיך פיהל משתדל זיין ביז זיי האָבן געקענט פועלן צו מבטל זיין אָדער צום ווייניגסטן אָפּשוואַכן די האַרבקייט פון דער גזירה.

אין יענע צייט האָט די רוסישע רעגירונג אַרויס געגעבן אַ גזירה אַז אידן זאָלן זיך מעהר נישט בעקלידן אין זייערע אייגנאַרטיגע קליידער, נאָר ענדערן זיי און צוגלייכן צו די גויאישע קליידער.

אין דובנא האָט דאַן געוואוינט דער גאון רבי צבי הכהן ראַפּפורט, דער מחבר פון דעם פירוש עזרת כהנים אויף דעם תורת כהנים, דער ספר איז געוואָרן זייער אָנגענומען ביי די רבנים און תלמידי חכמים. רבי צבי האָט זיך דאַן געפונען אין לעמבערג, און ער האָט זיך זייער געקווענקלט צו ער זאָל צוריק פאָהרן קיין רוסלאנד וואו ער וועט דארפן בייטן די קליידער, און עס קען גאָר זיין אז עס איז אַ גזירת שמד און ער טאָר גאָרנישט צוריק פאָהרן. איז ער דעריבער געפאָהרן וועגן דעם זיך מתייעץ זיין מיט די אַרומיגע גדולים און אויך אריין געפאָהרן צו רבי מאיר'לען קיין פרימישלאַן, זיך מיט איהם דורך שמועסן וועגן דעם דאָזיגן ענין.

ווי נאָר ער האָט איבערגעטראַטן די שוועל פון רבי מאיר'ל, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, אַנטקעגן געגאַנגען דעם גאַסט און אויסגערופן:

— ברוך הבא רבי הערש ראַפּפורט פון דובנא!

רבי הערש איז געוועזן אויסער זיך פון די אפענע רוח הקודש וואָס ער האָט איצט געזעהן, ווארום ער איז יעצט געוועזן ביי רבי מאיר'לען דעם ערשטן מאָהל און ביז דאַן האָט ער איהם נאָך קיינמאָהל נישט געזעהן.

נאָכדעם וואָס רבי הערש האָט דורכגערעדט מיט'ן רבי'ן וועגן זיין ענין, רופט זיך אָן רבי מאיר'ל:

— יעצט וועט אונז רבי הערש איבער זאָגן עפעס אַ דבר חידוש!

רבי הערש האָט באַלד איבער געזאָגט פארן רבי'ן א שווערע שטעל אין ירושלמי אויף וועלכן ער פלאגט זיך שוין גאַנץ לאנג און ער קען עס נישט פארשטעהן.

רבי מאיר'ל האָט איהם וועגן דעם גאָרנישט געענטפערט, נאָר אריבער אויף

אַ אנדער שמועס, ערשט שפּעטער בשעת ער האָט זיך מיט איהם געזעגנט, זאָגט צו איהם רבי מאיר׳ל:

— איהר וועט דאך געוויס באַזוכן אויפן וועג אין קאַליקאוו, זייענדיג דאָרטן וועט אייך פאַרענטפערט ווערן אויך אייער קשיא אויפ׳ן ירושלמי!

רבי צבי איז אַרויס פון רבי׳ן און זיך זייער געוואונדערט, ער הויבט נישט אָן צו פאַרשטעהן וואָס דער רבי האָט איהם דאָ געזאָגט, ער טראַכט גאָר נישט צו באַזוכן אין קאַליקאוו, און בכלל וואָס איז די כוונה פון רבי מאיר׳לען אז אין קאַליקאוו וועט איהם פאַרענטפערט ווערן די קשיא?

רבי צבי האָט אָבער נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן כדי צו פאַרשטעהן די רייד פון רבי מאיר׳לען. ווען ער איז געפאָהרן אויפן וועג נישט ווייט פון קאַליקאוו, האָט זיך צובראָכן אַ ראָד פון וואָגן און דער נאָהנטסטער אָרט וואו מען האָט געקענט פאַרריכטן דעם וואָגן איז געווען דאָס שטעדטל קאַליקאוו, עס האָט געדאַרפט נעהמען אַ שטיקל צייט ביז וואַנען מען וועט פאַרריכטן דעם וואָגן.

כדי נישט פאַרבענגען אומזיסט די צייט, איז רבי צבי אריין אין שטעטלשן בית מדרש כדי דערווייל צו לערנען. דעם ערשטן ספר וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אויפן טיש, איז געווען אַ ירושלמי, און גראַדע דער זעלבער ירושלמי פון וועלכן רבי צבי האָט געפרעגט זיין קשיא פאַר רבי מאיר׳לען. די זאַך איז געוואָרן רבי צבי׳ן אַ ביסל אויפפאַלענד, און ער האָט אויפגעמישט דעם ירושלמי אויפן אָרט וואו עס האָט איהם געאהרט די קשיא. ווי ערשטוינט איז רבי צבי געוואָרן ווען ער האָט באַלד דערזעהן אז די גירסא אין דעם ירושלמי פון דעם דרוק, פאַרענטפערט זיין הארבע קשיא, און דאָס איז טאַקע די ריכטיגע גירסא. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען די רייד פון רבי מאיר׳לען און ווי ווייט אָפן עס זיינען זיינע אויגן.

ווער איז געווען דער אפּיציר

צווישן די חסידים וועלכע פלעגן פאָהרן אָפּט קיין פרימישלאַן, איז געווען אַ איד מיט׳ן נאָהמען רבי ישראל סקאַלער, מען האָט איהם אַזוי גערופן טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט געוואוינט אין סקאַלע. רבי ישראל איז געווען אַ געהויבענער איד, אַ עובד ה׳ און אַ נהגה מיגיע כפּיו. ער פלעגט אַרויס פאָהרן קיין אונגאַרן עטליכע מאָהל אין יאָהר, דאָרטן איינהאַנדלען פאַרשידענע פּראָדוקטן ווי וויין, טרוקענע פרוכטן א.ד.ג. עס ברענגען קיין סקאַלע און דערפון האָט ער געצויגן זיין חיונה בכבוד.

געווען איז עס אין יאָהר תר״ח, דאַן איז עסטרייך געווען אין קריג מיט אונגאַרן, און פונקט אין מיט׳ן געדיכטן פייער איז רבי ישראל אריינגעפאַלן אין דער שטעדטל דעבּרעצין. די עסטרייכישע מיליטער האָבן זיך דערנעהנטערט ביז קיין דעברעצין און עס בעלאַגערט, און נישט ווילנדיג איז רבי ישראל געבליבן אין דעם בעלאַגערטן שטעדטל נישט קענענדיג מעהר פאָהרן אהיים. ער האָט שוין געהאַט איינגעהאַנדלט

אַ היבשע ביסל וויין מיט טרוקענע פלוימען און עס נישט געקענט ארויס פיהרן פון שטאָדט.

וואָס טהוט אַ חסיד אין אַזאַ צייט? איז ער געגאנגען אין שוהל און דארטן פארברענגט מיט תורה און תפילה.

✶

איינמאָהל גייענדיג אינדערפרי צום שוהל האָט איהם אָנגעטראָפן אַ מיליטערישע וואָך וועלכע האָבן אָפּגעשטעלט אַלע דורכגעהער און נאָכגעקוקט זייערע פאפירן. ווי נאָר זיי האָבן איבערגעקוקט רבי ישראל'ס פאפירן און געזעהן אַז ער איז אַ עסטרייכישער בירגער, האָבן זיי באַלד אויפן אָרט באַשלאָסן אַז ער איז אַ שפּיאָן און אָן קיין שום פראגן האָבן זיי איהם איבערגעגעבן צו אַ מיליטערישן געריכט. עס האָבן נישט געהאָלפן רבי ישראל'ס וויינען און טענה'ן אַז עס איז ממש אַ אויסגע־טראכטער בלבול, ווייל אַלע יאָהרן קומט ער דאַ אין שטאָדט כדי איינהאַנדלען סחורה, וואָס איז ער שולדיג אז אין מיטן דערינען האָט אויסגעבראָכן די קריג און ער איז געבליבן שטעקן אין שטאָדט, נישט קענענדיג פאָהרן אַהיים. דער מיליטערישער געריכט האָט באַלד אָפּגעפסקנט איהם צו טויטן ווי עס פיהרט זיך אזוי שטענדיג אין ברען פון קריג, דאָס די מיליטערישע געריכטן באַשליסן באַלד אויף טויט אָן קיין לאַנגע דרישות און חקירות. דער פסק דין איז געגעבן געוואָרן דאנערשטאג און מען האָט אָפּגעלייגט דאָס אויספיהרן דעם טויט שטראָף אויף שבת.

די עטליכע טעג וואָס רבי ישראל איז געלעגן אין אַרעסט וואַרטנדיג אויף זיין טויט, האָט ער פארברענגט מיט תפילה. די גאַנצע צייט האָט ער געפאַסט און נישט אויפגעהערט צו זאָגן תהלים. ווען ער האָט געענדיגט איינמאָהל האָט ער באַלד אָנגעהויבן אַ צווייטן מאָהל און אַזוי כסדר.

מען קען זיך פאַרשטעלן מיט וואָס פאר אַ ביטערע האַרץ רבי ישראל האָט מתפלל געווען. ער האָט געוויינט בדמעות שליש, אויסגעווייקט דעם תהלימ'ל מיט זיינע טרערן וויסנדיג אַז זיינע טעג זיינען געציילטע, און יעדע שעה וואָס געהט אריבער דערנעהנטערט זיך זיין סוף. ער האָט זיך אָבער נישט מייאש געווען. די חז"ל זאָגן דאָך אָפילו חרב חדה מונחת על צואריו אל יתיאש מן הרחמים. ער דאַרף שטאַרקער מתפלל זיין, מעהר טרערן פאַרגיסן, אפשר וועט זיך דאן דער בעל הרחמים אויך אויף איהם מרחם זיין און ראטעווען פון זיכערן טויט, כאָטש ער ווייסט נישט ווי אַזוי, אָבער היפלא מה' דבר?!

שבת אינדערפרי נאָכדעם וואָס ער האָט געענדיגט דאוונען, זענען אַריין געקומען אין זיין אַרעסט צימער עטליכע זעלנער און געגעבן צו וויסן רבי ישראל'ן דאָס זיי קומען איהם יעצט נעהמען מיט זיי, כדי אויספיהרן דעם גזר דין. זיי האָבן איהם גענומען און געפיהרט צו דעם אָרט וואו עס האָבן שוין געוואַרט אויף איהם אַ אפטיילונג מיליטער וועלכע האָבן געדאַרפט שיסן דעם אָפּגעמשפּטן.

אויפן וועג איז אָנגעקומען צו רייטן אנטקעגן זיי אַ רייטער אויף אַ פערד. דער

רייטער איז געווען אַנגעטהון אין אַ מיליטערישן מונדיר פוהל מיט אויסצייכענונגען. מען האָט דערקענט אויף איהם אַז ער איז אַ הויך ראַנגיקער אָפיציר. דערזעהענדיג די מיליטערישע אָפטיילונג וועלכע האָט געפיהרט דעם אַרעסטאַנט, האָט ער זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און באַטראַכט דעם אַרעסטירטן. מיט אַ מאָהל רופט אויס דער אָפיציר:

— סרולקע! וואוהין פיהרט מען דיר?!

— מען פיהרט מיר צו טויטן — האָט רבי ישראל געענטפערט דעם אָפיציר מיט אַ פאַרביטערטן געמיט, כאָטש ער האָט אַליין נישט געוואוסט פון וואו קען איהם דער דאָזיגער אָפיציר.

— דיר צו טויטן?! — האָט דער אָפיציר אויסגערופן — פאַרוואָס און פאַרווען?!

— זיי טענה'ן אַז איך בין אַ שפּיאָן!

— דו, סרולקע! אַ שפּיאָן?, — האָט דער אָפיציר אויסגערופן מיט צאָרן — ניין און נאָכאַמאָל ניין! איך קען דיר זייער גוט שוין פון לאַנגע יאָהרן אַלס עהרליכער און פיינער מאַן. — חברה! — האָט דער אָפיציר זיך געווענדעט צו די זעלנער וואָס האָבן געפיהרט דעם אַרעסטאַנט — שוין אָפּפיהרן דעם אַרעסטאַנט צוריק אין אַרעסט הויז!

— ליידער קענען מיר עס נישט טהון — האָבן די זעלנער געענטפערט דעם אָפיציר — ווייל מיר האָבן אַ בעפעהל צו ברענגען דעם אַרעסטאַנט צום אויספיהר אָרט און מיר מוזן עס אויספיהרן.

— אויב אַזוי — רופט זיך אָן דער אָפיציר — וואַרט מיר דאַ צו אַ ווײַלע און איך וועל אייך ברענגען אַ נייעם בעפעהל אומצוקעהרן דעם אַרעסטאַנט.

עס האָט נישט לאַנג גענומען און דער אָפיציר איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ געחתמעטן בעפעהל צוריקקעהרן דעם אַרעסטאַנט אין תפיסה.

און אין דעם זעלבן טאָג האָט די עסטרייכישע מיליטער איינגענומען די שטאָדט.

*

ווען מען האָט געעפנט די טויערן פון אַרעסט הויז, האָט מען דאָרטן געטראָפן זיצן ר' ישראל זאָגן תהלים. אויף זייער פראַגע ווי קומט ער אַהער, האָט ער זיי געענטפערט אַז מען האָט איהם אַרעסטירט אַלס שפּיאָן פאַר די עסטרייכער. מען האָט איהם באַלד בעפרייט און זיך בעצויגן צו איהם מיט גרויס רעספּעקט. מען האָט איהם געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט וועט מען איהם באַלד געבן.

— איך וויל — האָט ר' ישראל געזאָגט — מען זאָל מיר אומקעהרן צוריק די סחורה וואָס איך האָב דאַ אין שטאָדט איינגעהאַנדלט, די וויין מיט די פלוימען וועלכע איך האָב עס געהאַלטן אין אַ קעלער אין שטאָדט.

מען האָט באַלד אַרויסגעגעבן אַ בעפעהל אומצוקעהרן צוריק פאַר ר' ישראל'ן די גאַנצע סחורה, ווען מען איז געקומען צו יענעם קעלער האָט מען געזעהן אַז פון די

גאַנצע סחורה איז נישט געבליבן קיין שריד ופליט. מען האָט אויסגערעכנט וויפל עס האָט געהאָט ווערד און בעצאָהלט פאר ר׳ ישראל׳ן דעם פוהלן פרייז.

*

באלד נאָכדעם איז ר׳ ישראל געפאָהרן אַהיים און דערנאָך קיין פרימישלאַן, צו רבי מאיר׳לען. ווי נאָר ער האָט איבער געטראָטן די שוועל פון רבינ׳ס צימער, רופט זיך אָן רבי מאיר׳ל צו זיין גבאי:

— אריה! געדענקסט נאָך יענעם שבת ווען מ׳יר האָבן געגעסן פון די בארינעס וואָס ר׳ ישראל פלעגט אונז ברענגען?!

— אודאי געדענק איך! — האָט דער גבאי געענטפערט.

געשעהן איז עס טאַקע אין יענעם שבת ווען מען האָט געפיהרט ר׳ ישראל׳ן צו טויטן. ר׳ ישראל האָט זיך געפיהרט אַ לענגערע צייט, דאָס ווען ער פלעגט אָנקומען פון אונגארן און איינגעקויפט זיינע פּראָדוקטן, פלעגט ער צום ערשט פאהרן קיין פרימישלאַן און ברענגען פארן רבי׳ן פון די פרוכט. יענעם שבת, זיצנדיג ביים טיש האָט רבי מאיר׳ל באַפוילן ברענגען צום טיש פון די פרוכט וואָס ר׳ ישראל האָט אַמאָהל געברענגט.

יעצט האָבן אַלע פארשטאַנען וואָס איז געווען די כוונה פון רבי מאיר׳לען וואָס ער האָט דאן אינזינען געהאָט זיין חסיד.

— ווען דו וואָלסט נאָר געוואוסט ווען איך האָב צוליב דיר מטריח געווען — פלעגט רבי מאיר׳ל זאָגן פאר זיין חסיד ר׳ ישראל סקאלער...

דאס שריפט אויפן ספר

די טאָכטער פון רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער איז געווען די באוואוסטע צדיקת חיה׳לע, וועלכע איז געווען די פרוי פון שאצ׳ער רבי׳ן רבי יואל זצ״ל. כל זמן דער רבי ר׳ מאיר׳ל האָט געלעבט, האָט די טאָכטער מיטן איידעם געוואוינט אין פרימישלאַן און זיך געפונען נאָהנט צום פאָטער און שווער. ערשט נאָך דער הסתלקות פון רבי מאיר׳לען זענען זיי אריבער וואוינען אין שאץ.

ווען רבי יואל איז געקומען קיין שאץ און דארטן געוואָלט קויפן אַ הויז צו וואוינען, איז ער ביז דערווייל איינגעשטאַנען ביי איינעם אַ דאָרטיגן חסיד, ביי וועלכן זיין שווער פלעגט שטענדיג איינשטיין בשעת ער פלעגט קומען קיין שאץ. ער האָט בעטראכט די אַלע ערטער וועלכע מען האָט איהם אויפגעגעבן, ביז ער האָט ענדליך באשלאָסן צו קויפן אַ הויז וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ העכערן אָרט אין שטאָדט.

אין דעם טאָג וואָס רבי יואל האָט גערארפט שרייבן דעם קאָנטראַקט, איז צו איהם אריין געקומען דער בעל אכסניא, וועלכער איז געווען אַ חסיד פון רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער, און דערצעהלט פאַר׳ן שאַצ׳ער רבי׳ן אז ווען דער שווער פלעגט זיך ביי איהם אויפהאלטן, פלעגט ער האָבן דאָרטן זיינע ספרים אין וועלכע ער האָט

געלערנט. איינע פון די ספרים איז ביי איהם פארבליבן און ווען ער האָט דערפון געזאָגט רבי מאיר׳לען, האָט ער איהם געזאָגט, ער זאָל דעם ספר דערווייל האַלטן ביי איהם און אין אַ געלעגנהייט וואָס עס וועט זיך איהם מאכן, זאָל ער עס איבערגעבן פאר איינעם פון זיינע קינדער.

— יעצט — האָט דער בעל אכסניא געזאָגט — האָב איך זיך דערפון דערמאנט, און איך האָב אייך געברענגט דעם דאָזיגן ספר.

רבי יואל האָט גענומען דעם ספר און עס אָנגעהויבן צו בלעטערן, ווי ערשטוינט איז ער געוואָרן ווען ער האָט געפונען אויפגעשריבן אויף דעם ערשטן בלאָט פון ספר דעם מאמר חז״ל: ״לעולם אל ידור אדם בגבהה של עיר״. ער האָט באַלד דערקענט אַז דאָס איז די האנדשריפט פון זיין הייליגן שווער, און ער האָט פארשטאנען אַז דאָס האָט ער געמיינט איהם צו באווארענען וועגן די הויז וועלכע ער האלט יעצט ביים קויפן, אַז ער זאָל נישט ענדיגן דעם מקח.

דער שאצ׳ער רבי האָט טאַקע די הויז נישט געקויפט, עס האָט נישט לאַנג גענומען און נעבן דאָס הויז וועלכע רבי יואל האָט געוואָלט קויפן, האָט זיך אויפגעבויעט אַ גרויסער קלויסטער.

אַלע האָבן דאן געזעהן די אָפנבארע רוח הקודש פון רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער, דורך וועלכן ער האָט אויסגעהיט זיין איידעם אויף יאָהרן ארום, ער זאָל נישט נכשל ווערן מיט נישט קיין גוטע שכנים.

אַ געפייגערטער צענער

איינמאָהל איז קיין פרימישלאַן געפאָהרן איינער פון רבי מאיר׳ל חסידים. אויפן וועג האָט ער אָנגעטראָפן זיינעם אַ בעקאַנטן און איהם צוגערעדט ער זאָל מיט איהם מיטפאָהרן קיין פרימישלאַן און דערווייל אויך אריין געהן זיך פראווען ביים רבי׳ן.

— וויפל אַ שטייגער דארף מען געבן דעם רבי׳ן פאר׳ן פדיון? — פרעגט איהם דער בעקאַנטער זיינער.

— איך פיהר זיך צו געבן יעדעס מאָהל אַ צענער.

דער סוחר האָט געעפנט זיין טייסטער, ארויסגענומען פון דאָרט אַ צענער און אַ זאָג געטהון מיט ליצנות:

— נו, מילא, זאָל פייגערן אַ צענער!

זיי זענען ביידע געפאהרן צוזאַמען און אַריין צום רבי׳ן וואו יעדערער האָט אַוועק געלעגט זיין קוויטל מיט׳ן פדיון.

דעם קוויטל מיטן פדיון וואָס דער חסיד האָט דערלאַנגט, האָט רבי מאיר׳ל גענומען, דאָגעגן דעם קוויטל מיטן פדיון וואָס דער חבר זיינער האָט אַוועק געלייגט האָט רבי מאיר׳ל איהם צוריקגעוואָרפן אויסרופנדיג:

— מאיר׳ל דארף נישט קיין געפייגערטע צענער׳ס...

דער סוחר איז געבליבן שטעהן ווי אַ אפגעשמיסענער, זעהענדיג די אפנבארע

רוח הקודש פון צדיק און ער האט פון דאן אן מעהר קיין שלעכט ווארט נישט אויסגערעדט אויף די הייליגע צדיקים.

ווען מען האט נישט קיין שכל

איינמאהל זענען געקומען צו רבי מאיר'ל צוויי פון זיינע חסידים, וועלכע זענען געווען גאנץ פשוטע מענטשן, און זיך פאר איהם פארקלאגט: היות ווי זיי ביידע האבן געעפנט א געשעפט בשותפות, אבער וויפל כחות זיי האבן שוין אין דעם אריינגעלייגט, געהט זיי דער געשעפט בארג אראפ. זיי האנדלען דערמיט וואס זיי קויפן איין וואס עס לאזט זיך, אבער צו זייער מזל, וואס זיי קויפן איין ווערט באלד דערנאך ביליגער, אזוי אז ווען זיי דארפן עס פארקויפן דערלעגן זיי נאך דערביי.

רבי מאיר'ל האט ארויס גענומען פון שופלאד עטליכע מטבעות, עס דערלאנגט פאר די שותפים, און צו זיי געזאגט:

— דא האט איהר אכטצן רענדלאך. פאהרט אראפ אויפן יריד אין לאשקעוויץ און דעם ערשטן געשעפט וואס מען וועט אייך פארלעגן, זאלט איהר באלד ענדיגן, איך ווינטש אייך איהר זאלט דערביי האבן גרויס הצלחה!

— אבער דער עיקר — האט דער רבי אויסגעפיהרט ביים געזעגענען זיך — זאלט איהר האבן שכל און זיך נישט נאריש מאכן...

ווען די שותפים זענען אנגעקומען קיין לאשקעוויץ, איז זיי אנטקעגן געקומען א גוי מיט א זאק אויף די פלייצעס און רופט צו זיי אויס:

— איך האב ביי מיר געהאפטע היטלאך צו פארקויפן, אויב איהר ווילט קויפן א היטל וועט איהר מיר דארפן בעצאהלן זעקס רענדלאך!

די שותפים האבן באלד ארויס גענומען זעקס רענדלאך פון די אכטצן רענדלאך וואס זיי האבן באקומען פון רבי מאיר'ל, און אפגעקויפט ביי איהם דאס היטל.

— אויב איהר ווילט נאך פון דער סחורה — זאגט צו זיי דער גוי — וועל איך אייך פארקויפן, אבער פאר יעדעס היטל מוזט איהר צאהלן זעקס רענדלאך!

זיי האבן באלד ארויס גענומען די איבעריגע רענדלאך וואס זיי האבן נאך פארמאגט און געקויפט נאך צוויי היטלאך.

ווען זיי האבן גענומען בעטראכטן די היטלאך, האבן זיי באמערקט אז די פעדים זענען געהאפטן מיט קליינע דימאנטן, אזוי אז יעדע היטל האט ווערד א הון רב. דער גוי וועלכער האט באמערקט אז די סחורה געפעלט זיי, רופט זיך אן צו זיי:

— איך קען אייך פארקויפן דעם גאנצן זאק, איהר מוזט מיר נישט באצאהלן די גאנצע געלד אויפן ארט, איך קען זיך בענוגענען מיט שפעטערע וועקסלען.

די שותפים איז די גאנצע מעשה געווארן זייער פארדעכטיגט, ווי קומט עס צו דעם גוי אזא גרויסער אוצר, און פארוואס פארקויפט ער עס אזוי שפאט ביליג, און צו דערצו געטרויט ער זיי נאך איבער צו געבן די גאנצע סחורה נישט פאר קיין מזומנ'ע געלד. זיי האבן גענומען רעדן צווישן זיך אויף לשון קודש כדי דער גוי

זאָל נישט פאַרשטעהן וואָס זיי רעדן, עס איז ביי זיי אלס שטאַרקער געוואָרן די השערה, אַז דאָס מוז זיין גע׳גנב׳עטע סחורה, און דער גוי האָט זיך אין זיי אנגעטשעפעט, כדי שפעטער צו מאַכן אויף זיי אַ בלבול.

מיט אַ מאָהל רופט זיך אָן דער גוי:

— איהר מיינט דאָך אז איך פאַרשטעה נישט וואָס איהר רעדט צווישן זיך ?! איך פאַרשטעה שוין אָבער זייער גוט, און דערפאַר וועל איך מיט אייך מעהר נישט האַנדלען!

דער גוי האָט אויפן אָרט באַלד איינגעפּאַקט די גאַנצע סחורה צוריק אין זאַק אַריין און באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן.

ווען די צוויי שותפים זענען דערנאָך געקומען צו רבי מאיר׳ל פרימישלאנער, האָט ער זיך צו זיי אָנגערופן:

— אַ שאָד! אַ שאָד! איהר האָט געקענט ווערן עשירים מופלגים, איהר האָט אָבער קיין שכל נישט געהאט! וואָלט איהר כאָטש געוואוסט ווער יענער גוי איז געווען ?...

מקושש עצים

איינמאָהל איז ביי רבי מאיר׳לען געווען אַ חסיד, וועלכער פלעגט פאָהרן צום ריזשינער רבי׳ן. זייענדיג אין פרימישלאָן און נאָכקוקנדיג נאָך די התנהגות פון פון רבי מאיר׳ל, האָט דער חסיד גענומען טראַכטן ביי זיך אין האַרצ׳ן און צוגלייכן צום ריזשינער׳ס התנהגות. אַזוי אַרום איז איהם אויסגעקומען צו מהרהר זיין אַז זיין רבי, דער ריזשינער שטעהט העכער פון דער פרימישלאַנער.

פלוצלונג רופט זיך אָן צו איהם רבי מאיר׳ל:

— אפשר קענסטו מיר געבן צו פאַרשטעהן, פאַרוואָס האָט מען דן געווען דעם מקושש עצים מיט אַזאַ הארבן שטראָף?

דער דאָזיגער חסיד האָט נישט פאַרשטאַנען די פראַגע פון רבי מאיר׳לען און ער האָט דעריבער גאָרנישט געענטפערט.

— צדיקים — זאָגט צו איהם רבי מאיר׳ל — ווערן אָנגערופן עצים, בוימער! ווי דער פסוק זאָגט ביי די מרגלים: ״היש בה עץ אם אין״, אַ מקושש עצים הייסט אָט דער וועלכער קלייבט בוימער, ער וויל מיט זיין קליינעם שכל בעשטימען ווער עס איז אַ גרעסערער צדיק, ועמען מען קען אָנרופן רבי און וועמען נישט.

דער חסיד האָט זיך זייער פאַרשעמט זעהענדיג ווי רבי מאיר׳ל לייענט איבער זיינע מחשבות און ער האָט מעהר נישט מהרהר געווען נאָך איהם.

צו וואָס דאַרף מען אַ נאָדל

צום רבי׳ן רבי מאיר׳ל איז אַמאָהל געקומען זיינער אַ חסיד און זיך פאַרקלאָגט פאַר איהם, אַזוי ווי זיין טאָכטער איז דאָ לעצטנס אַ כלה געוואָרן, עס דערנעהנטערט

זיך שוין באַלד דער זמן החתונה, ער האָט אָבער אפילו נישט קיין איינציגן רענדל אויף צו שטייערן פאַר די הוצאות.

דער רבי ר׳ מאיר׳ל האָט איהם אפילו קיין שלום נישט געגעבן, נאָר געפרעגט איהם:

— האָסטו אפשר ביי דיר אַ פראַטיטשקע (אַזאַ לאַנגער נאָדל מיט וועלכן מען רייניגט אויס די פייף פון לולקע ציבעך)?

— ניין — האָט דער איד געענטפערט — איך האָב נישט אַזאַ נאָדל.

— אויב אַזוי וועט מאיר דיר נישט געבן קיין שלום ביז וואַנען דו וועסט זיך באַזאָרגן אַזאַ נאָדל!

כאָטש דער איד האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטעהן וואָס פאַר אַ עוולה ער באגעהט דערמיט וואָס ער פאַרמאָגט נישט קיין לולקע נאָדל, ער האָט אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און באַלד אַרויס איבערן שטאָדט אויפזוכן אַ שמיד וועלכער זאָל איהם מאַכן אַ נאָדל.

ער איז אַזוי ארום אין שטאָדט ביז ער האָט ענדליך געטראָפן אַ אַלטן גויאישן שמיד. ער איז באַלד אַריין צו איהם און איהם געבעטן ער זאָל איהם אויפן אָרט אויסאַרבעטן אַזאַ נאָדל ווי דער רבי האָט פון איהם געפאָדערט.

ווען דער איד איז געזעסן ביים שמיד און געוואַרט ביז ער וועט איהם מאַכן דעם נאָדל, האָט ער דערוויל מיט איהם אָנגעקניפּט אַ שמועס. ער האָט אַרויס געהאַט פון שמיד, אַז ער איז אַ איינזאמער מענטש און ער האָט נישט קיין שום פאַמיליע.

— ווי אַזוי קענסטו לעבן איינער אַליין — פרעגט איהם דער איד — און וואָס וועסטו טהון ווען דו וועסט עלטער ווערן און שוין נישט קענען מעהר ארבעטן, פון וואַנען וועסטו נעמען אויף צום לעבן?

דער שמיד האָט דערקענט אויף דעם אידן אַז ער איז אַ עהרליכער מאַן, רופט ער איהם צו, און בעוויזט איהם, אַז אונטער דער פּאָס וואו עס ליגן די קוילן, האָט ער זיך אָנגעקליבן אַ גרויסן מטמון מיט געלד, אַזוי דאָס ער איז שוין פאַרזאָגט ביזן טיפן עלטער און עס וועט נאָך בלייבן אַ היבשע סומע רעשט.

פערטיג געוואָרן, איז דער איד תיכף געלאָפן צום רבי׳ן נעמען שלום און באַקומען דעם רבינ׳ס ברכה, ווען ער איז געקומען צום רבי׳ן האָט מען איהם געזאָגט אַז דער רבי האָט באַפוילן היינט מעהר קיינעם נישט אַריין לאָזן, זאָל ער דעריבער קומען אַ צווייטן טאָג.

אַ דערשלאָגענער איז דער איד אַוועק פון רבי׳נס שטוב. ער האָט געהאַט גרויס עגמת נפש פון זיין שלימַזלקייט, און געהאַלטן אין איין אריינטראַכטן וואָס האָט דער רבי זיך אָנגעטשעפּעט אין איהם ער זאָל זיך מוזן געהן מאַכן אַ פראַטיטשקע.

אויך דעם אַנדערן טאָג האָט מען דעם אידן נישט אַריין געלאָזן און ער האָט זיך ארום געדרייט איבערן שטאָדט אַ דערשלאָגענער.

פלוצלונג הערט ער אויסרופן, אַז עפּעס אַ שמיד איז געשטאָרבן און וויבאַלד

ער האָט נישט איבערגעלאָזן נאָך זיך קיין פאַמיליע, וויל מען פארקויפן זיין ווערק שטוב, כדי מען זאָל האָבן אויף די הוצאות איהם צו באגראבן. עס איז איהם געוואָרן עפּעס אויפפאלענד פון דעם דאָזיגן אויסרוף וואָס ער האָט געהערט, און ער האָט זיך באַלד גענומען נאָכפרעגן ווער עס איז געווען דער דאָזיגער שמיד. ווי ערשטוינט איז ער געוואָרן ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז דאָס איז טאַקע דער זעלבער שמיד ביי וועלכן ער האָט ערשט נעכטן געמאַכט די נאָדל.

וויבאַלד ער האָט שוין געוואוסט פון נעכטן אַז אין דעם שמיד׳ס ווערק שטוב געפינט זיך אַ מטמון מיט געלד, איז ער דעריבער גיך געלאָפן און איבער געשטיגן אַלעמען, געבנדיג די גרעסטע סומע און ער האָט זוכה געווען אין דער ליציטאַציע.

ער האָט אויסגעליהען ביי זיינעם אַ בעקאַנטן די סומע אויף אַ קורצע ווילע און באַלד באַקומען די שליסל פון דעם ווערקשטוב. ער האָט גלייך ארויס גענומען די מטבעות וואָס זענען דאָרטן געלעגן און געלאָפן צום רבי׳ן דערצעהלן וועגן זיין אומגעריכטן גליק.

— האָב איך דען דיר נישט געזאָגט — האָט רבי מאיר׳ל איהם אויפגענומען שוין מיט אַ פרעהליכן געמיט — אַז אָן אַ פּראַטיטשקע וועל איך דיר קיין שלום נישט געבן.

ערשט איצט האָט דער איד פערשטאַנען נאָכוואָס דער רבי האָט פון איהם געפאָדערט ער זאָל זיך שאפן די לולקע נאָדל, דאָס איז געווען פאר זיין טובה וועגן.

אַ קוויטל אָן אַ פּדיון

אין די צייטן ווען ר׳ מאיר׳ל איז שוין געווען בעוואוסט אלס אַ רבי און אַ פּועל ישועות, האָט ער געהאט אַ גאָר גרויס פאהראכץ פון אַלע שטעדט און די ארומיגע לענדער, ובפרט איז זיין נאָמען געווען זעהר שטאַרק בעריהמט נישט נאָר איבער גאַנץ גאַליציען, נאָר אויך אין אונגארן, וואו ער האָט געהאט זייער פיהל אנהענגער און גלויביגע.

אַ נסיעה, מיט אַ הונדערט און פופציג יאָהר צוריק, איז געווען אַ גאָר שווערע אויפגאַבע און פערבונדן מיט גרויסע קאָסטן, צייט־פארלוסט און כמעט מסירות נפש און דערפאר האָט דאָס ניט יעדער זיך געקענט ערלויבן ווי אין אונזערע היינטיגע צייטן.

אז מען האָט געדאַרפט מאַכן אַ רייזע פון טיף אונגאַרן קיין פּרימישלאן, האָט מען דערצו זיך געדאַרפט גוט אונטערגאַרטלען און מאַכן לאַנגע הכנות, און דערפאר אַז מען איז אין יענע געגענדן געוואהר געוואָרן, אַז איינער פאָהרט צום רבי׳ן קיין פּרימישלאן, האָבן כמעט אַלע אידן פון דער אומגעגנד זיך בענוצט מיט דער דאָזיגער גינסטיגער געלעגנהייט און זיי האָבן מיט׳ן חסיד מיטגעשיקט זייערע קוויטלעך און פּדיונות, איש כפי ערכו, יעדער לויט וויפל ער האָט געקענט און איז געווען

אימשטאנד דאָס צו טהון. זיי, די שיקערס, זיינען געווען זיכער, אז דער רבי וועט פאַר זיי מתפלל זיין, און זייערע בקשות וועלן ערפילט ווערן גלייך ווי זיי וואָלטן געווען דערביי.

האָט זיך איינמאָל געמאַכט אַז אַ געוויסער אונגארישער חסיד, ר׳ יצחק רויטמאַן, האָט זיך געקליבן פאָהרן צו רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל קיין פרימישלאַן, כאָטש דער וועג איז דאַמאָלס געווען בחזקת סכנה, און די מורא פאַר רויבער־באַנדעס איז דאַמאָלס אין אונגארן געווען גרויס, האָט ער אָבער אויף דעם אלעם נישט געקוקט און זיך מכין געווען אין וועג אריין.

אַז מען איז דערפון אין דער אומגעגנד געוואָהר געוואָרן, זיינען צו ר׳ יצחק׳ן געקומען זעהר פיהל מענטשן און האָבן איהם מיטגעגעבן זייערע קוויטלאַך און פדיונות.

צווישן די מענטשן איז אויך געווען אַ איד, אַ זעהר אָרימער דאָרפסגעהער, וועלכער האָט צו ר׳ יצחק׳ן אויך געגעבן זיין קוויטל און דערצו אַ האַלבן גילדן פאַר אַ פדיון און דערביי האָט ער געזאָגט, אַז דער דאָזיגער האַלבער גולדן איז זיין גאַנצער פאַרמעגן וואָס ער פאַרמאָגט.

אַז ר׳ יצחק האָט דאָס דערהערט, האָט ער ביים אָרימען אידן דאָס געלד נישט געוואָלט נעהמען. ער האָט איהם ערקלעהרט, אַז דאָס בלויזע קוויטל, אָהן דעם פדיון, וועט אויך זיין גענוג, ובפרט אז ווען ער גיט איבער דעם רבי׳ן די מיטגעגעבענע קוויטלעך און דאָס געלד פון די פדיונות, רעכנט ער איהם דאָך נישט אויס ווער עס האָט געשיקט און וויפל ער האָט געגעבן אַלס אַ פדיון, נישקשה, עס וועט אַזוי אויך גוט זיין...

דער אָרימער איד האָט זיך געלאָזט צוריידן, און ער האָט דעם האַלבן גולדן, זיין גאַנצן פאַרמעגן — צוריקגענומען.

*

ווען ר׳ יצחק איז בשלום אָנגעקומען קיין פרימישלאַן, האָט ער פאַר ר׳ מאיר׳לען אָוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש אלע מיטגעגעבענע קוויטלעך און דאָס געלד פון די פדיונות האָט ער, אייגעבונדן אין אַ טיכל, אוועקגעלייגט אויפ׳ן צווייטן עק טיש.

ר׳ מאיר׳ל האָט זיך באַלד גענומען צו איבערלייענען די קוויטלעך. ער האָט אָבער גאָר ניט גערעדט, נאָר געהאלטן אין איין לייענען. אָבער אַז ער איז געקומען צום קוויטל פון דעם אָרימען איד, האָט ער עס תיכף אָוועקגעלייגט פון האַנד און ער האָט אויסגערופן:

— מאיר וויל ניט אומזיסט לייענען קיין קוויטלעך! וואו איז דער פדיון צו דעם דאָזיגן קוויטל?...

ר׳ יצחק איז געבליבן נבהל ונשתומם, אָבער אַז ער איז באַלד געקומען צו זיך, האָט ער ר׳ מאיר׳לען דערצעהלט וועגן דעם דאָזיגן זעהר אָרימען איד און אַז ער אַליין האָט איהם אָבגערעדט פון אָוועקגעבן זיין לעצטן האַלבן גולדן פאַרן פדיון,

פונדעסטוועגן אַז דער רבי פערלאַנגט, וועט ער, ר׳ יצחק איצט געבן פאַר דעם אידנ׳ס וועגן אַ האַלבן גולדן, פון זיין אייגענער קעשענע.

ביי די ווערטער האָט ר׳ יצחק דערלאַנגט ר׳ מאיר׳לען אַ זילבערנעם האַלבן גולדן, וועלכן דער רבי האָט צוגענומען.

— עס איז דאָך אייגנטליך קשה, — האָט ר׳ מאיר׳ל זיך איצט געווענדעט צו ר׳ יצחק׳ן און צו די אנדערע מקורבים וואָס זיינען דאַמאָלס געווען דערביי, — פאַר וואָס קומט דאָס מאיר׳ן געלד? דערפאַר וואָס ער לייענט אַ קוויטל און איז פאַר אַ אידן מתפלל? ובפרט איז עס פשוט אַ חוצפה געגן דעם רבונו של עולם, וואָס מאיר האָט זיך גענומען צו אַזאַ מין געשעפט, צו בעטן פאַר אידן. דאָס דאַרף יעדער איד טהאָן פאַר זיך אַליין...

דער תירוץ איז אָבער, אַז די אידן זיינען נעבעך שטענדיג פאַרטאָהן און פאַרהאַרעוועט אין דאגות פרנסה, און זיי האָבן פשוט קיין צייט ניט מתפלל צו זיין צו השם יתברך וועגן זייערע באַדערפעניש׳ן, האָבן זיי דאָס געדונגען מאיר׳ן און בעצאָהלן איהם אַז ער זאָל דאָס פאַר זיי טהאָן, און אויב דער שטן און קטיגור וויל זיך מאיר׳ן געגנשטעלן און וויל וויסן מיט וואָס פאַר אַ רעכט מאיר מישט זיך אין פרעמדע ענינים, האָט שוין מאיר דערויף אַ פאַרטיגן תירוץ, דאָס ער קריגט דערפאַר גוט בעצאָהלט און ער מוז טהון זיין ארבייט בשלימות...

— איצט פאַרשטעהסטו שוין, — האָט זיך ר׳ מאיר׳ל געווענדעט צו ר׳ יצחק׳ן — פאַרוואָס מאיר האָט תיכף דערפיהלט אז צו דעם דאָזיגן קוויטל האָט מען קיין פדיון ניט געגעבן און מאיר האָט ניט געטאָרט ארבייטן אומזיסט, כדי דעם קטיגור ניט צו געבן אַ אומזיסטן פתחון פה...

אויף אַ מיסט וועגעלע

איינמאָל איז צום רבין ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער זצ״ל געקומען צופאָהרן, אַ עגונה, איהם צו בעטן הילף, ער זאָל איהר בענטשן זי זאָל באַפרייט ווערן פון די עגונה־קייטן וואָס בינדן איהר.

די פרוי האָט ווייזט אויס נישט געקענט דעם צדיק און פאַרנדיג צו איהם האָט זי זיך אויסגעפוצט און אויסגעקליבן אַ שעהנעם פראַכט־פולן וואגן און אריינגעפאָרן קיין פרימישלאַן צום רבי׳ן.

קומענדיג אין הויף, האָט זי געלאָזט שטעהן דעם שעהנעם וואגן אין דרויסן און אַליין איז זי אריין צום רבי׳ן. זי האָט זיך ערשטנס געווענדעט צום גבאי, דער באוואוסטער ר׳ אריה. זי האָט איהם דערצעהלט איהר צרה און אז זי וויל בעטן דעם רבין אַ ברכה אז זי זאָל געהאָלפן ווערן מיטן אויבערשטנס הילף.

דער גבאי האָט דערצעהלט דעם רבין ר׳ מאיר׳ל אז עס איז געקומען אַ פרוי פון אַ אַנדער אָרט מיט אַ פראַכטפולן וואגן און בעט אַ ישועה.

האָט זיך דער רבי אָנגערופן:

— צו מיר פארט מען נישט מיט קיין פראכטפוהלע וואגנס! צו מיר פאַרט מען מיט אַ מיסט־וועגעלע...

די פרוי איז ערשטוינט געוואָרן הערנדיג די רייד וועלכע זי האָט בשום אופן נישט געקענט פארשטיין. האָט זי זיך געוּנומען בעטן, זאָל שוין זיין דאסמאהל. זי איז דאָך שוין געקומען, פארוואָס זאָל זי זיך דארפן אומקערן און פארן מיט אַ מיסט־וועגאַלע?...

אָבער עס האָט איהר נישט געהאָלפן און דער רבי האָט איהר נישט געוואָלט אויפנעמען.

די פרוי האָט געזעהן אַז זי וועט גאָרנישט פועל'ן איז זי ארויסגעגאנגען אין די גאסן זוכן אַ מיסט־וועגאַלע...

ענדליך האָט זי געפונען אַזאַ וועגאַלע, האָט זי זיך איינגעבעטן ביי יענעם בעל־עגלה ער זאָל איהר צופירן צום רבין ר' מאיר'ל פרימישלאַנער. זי איז אַראָפּ פון וועגאַלע און גלייך אַריין צום רבי'ן.

האָט דער רבי געהייסן אריינרופן דעם בעל עגלה און גענומען אויספארשן אלע איינצעלהייטן פון זיין פריוואטן לעבן. ער האָט אַלעס דערצעהלט, ביז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז נישט קיין אַנדערער נאר דער מאן פון די עגונה — — —

דורך די פאַר יאָר וואָס יענער איז פארשוואונדן געוואָרן פון זיין ווייב איז ער פארענדערט און עלטער געוואָרן, אַז זיי האָבן זיך נישט דערקענט מיטן ערשטן קוק...

מ'האָט מיט גרויס מיה ענדליך געפועל'ט ביי איהם און ער האָט איהר באַפרייט.

מען זוכט אַ רבי'ן

עס איז געווען אין אַ פרייטאָג צו באַכט'ס. אין פרימישלאנער בית המדרש האָבן זיך אַנגעזעהן נייע געסט. דאָס איז נישט געווען פון די גרויסע חידושים אין פרימישלאַן, ווארום ווען זיינען דאָרט קיין געסט נישט געווען, עס האָבן דאָך געשטראָמט קיין פרימישלאַן מענטשן פון אַלע שיכטן פון פאָלק, ווער וועגן אַ עצה טובה, ווער וועגן אַ ברכה פון צדיק אָדער צו באקומען פון צדיק אַ נדבה וועגן אַ דבר מצוה, הכנסת כלה א.ד.ג. די דאָזיגע צוויי יונגעלייט האָבן זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט זייער איידעלן געזיכט און מען האָט דערקענט אויף זיי דאָס זיי זענען נישט קיין סתם דורכשניטליכע יונגעלייט. די דאָזיגע יונגעלייט זענען אריינגעפאַלן אין פרימישלאַן שפעט אין אָוונט, ממש צו ליכט צינדן און מען האָט קוים געפונען צוויי בעלי בתים וועלכע האָבן זיי גענומען צו זיך אויף געסט פאר שבת.

ווער זענען עס געווען די צוויי יונגעלייט? און וועגן וועלכן צוועק זענען זיי געקומען קיין פרימישלאַן? —

די דאָזיגע צוויי יונגעלייט זענען געווען חסידים פון אַ אנדער רבי'ן וועלכער איז דאַ נישט לאַנג נפטר געוואָרן. פאר זיין פטירה האָט ער אָנגעזאָגט צו זיינע חסידים דאָס זיי זאָלן ארויסשיקן צוויי פון די חשובי החסידים, באזוכן ביי די צדיקים

פון דור און זיי וועלן שוין דערנאָך אַליין וויסן ווען מען אויסצוקלייבן פאַר זייער רבי׳ן.

די צוויי יונגעלייט וועלכע זענען טאַקע געווען פון די חשובי החסידים, זענען אויסגעקליבן געוואָרן אַרום צו פאָהרן ביי די צדיקי הדור און באַשליסן צו וועמען זיי זאָלן זיך מכניע זיין פון היינט און ווייטער און יענעם מקבל זיין אויף זיך אלס מנהיג און מורה דרך אין תורה און עבודת ה׳.

דאָס ערשטע האָבן זיי באַשלאָסן צו מאַכן אַ נסיעה צום רבי׳ן רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער, וועמענס נאָהמען עס האָט געקלונגען איבער דער וועלט אַלס אַ הייליגער מאַן מיט אָפענע אויגן וועלכער זעהט אַלעס און ווייסט פון יעדע פאַרבאָרגענע זאַך. זיי האָבן זיך געוואָלט אַליין איבערצייגן און זעהן מיט זייערע אויגן צו עס איז ריכטיג וואָס די וועלט רעדט וועגן איהם.

ווי געזאָגט זענען זיי געקומען קיין פרימישלאַן ערב שבת פאַרנאַכט ממש צו ליכט בענטשן און באַקומען זייער אכסניא ביי צוויי בעלי בתים, אבער ליידער קיין גרויס נחת האָבן זיי נישט געהאַט ביי זייערע בעלי בתים און אַרויס געקומען פון זיי הונגעריגע. איין בעל הבית פלעגט עסן זייער ווייניג, און ווען דער אורח האָט געזעהן אַז דער בעל הבית קאַרגט ביים עסן האָט ער זיך אויך געשעמט צו עסן. דאַגעגן דער צווייטער בעל הבית פלעגט יאָ עסן אַ סאַך, האָט ער אָבער נישט אָנגעשניטן קיין חלה אויפן טיש און דער אורח האָט זיך געשעמט אַליין צו שניידן די חלה. אַזוי אַרום זענען ביידע אורחים אַוועק געגאַנגען נאָך די שבת׳דיגע סעודות הונגעריגע. צו דערצו זענען זיי נאָך געווען אויסגעמאַטערט און אויסגעהונגערט פון לאַנגן וועג.

באַלד נאָכ׳ן עסן זיינען זיי אַוועק צום רבינ׳ס טיש וועלכער עס האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט. דאָס זעלבע האָט זיך אויך איבערגעחזרט בייטאָג, צו דער צווייטער סעודה.

די צוויי יונגעלייט זענען אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג הונגעריגע און צובראָ־כענע. זיי זענען געווען זייער ענטוישט פון דעם רבי׳ן רבי מאיר׳לס התנהגות. זיי זענען נישט ענטציקט געוואָרן פון זיין דאַווענען און אויך ביי די טישן האָבן זיי נישט געהערט פון איהם קיין שום דברי תורה. נאָך מעהר, ווען זיי זענען געקומען אין בית מדרש צו מנחה, איז דער רבי נאָך נישט געווען אין בית מדרש און דער גאַנצער עולם האָט געוואַרט. די יונגעלייט האָבן געמיינט אַז דער רבי געפינט זיך יעצט געוויס ביי איהם אין צימער און פאַרברענגט אין לערנען, דעריבער הָאָט ער זיך פאַרשפּעטיגט צו מנחה. ווי ערשטוינט זענען זיי געוואָרן ווען דער גבאי האָט זיי געזאָגט אַז דער רבי געפינט זיך יעצט אויפן הויף, און וואָס האָבן זיי דאָרטן געזעהן? — דער משמש שטעהט מיט אַ גרויסע שיסל אין האַנד און דער רבי גיט אויף איהם אַכטונג ווי אַזוי ער פאַרטיילט די עסן פאַר די עופות. ער ווייזט איהם אָן יעדן עוף וויפל ער זאָל פאַר יענעם געבן.

די יונגעלייט זיינען געווען אויסער זיך. דאָס איז די עבודה פון אַ צדיק שבת

פאַרנאַכט, אין אַזאַ הויכע צייט פון רעוא דרעוין, צו פארטיילן עסן פאר עופות ? !

זיי האָבן דעריבער צווישן זיך באַשלאָסן אַז מעהר האָבן זיי שוין נישט וואָס צו געהן צום רבי'ן און ווי נאר עס וועט ווערן אויס שבת וועלן זיי באַלד פארלאָזן פרימישלאָן און פאָהרן ווייטער אין אַ אַנדער שטאָדט זוכן אַ צווייטן רבי'ן.

אָבער ווען זיי זענען געקומען אויף זייער אכסניא צו זייערע בעלי בתים צו עסן די סעודה שלישית, האָט מען זיי געזאָגט דאָס זיי זענען אוועק צום רבינס טיש וואו זיי עסן דאָרטן די סעודה. באין ברירה האָבן די צוויי יונגעלייט אויך געמוזט קעגן זייער ווילן אויך געהן ביים רבינ'ס טיש, דאָרטן וואו זייערע בעלי בתים געפינען זיך.

ווי נאָר זיי זענען אריינגעקומען אין בית מדרש, האָט דער רבי ר' מאיר'ל אויסגערופן:

— וואו זענען זיי די צוויי יונגעלייט וועלכע זוכן אַ רבין, אַ בעל רוח הקודש ? !

די יונגעלייט זענען אינגאַנצן פארלוירן געוואָרן און נישט געענטפערט קיין וואָרט.

רבי מאיר'ל האָט צום צווייטן מאָהל אויסגערופן:

— וואו זענען זיי די יונגעלייט, וואָס באהאלטן זיי זיך פון מיר ? !

ווען די יונגעלייט האָבן זיך אויך יעצט נישט אָנגערופן, האָט דער רבי ר' מאיר'ל אויסגערופן צום דריטן מאָהל:

— אויב זיי וועלן יעצט נישט קומען צו מיר, וועלן זיי שפעטער חרטה האָבן!

פארשעמט און אַראָפּגעלאָזט די קאָפּ זענען די צוויי יונגעלייט צוגעגאנגען צו רבי מאיר'לען און זיך פאר איהם פארגעשטעלט. רבי מאיר'ל האָט זיי באַלד געגעבן שלום און זיי געפרעגט:

— ביי וועמען האָט איהר געגעסן שבת ?

די יונגעלייט האָבן אָנגערופן די נעהמען פון זייערע צוויי בעלי בתים. דער רבי האָט באַלד געהייסן די דאָזיגע בעלי בתים צוקומען צו איהם און צו זיי אויסגערופן:

— די תורה הקדושה האָט אונז באַפוילן די מצוה פון הכנסת אורחים. מען דארף אָבער וויסן ווי אַזוי צו מקיים זיין די מצוה און ווי זיך צו באגעהן מיט די אורחים, און וויבאלד עס איז דאָך נישטאָ קיין זאַך וואָס איז נישט מרומז אין דער תורה, וועל איך אייך בעווייזן ווי אַזוי אין היינטיגע סדרה ווערט מרומז ווי אַזוי מען דארף זיך פיהרן מיט אורחים.

— ווען מען רופט אַ אורח צו זיך אין שטוב — האָט רבי מאיר'ל ווייטער געזאָגט — דארף דער בעל הבית זעהן אַז עס זאָל זיך געפינען אויפן טיש גענוג אָנגעשניטענע ברויט, דער אורח זאָל נישט דארפן אַליין אָפּשניידן אַ שטיקל ברויט און ער וועט זיך שעמען עס צו טהון וועט ער בלייבן הונגעריג. דאָס גלייכן ווען דער בעל הבית שניידט יאָ אן פיהל ברויט אויפן טיש, נאָר ער אַליין עסט ווייניג וועט זיך דער אורח אויך דאַן שעמען צו עסן און ער וועט בלייבן הונגעריג.

— און דאָס ווערט מרומז אין דער תורה — האָט רבי מאיר'ל אויסגעפיהרט — אין היינטיגע סדרה שטעהט: "את החזיר כי מפריס פרסה" — ער שניידט אָן די ברויט, "והוא גרה לא יגר" — אָבער ער אַליין עסט נישט, "טמא הוא לכם". און ווייטער: "את הגמל כי מעלה גרה הוא" — כאָטש ער עסט אליין, "ופרסה איננו מפריס" — ער שניידט אָבער נישט אָן קיין ברויט אויפן טיש, איז ער אויך "טמא הוא לכם", ביי זיי טאָר מען נישט עסן, נאָר ביי די וועלכע זיינען סיי מעלה גרה, זיי אליין עסןביים טיש און זיי זיינען אויך מפריס פרסה, זיי שניידן אויך אָן גענוג ברויט אויפן טיש.

— און איהר — האָט זיך רבי מאיר'ל יעצט געווענדעט צו די יונגעלייט — זענט דאָך געוויס הונגעריג!

רבי מאיר'ל האָט באַלד אָפּגעשניטן צוויי שטיקער חלה מיט פיש און עס דערלאַנגט די צוויי יונגעלייט צו עסן.

נאכדעם ווי די יונגעלייט האָבן געענדיגט עסן, האָט רבי מאיר'ל גענומען זאָגן תורה, פון די דאָזיגע תורה האָבן די יונגעלייט פארשטאַנען וואָס איז געווען די כוונות פון רבי'ן ווען ער האָט אַכטונג געגעבן ביים דערלאַנגען עסן די עופות. דאָס איז געווען אַ תיקון פאר די נשמות וועלכע זענען געווען מגולגל אין יענע עופות. קיינער פון די אנוועזנדע האָבן נישט פארשטאַנען די אַלע תורות וואָס דער רבי ר' מאיר'ל האָט דאן געזאָגט, אויסער די יונגעלייט וועלכע האָבן שוין גוט פארשטאַנען יעדעס וואָרט, וויסנדיג אַז דער רבי ציהלט צו זיי און נאָר צו זיי.

מוצאי שבת האָבן די יונגעלייט דערצעהלט אַלעס וואָס איז אויף זיי דורכגע־גאַנגען, אויספיהרנדיג:

— מיר זיינען העכסט איבערצייגט אין דעם רבינ'ס ליכטיגע אויגן און אָפענע רוח הקודש. מיר האָבן געפונען אונזער ריכטיגן מנהיג און רבי!

פארוואס האט ער געטריבן

צום בעלזער רבי'ן רבי שלום זצ"ל, איז אַמאָהל געקומען אַ אייניקל פון דעם צדיק רבי יצחק'ל נעסכיזער זצ"ל וועלכער איז געווען אוסטילער רב, און איהם דערצעהלט אז ער פאַהרט איצט ארום צוזאמען נעמען געלד אויף הכנסת כלה, ווייל ער דארף חתונה מאכן אַ קינד. דער בעלזער רבי האָט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד און איהם אויך געגעבן אַ חשובע נתינה צו שטייערן פאַר הוצאות אויף די חתונה.

ביים געזעגענען פרעגט איהם דער בעלזער רב אַ וואו ער קלערט יעצט פאָהרן?

— איך האָב אויסגעשטעלט מיין וועג צו פאָהרן צום הייליגן ריזשינער, — האָט דער אוסטילער רב, ר' פנחס'ל געזאָגט — איך וויל אָבער אויסמאַקירן מיין וועג אַ דורכפאָהרן אויך פרימישלאַן און זיך באַקענען מיט רבי מאיר'לען, ווייל איך האָב איהם נאָך קיינמאָהל נישט געזעהן.

— זייער גוט טהוט איהר! — האָט איהם רבי שלום געזאָגט — איהר מעגט אָבער פאָהרן צו איהם דירעקט און נישט נאָר פאַרביי פאָהרן, און איך זאָג אייך אַז איהר וועט גאָר קיין חרטה נישט האָבן דורך דעם וואָס איהר וועט איהם קענען און איהר וועט נאָך געוויס באַקומען ביי איהם הילף.

✶

דער אוסטילער רב איז געפאָהרן פון בעלז גלייך קיין פרימישלאַן און דאָרטן אָנגעקומען דינסטאג פאַרנאַכט. די קעלט אין דרויסן איז געוועזן זייער גרויס און די אָנקומענדע זיינען געוועזן אַ דורכגעפרוירן און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

אריינקומענדיג צו רבי מאיר'לען, האָבן זיי איהם געטראָפן שטעהן נעבן אויוון פארטראכט, און זיין געזיכט האָט ממש געלויכטן. ווען דער רבי ר' מאיר'ל האָט דערזעהן די אורחים האָט ער זיי באַלד געגעבן שלום.

— פון וואַנען קומט איהר? — איז געקומען די פראגע פון רבי מאיר'לען.

— פון אוסטילע!

— און ווער זיינט איהר פון אוסטילע?

— דעם אוסטילער רב'ס אַ זוהן.

— און ווער איז דאָס דער אוסטילער רב?

— אַ זוהן פון דעם נעסכיזער צדיק, רבי מאָטעלע זצ"ל.

— האָט איהר געהערט אַזוינס! — האָט רבי מאיר'ל אויסגערופן — בן יצהר בן קהת! ער דערצעהלט מיר זיין יחוס! איך פרעג דאָך אייך ווער זיינט איהר?

— איך בין יעצט דער רב אין אוסטילע.

— יעצט הער איך ווערטער! — האָט רבי מאיר'ל אויסגערופן — וועגן וואָס האָט איהר מיר געדאַרפט דערצעהלן אייער יחוס ווען איהר האָט אַ אייגענעם יחוס.

— אריה! — האָט רבי מאיר'ל אויסגערופן צו זיין גבאי — שטעל אַ בענקל פארן אוסטילער רב!

— פון וואַנען קומט איהר יעצט? און וואָס איז דער צוועק פון אייער נסיעה? — איז געקומען ווייטער אַ פראַגע פון רבי מאיר'לען.

— איך קום יעצט פון בעלז און איך פאָהר ארום צוזאַמען מאַכן געלד כדי צו חתונה מאכן אַ קינד.

— און דער בעלזער רבי האָט אייך געגעבן געלד?

— יאָ.

— וויפל האָט ער אייך געגעבן.

— הונדערט רובל.

— הייסט עס אַז איהר זענט געקומען צו מאיר'לען נאָך געלד! נו, איהר קענט באַלד צוריק פאָהרן אַהיים! מאיר האָט נישט ביי זיך קיין געלד!

— איך בין נישט געקומען אַהער נאָך קיין געלד — האָט דער אוסטילער רב געענטפערט — איך וויל פשוט קענען דעם רבי'ן.

— אזוי! — האָט רבי מאיר'ל אויסגערופן — איהר ווילט פשוט קענען דעם רבי'ן!

רבי מאיר'ל האָט זיך דערנעהנטערט ביז צום אוסטילער רב, ממש אין פנים אריין און אויסגערופן:

— נו, קוקט זיך איין גוט אין מיר!

ער איז אזוי געשטאַנען עטליכע מינוט, דערנאָך האָט ער אויסגערופן:

— און יעצט קענט איהר מיר שוין! קענט איהר שוין פאָהרן געזונטערהייט אַ היים!

✶

דער אוסטילער רב איז זייער דערשראָקן געוואָרן פון דעם דאָזיגן מאָדנעם און שאַרפן קבלת פנים וואָס ער האָט דאָ איינגעכאַפּט. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און געזאָגט:

— איך וויל אָבער בלייבן דאָ ביים רבין ביז איבער שבת.

— וואָס וועט איהר דאָ טהון שבת! איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז מאיר האָט נישט קיין געלד! פאָהרט בעסער שוין אַ היים!

— אָבער ווי קען איך יעצט אוועק פאָהרן? — האָט זיך דער אוסטילער רב געבעטן — אַז עס פאַלט שוין באַלד צו די נאַכט און אין דרויסן איז קאַלט!

— איך הייס אייך דען פאָהרן גלייך אַהיים? — האָט רבי מאיר'ל געזאָגט — אָט דאָ נישט ווייט, אינגאַנצן אַ אַכט וויארסט פון דאַנען געפינט זיך אַ דאָרף מיט אַ הויף וועלכע געהערן צו אַ אידן, אַ גרויסער גביר, פאָהרט גלייך אַהין צו, וועט איהר האָבן סיי געלד און סיי אַ ליכטיגן שבת!

דער אוסטילער רב האָט זיך קוים איינגעבעטן ביי רבי מאיר'לען ער זאָל איהם כאָטש לאָזן דאָ דאַווענען מנחה, ווייל ער וועט שוין נישט אַניאָגן אַרויספאָהרן איידער עס וועט ווערן נאַכט. רבי מאיר'ל האָט איהם דאָס נאָכגעגעבן, אָבער באַלד נאָך מנחה האָט ער נישט געמאַכט קיין גרויסע שהיות און איהם תיכף אָפּגעזעגנט.

✶

דער אוסטילער רב איז אָוועק געפאָהרן זייער אַ דערשלאָגענער. ער איז געוועזן שטאַרק צוקאָכט. אויף אַזאַ קבלת פנים האָט ער זיך גאָר נישט געריכט. רבי מאיר'ל האָט דאָך איהם ממש אַרויסגעוואָרפן און אָפילו מיט קיין ביסל ווארימס איהם נישט מכבד געווען. ער קען בשום אופן נישט פאַרשטעהן פאַרוואָס.

קומענדיג נעהנטער צו יענעם דאָרף, האָט דער אוסטילער רב געשיקט פאָראויס זיין משמש, ער זאָל אנזאָגן די הויז מענטשן, אַזוי ווי דאָ פאָהרט אָן אַ רב זאָל מען צוגרייטן פאַר איהם אַ אַכסניא. ביז אַ קורצע ווייל קומט דער משמש צולויפן און זאָגט:

— מיר מוזן שוין צוריקפאָהרן קיין פרימישלאַן. אין הויף טהוט זיך אָפּ חושך. די טאָכטער פון דעם גביר געהט צום קינד. זי פייניגט זיך שוין אַזוי דריי טעג. עס

געפינען זיך דאָרטן דאָקטוירים וועלכע זאָגן אז עס איז נישטאָ קיין אַנדער וועג נאָר מען מוז נעמען דעם קינד דורך אַ אפעראַציע. זיי גיבן נישט קיין האָפענונג אַז נאָך די אפעראַציע וועט די קינדפעטאָרין בלייבן לעבן. אלע וויינען דאָרטן און רייסן זיך די האָר פון קאָפּ. זיי ווייסן זיך נישט קיין עצה צו געבן.

— יעצט פארשטעה איך שוין — האָט דער אוסטילער רב אויסגערופן — פארוואָס דער רבי ר' מאיר'ל האָט מיר אַזוי געיאָגט און געטריבן. איך פארשטעה שוין גוט פארוואָס ער האָט מיר געשיקט דווקא צו דעם הויף. ער האָט געוויס געזעהן מיט זיינע אפענע אויגן וואָס דאָ טהוט זיך און ער וויל אַז דורך מיר זאָל קומען די ישועה.

— געה שנעל — האָט דער אוסטילער רב געזאָגט צו זיין משמש — און זאָג דעם בעל הבית פון הויף, אַז דאָ קומט צו פאָהרן אַ רבי און עס איז זיכער אַז דורך איהם וועט זיין טאָכטער געהאָלפן ווערן. זיי זאָלן מעהר נישט זיין באַזאָרגט.

דער משמש איז אַריין אין הויף און מיט זיינע רייד געווירקט אויף דעם בעל הבית ער זאָל תיכף אויפנעהמען דעם אוסטילער רב צו זיך אין שטוב און ער קען זיין זיכער אַז די ישועה וועט באַלד קומען.

דער בעל הבית איז געשווינד אַרויס געלאָפן און אריינגעבראַכט דעם אוסטילער רב מיט גרויס כבוד, ער האָט פאַר איהם אויסגעריכטעט אַ בעזונדער צימער, אריינדערלאַנגט וואַרימס מיט צובייסן, און דערנאָך איהם געגעבן אַ קוויטל און געבעטן בדמעות שליש ער זאָל איהם געבן אַ עצה וואָס צו טהון, צו ער זאָל צוהערן וואָס די דאָקטוירים זאָגן אַז מען זאָל די פרוי אפערירן, כאָטש דורך דעם שטעלט מען איהר אין גרויס געפאַהר, אָדער עס לאָזן אויף אַ נאַטירליכן וועג, וואָס ציהט זיך שוין אַזוי דריי טעג אָן קיינע רעזולטאַטן, און עס קען ביידן אריינברענגען אין געפאַהר.

— שיקט אַוועק אַלע דאָקטוירים! — האָט דער אוסטילער רב אויסגערופן צום בעל הבית — און איך וועל זיך שוין שטעלן דאַווענען מעריב. באַלד נאָכ'ן דאַווענען וועט איהר מיר קומען אַנזאָגן די בשורה, אז די קינדפעטאָרין איז איבערגעקומען און געבוירן אַ בן זכר צו מזל טוב. אָבער איהר וועט מיר דערפאַר דאַרפן צאָהלן די סומע געלד וויפל איהר האָט געהאַט בדעה צו צאָהלן פאַר די דאָקטוירים.

דער גביר וועלכער איז געוואָרן ממש אויפגעלעבט פון די דאָזיגע בשורה האָט גלייך אויסגערופן:

— וועגן געלד איז יעצט גאָר קיין פראַגע נישט. איך וואַרט נאָר די מינוט ווען מיין טאָכטער וועט געהאָלפן ווערן, דאַן וועל איך אייך באַלוינען און צופרידן שטעלן.

ווי נאָר דער אוסטילער רב האָט געענדיגט די שמונה עשרה, איז דער בעל הבית אריין געלאָפן מיט גרויס פרייד און דערצעהלט אַז זיין טאָכטער האָט טאַקע יעצט געבוירן אַ בן זכר, גענוי ווי דער רבי האָט פאַראויס געזאָגט.

מען קען זיך שוין פאַרשטעלן וואָס פאַר אַ רעש און טומל עס איז געוואָרן אין

דאָרף פון דעם וואונדערבארן מופת, און אַלע איינוואוינער זענען געקומען צולויפן זיך פּראוועַןביים רבין מיטברענגען מיט זיך פדיונות, יעדערער לויט זיין יכולת. עס האָט זיך אויפגעקליבן ביים אוסטילער רב אַ סומע פון איבער זעקס הונדערט רובל. דער בעל הבית האָט געבעטן דעם אוסטילער רב צו פארבלייבן אין הויף ביז איבערן ברית וואו ער האָט איהם מכבד געוועזן מיט סנדקאות. די שמחה ביים ברית איז געוועזן אונגעהויער גרויס און דערנאָך האָט מען בעגלייט דעם אוסטילער רב מיט גרויס כבוד.

✶

ערשט איצט האָט דער אוסטילער רב באגריפן פאַרוואָס רבי מאיר'ל האָט איהם דאן נישט געוואָלט אויפנעהמען און ממש ארויסגעטריבן, דאָס איז געוועזן צוליב די ווייטזעהענדיגע אויגן זיינע, און ער האָט נישט געוואָלט אַז דער צער פון דער קינדפעטארין זאָל זיך ציהען, און דורך דעם געשיקט אויך אַ הילף פאַר איהם.

דער אוסטילער רב איז דעריבער פון דאָרטן געפאָהרן צוריק קיין פרימישלאָן. ווי נאָר רבי מאיר'ל האָט איהם דערזעהן, איז ער איהם אַנטקעגן געלאָפן און דערלאנגט שלום מיט גרויס חיבה, אויסרופנדיג:

— וואָס זאָגט איהר יעצט, אוסטילער רב?! האָט אייך מאיר'ל געגעבן אַ שלעכטע עצה?! זעהט איהר, יעצט האָט איהר שוין געלד. וואָס וואָלט איהר דען געטהון דאָ אין פרימישלאָן ווען מאיר'ל האָט נישט קיין געלד.

דער אוסטילער רב איז שוין פארבליבן אין פרימישלאָן ביז איבער שבת. ווען ער האָט שוין געוואָלט נאָך שבת זיך געזעגענען, האָט איהם רבי מאיר'ל געבעטן ער זאָל נאָך פארבלייבן ביז מאָנטאָג, אין וועלכן עס איז דאן אויסגעפאַלן ראש חודש און ער זאָל זיך באטייליגן אויך אויף דער סעודת ראש חודש.

✶

אויף דער סעודה זענען געווען אנוועזנד אַ עולם פון די חשובע חסידים וואָס פלעגן קומען קיין פרימישלאָן.

נאָכדעם וואָס רבי מאיר'ל האָט זיך געוואַשן צום עסן און געמאַכט די ברכה "על נטילת ידים", האָט ער זיך געמאַכט ווי ער האָט פארגעסן די ברכה פון המוציא. האַלטנדיג דאָס ברויט מיט'ן מעסער אין האַנד האָט ער מיט בעטנדיגע אויגן צום עולם חסידים עטליכע מאָהל איבערגעזאָגט "ברוך אתה" נו, נו, "ברוך אתה". די חסידים וועלכע האָבן גוט געקענט דעם רבינ'ס דרכים און פארבארגענע כוונות, האָבן פארשטאַנען, אז דער רבי האָט די ברכה פון המוציא נישט פארגעסן, נאָר מסתמא האָט דער רבי עפּעס אַ כוונה דערביי, זיינען זיי געזעסן שטיל און גאָר נישט געענטפערט.

אַ יונגערמאַן וועלכער איז דאן געקומען צום רבינ'ס טיש דעם ערשטן מאָהל האָט געזעהן ווי דער רבי בעט זיך מען זאָל איהם דערמאָנען די ברכה פון המוציא,.

האָט ער זיך אויפגעשטעלט און פאַרגעזאָגט פאַר דעם רבי'ן די ברכה פון המוציא וואָרט ביי וואָרט.

נאָך די ברכה האָט איהם דער רבי ר' מאיר'ל צוגערופן און צו איהם געזאָגט:

— יונגערמאַן, איך בין דיר שולדיג אַ דאַנק. דו האָסט מיך פּשוט מחיה געווען ווי עס ווייזט אויס האָסטו אַ גוטן זכרון.

דער יונגערמאַן האָט געשוויגן און גאָרנישט געענטפערט, עס איז אָבער געווען קענטיג אויף איהם אַז ער איז זייער צופרידן פון דעם רבינ'ס ווערטער.

אָבער דאָ ווענדעט זיך רבי מאיר'ל צו איהם און רופט אויס:

— אויב אַזוי, אויב דו ביזט טאַקע אַזאַ גרויסער בעל זכרון, פאַרוואָס האָסטו פאַרגעסן די ברכה "וצונו על העריות" און דו לעבסט מיט דיין פרוי אָן חופה וקדושין?...

דער יונגערמאַן איז טויט בלאַס געוואָרן. ער האָט אינגאַנצן גענומען ציטערן. פּלוצלונג האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערליכן געוויין און אויסגעשריגן:

— רבי! איך בין אַ גרויסער זינדיגער! העלפט מיר תשובה צו טהון!

דער רבי ר' מאיר'ל האָט זיך אַ ווילע פאַרטראַכט, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— נו, נו, קומט אריין צו מיר נאָכ'ן עסן, יעצט איז אַ זמן סעודה.

*

צוריק פאָהרנדיג פון פרימישלאַן האָט דער אוסטילער רב אויפן וועג אפּגעשטיגן אין בעלז און אריין צום צדיק רבי שלום זצ"ל. דער בעלזער רבי האָט איהם אויסגעפרעגט ווי אַזוי די וועג איז אויף איהם אַריבער. ווען דער אוסטילער רב האָט איהם דערצעהלט וואָס עס איז מיט איהם פאָרגעקומען אין פרימישלאַן, האָט זיך דער בעלזער רבי אָנגערופן:

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט אַז עס לוינט זיך צו קענען דעם רבי'ן רבי מאיר'ל און איהר וועט דערביי גאָרנישט דערלעגן, יעצט זעהט איהר אַז עס האָט געלוינט!

רעדן שלעכטס אויף אידן

דער רבי ר' מאיר'ל פון פרימישלאַן זצ"ל איז געווען אַ גרויסער אוהב ישראל, און כאָטש ער האָט קיינעם נישט געשוינט, געזאָגט מוסר, ממש די הויט געריסן פון אַ בעל-עבירה, — קוים האָט ער נאָר אָנגעריהרט די קליאַמקע פון רבין ר' מאיר'ל, איז ער שוין נישט אוועקגעפאָהרען אָן תשובה — דאָך האָט ער אָבער נישט געקענט הערן אַ שלעכט וואָרט אויסרעדן אויף אידן און ווער עס האָט פאַר איהם אויסגערעדט אויף אידן, האָט שלעכט אָבגעשניטן.

איינמאָל זענען צום רבין ר' מאיר'ל געקומען צוויי אידן פון גאַלאַץ. בידע האָבן געפיהרט בשותפות אַ מסחר און האָבן געהאַט שעהן פּרנסה, איינער איז געווען אַ יונגער מאַן און דער צווייטער איז נאָך געווען אַ בחור. ווײַלנדיג אין דער סביבה

פון פרימישלאַן, האָט דער בחור זיך געבעטן ביי זיין שותף, דעם יונגערמאַן, אַז מען זאָל אָבשטייגן אין פרימישלאַן און אַריינגעהן צום רבין. ער וויל איהם דערלאַנגען אַ קוויטל ער זאָל פאַר איהם מתפלל זיין אויף אַ זיווג הגון.

דער יונגערמאַן איז געווען ביי זיך זעהר שאַרף, פון אַ מתנגדישער סביבה, און עס איז זיין שותף דעם בחור זעהר שווער אָנגעקומען ביז ער האָט געפועלט ביי איהם אַז מען זאָל אַריינגעהן צום רבי'ן.

אַריינקומענדיג צום רבין, גיט זיי דער רבי ר' מאיר'ל אַ פרעג:

— פונוואַנען זענט איהר יונגעלייט?

— מיר זענען פון גאַלאַץ, פון רומעניען.

— זענען עפעס פערהאַן אין גאַלאַץ אַרענטליכע אידן שומרי תורה, יראי ד', עוסקים במצוות.

דער בחור וועלכער איז געקומען מכח אַ זיווג האָט אַ ציה געגעבן מיט דער פלייצע און געמאַכט אַ מינע מיט'ן פנים וועלכע קען אויסגעטייטשט ווערן: "ווי געשיקט זיך? אין אַ גאַנצע שטאָדט זאָלן ניט זיין כאָטש עטליכע עהרליכע אידן?" בפירוש אָבער האָט ער ניט געענטפערט אויפ'ן רבינ'ס שאלה.

דער צווייטער יונגערמאַן, האָט זיך דאַגעגן אָנגערופן מיט אַ טאָן פון זיכערהייט:

— פרעגט שוין גאָרנישט, רבי — זיי זענען אַלע טריף ווי די ליכט, אַ חברה פושעים, עוכרים משומדים, אוכלי נבלות וטרפות, און טהוען אַפ כל דבר אסור...

דער רבי ר' מאיר'ל, הערנדיג די דאָזיגע תשובה איז שטאַרק בלאַס געוואָרן און אַ געשריי געטהון:

— שווייג, פושע ישראל, אַזוי רעדט מען אויס אויף אידן? שוין זאָלסטו אַוועק פון מיינע אויגן!

דער מתנגד האָט זיך צוריקגעצויגן מיט אַ שמייכל און דער בחור איז געבליבן שטעהן אויף זיין אָרט.

דער רבי ר' מאיר'ל האָט זיך אָבער אַלץ נישט געקענט בערוהיגן.

אַזוי אויסצורעדן אויף אַ שטעדטל מיט אידן, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אודאי יראים ושלימים, אַזוי מקטרג זיין אויף אידן, מסתמא קומט ער בלויז צווישן בעלי עבירה און ער מיידט אויס די אָרענטליכע אידן, זאָגט ער דאָס, וואָס ער זעהט אין זיין סביבה.

ער האָט גראד דאמאָלס דוקא געדארפט האָבן אַ למוד־זכות אויף די רומענישע אידן, וועלנדיג זיי עפעס אַ טובה טהאָן, לסוף קומט גאָר דער דאָזיגער סוחר און מאכט איהם קאליע דעם גאנצן עסק, זייענדיג גאָר אַ מלמד־חובה אויף די גאלאצער אידן.

עטליכע מינוט האָט ר' מאיר'ל געשוויגן און דערביי אָנגעקוקט דעם יונגן מאַן. הפנים, ער האָט געוואָלט איהם גוט דורכקוקן זיינע עובדות און מעשים. דאן האָט ער זיך צו איהם אָנגערופן:

— זאג מיר יונגערמאן, האסטו געלערנט חומש ?

אבער ניטווארטנדיג אויף א תשובה האט דער רבי צו איהם ווייטער געזאגט :

— וויבאלד דו האסט ניט געלערנט, וועט מאיר מיט דיר לערנען. אין דער היינטיגע סדרה שטעהט : ויהי העם כמתאוננים רע באזני ה'. דאס מיינט, אז דאס ערב־רב, א באנדע פון שלעכטע מענטשן, האבן גערעדט שלעכטס אין כביכול'ס אויערן אויף זיין פאלק די כנסת ישראל, בעהויפטנדיג אז אלע אידן זיינען שלעכט. וואס'זשע שטעהט דארט ווייטער געשריבן ? ותבער בם אש ה' ! עס האט זיך צווישן זיי אנגעכאפט א פייער פון הימל, וועלכעס מען האט ניט געקענט פארלעשן".

ערשט ווען דער רבי ר' מאיר'ל האט זיך בערוהיגט, האט ער זיך געווענדעט צום בחור און געפרעגט איהם וואס ער פערלאנגט.

— הייליגער רבי, איך בין א בחור אין די יאהרן, און עס מאכט זיך מיר אלץ נישט קיין שידוך הגון, בין איך געקומען צום רבין ער זאל מיר אנווינטשן, דאס איך זאל טהון א פאסיגן שידוך.

האט דער רבי איהם אנגעוואונשן און געבענטש ווי זיין שטייגער איז געווען.

ביים סוף האט דער בחור זיך געווענדעט צום רבי'ן :

— הייליגער רבי, דער יונגערמאן אויף וועלכן איהר האט זיך אזוי שטארק געבייזערט, איז מיינער א שותף ער איז גאנץ ווייט פון חסידים, דער רבי דארף אויף איהם קיין פאראיבל נישט האבן !...

— דאס וואס ער איז נישט קיין חסיד, ארט מיך ווייניג וואס, אבער אז מען איז נישט קיין חסיד, מעג מען שוין זיין א שונא ישראל און אויסרעדן אויף אידן כל דבר אסור ?...

ער האט זיך דאן געווענדעט צום יונגערמאן און זיך צום איהם אנגערופן :

— פאהרט לחיים ולשלום. איהר וועט באלד טרעפן אייער ריכטיגן זיווג.

די יונגעלייט האבן זיך געלאזט ארויסגעהן.

—ווארט א מינוט — האט ר' מאיר'ל געזאגט צום צווייטן יונגנמאן. — אייך האט דאך מאיר נאך גאר ניט אנגעוואונשן, וואס'זשע לויפט איהר אוועק ? קומט אהער. באט אייך צוריק אייער "פדיון". מאיר נעהמט ניט קיין געלד אומזיסט. איך וויל אייך אבער מיטגעבען צדה לדרך. איהר זאלט וויסן, יונגערמאן, אז וויבאלד מען האט ליב השם יתברך, האט מען אויך ליב זיינע אידן און וויבאלד מען האט ליב אנדערע אידן, האט מען זיך אליין אויך ליב. איהר הערט ? א מענטש מוז זיך אליין ליב האבן, זיך ניט מפקיר זיין און אריינברייננגען אין א סכנה צוליב געלד. הערט איהר גוט וואס איך זאג אייך ?

ער האט איהם פלוצים אנגעהויבן צו "איהרצן", א צייכן אז ער האט מיט איהם ניט מעהר קיין שום התחברות.

דער רבי האט א ווילע שטילגעשוויגן און דערנאך האט ער אויסגערופן צום בחור :

— הער אויס גוט וואָס איך וועל דיר זאָגן: אַז עס וועט זיין אַ שריפה אין אייער שטאָדט, זאָלסטו זיך גאָר נישט קימערין, נאָר בשעת דער שרפה זאָלסטו זאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים.

ביידע שותפים זענען אַהיימגעפאָהרן. דער מתנגד האָט זיך אויסגעלאַכט פון דעם גאַנצן עסק און נאָך אָבגעשפּעט פון רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל.

*

באלד נאָכדעם ווי די צוויי יונגע לייט זיינען אהיימגעקומען צו פאָהרן קיין גאלאץ, האָט אויסגעבראכן אַ פייער אינ׳ם געוועלב פון׳ם יונגערמאַן. ער האָט אינגאַנצן פערגעסן אָדער לגמרי גאָר ניט געאַכטעט דעם רבינ׳ס דבורים. דער־זעהענדיג דאָס פייער איז ער אריינגעלאָפן אינ׳ם געוועלב ארויסצוראַטעווען פון׳ם טיש־לעדיל זיין געלד־טייסטער. ער האָט אָבער פון דאָרט ניט מעהר געקענט אַרויסקומען, דאָס פייער האָט איהם בעוועלטיגט און ער איז פערברענט געוואָרן.

זיין חבר, דער זיווג־זוכער, האָט דאַן שפּעטער חתונה געהאט מיט זיין אלמנה, און דאָס גאַנצע געשעפט איז געבליבן אין זיינע הענד.

ווי עס ווייסט אויס איז עס געווען זיין זיווג מן השמים.

פארבלאָנדזשעט אין וואלד

איינמאָל זיינען טאַרנאָפּאָלער חסידים געקומען צום רבין ר׳ מאיר׳ל פּרימיש־לאַנער אויף שבת. מוצאי־שבת, ביים געזעגענען, זאָגט צו זיי ר׳ מאיר׳ל, אַז אויב ביים צוריקפאָרן וועלן זיי פאַרבלאָנדזשען אין וואַלד, זאָלן זיי זיך גאָרנישט שרעקן...

די חסידים האָבן נישט פארשטאַנען, וואָס ר׳ מאיר׳ל פּרימישלאַנער האָט געמיינט, ווייל זיי האָבן גוט געקענט דעם וועג קיין טאַרנאָפּאָל.

אָבער ווי נאָר זיי זיינען צוריקוועגס אַריין אינ׳ם גרויסן וואַלד, וואָס געפינט זיך אינמיטן וועג, איז פּלוצלונג צוגעפאַלן די נאַכט און זיי האָבן ניט געוואוסט וואו־איין וואו־אויס...

דער גאַנצער וואַלד איז געווען איינגעהילט אין גרויס פינצטערניש. פּלוצלונג דערזעהען זיי פון דערווייטנס אַ פייערל פינקלען אַזוי ווי אַ שטערן. זיינען זיי געגאַנגען צום אָרט פון וואַנען דאָס פייער׳ל איז געקומען, ביז זיי האָבן דערזען שטיין אַ כאַטקע. די חסידים האָבן אָבער געוואוסט, אַז אינ׳ם גאַנצן וואַלד געפינט זיך ניט קיין כאַטקע, דאָך האָבן זיי זיך דערמאָנט אָן דעם אָנזאָג פון דעם רבין ר׳ מאיר׳ל פּרימישלאַנער און זיי זיינען אַהין אריינגעגאַנגען.

האָבן זיי אין דער כאַטקע דערזען ווי אַ הידאַמאַק שטייט אינמיטן שטוב מיט אַ אייזערנער רוט אין דער האַנט און גליט די רוט ביים פייער. האָבן זיי זיך זייער דערשראָקן, ווייל זיי האָבן געגלויבט אַז זיי זיינען אריינגעפאַלן אין אַ נעסט פון גזלנים... אָבער דער הידאַמאַק האָט זיי גאָרניט געטשעפּעט, נאָר זיי געהייסן אַריינגען אינ׳ם צווייטן שטיבל. זיינען די חסידים אַריין אַהין און זיי האָבן געזען

ליגן אויף דער ערד אַ אידן מיט אַ זיידענער זשיפּעצע און אַ ספּאָדעק אויפן קאָפּ און אַ ספר'ל ביי דער זייט. האָבן זיי געמיינט, אַז דער היידאַמאַק האָט געפאַנגען אַ אידן און וויל אים פּייניקן, האָבן זיי געוואָלט געבן דעם היידאַמאַק דאָס גאַנצע געלט, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, כדי ער זאָל באַפרייען דעם אידן...

אָבער דער היידאַמאַק האָט זיי אַ פרעג געטאָן:

— איר ווייסט ווער עס ליגט אויף דער ערד?

— אַ איד — האָבן די חסידים געענטפערט.

— קוקט אים גוט אָן — האָט דער היידאַמאַק אַ געשריי געטאָן.

האָבן די חסידים זיך גוט איינגעקוקט אין דעם אידן און זיי האָבן דערזען, אַז דאָס איז געלעגן אויף דער ערד יוסף פּערל און לעבן אים זיין ספר'ל "מגלה טמירין"...

זיינען זיי זייער דערשראָקן געוואָרן, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז יוסף פּערל איז שוין פון לאַנג אויפן עולם האמת.

און ווען די חסידים זיינען געקומען צו זיך, האָט זיי יוסף פּערל אַליין געזאָגט, אַז אַזוי פּייניגט מען אים דאָ יעדע נאַכט און אַז ער האָט נישט קיין מנוחה אין קבר, וואָרום מען לאָזט אים נישט אַריין אַפילו אין גיהנום... נאָר ער בלאָנדזשעט אַרום אויפן עולם-התוהו...*

דאָס קעסטעלע איז שוין פוהל

ר' יחיאל בינדער האָט געוואוינט אַ היבש ביסל יאָהרן אין צפת. ער איז געווען אַ איד אַ גרויסער אוהב תורה. ער האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון לערנען און געזעצן שטענדיג און געלערנט. ער איז געווען אַ אמת'ער עובד ה', טאָג און נאַכט עוסק געווען נאָר אין תורה און תפלה. אַפילו קיין צורת מטבע האָט ער נישט געקענט. זיין פרנסה האָט ער בעקומען פון אַ בעשטימטע סומע וואָס ער האָט געקראָגן פון די כולל פּושקע פון שטאָדט.

איז טאָקע ר' יחיאל געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, וואָס מעהר ווי אויף אַ בצמצום'דיגן לעבן, האָט ער נישט פאַרמאָגט. און דאָ זענען ביי איהם אויפגעוואַקסן מיט אַמאָהל דריי טעכטער ווען מען דאַרף שוין חתונה מאכן און ער האָט נישט מיט וואָס אָנצוהויבן. אויך אין צפת איז געווען שווער צו טאָן אַ שדוך וואו די כלה האָט נישט צו געבן נדן און מתנות פאַרן חתן. און ר' יחיאל? ער האָט גאָר נישט געדאגה'ט נאָר אַרויף געוואָרפן זיין בטחון אויף דעם אויבערשטן, אַז ער וועט איהם שוין צושיקן וואָס ער דאַרף און וויפל מען ברויך.

— זיין פרוי האָט איהם אָבער נישט צורוה געלאָזן: וואָס וועט זיין דער סוף?

* פּערל איז געווען איינער פון די גרעסטע פאַרפאָלגער פון חסידים און זיך בענוצט קעגן זיי מיט די שענדליכסטע מסירות, ער האָט אויך פערפאַסט אַ העסליכן ספר קעגן חסידים.

האָט זי געטענה׳ט, — דריי טעכטער זיצן אין שטוב און ווערן עלטער פון טאָג צו טאָג, ווי קען אַ פאָטער אַזוי זיצן רוהיג און זיך גאָרנישט אינטערעסירן? גיב אַ קוק יענקלען, ער איז אויך אַ אָרעמאַן און פונדעסטוועגן האָט ער שוין חתונה געמאכט עטליכע טעכטער און געטאָהן פיינע שדוכים און זיי האָבן שעהן פרנסה, און דו זיצט און לערנסט און מעהר געהט דיר גאָרנישט אָן, איך וועל דיר נישט צורוה לאָזן ביז דו וועסט עפעס טאָן דערצו, אויב דו וועסט וועלן וועסטו קענען.

אַזוי האָט זי גערעדט צו איהם אינדערפרי און ביינאַכט אַמאָהל מיט גוטנס און אַמאָל מיט שטרענגערע רייד. ר׳ יחיאל האָט אויסגעהערט און געשוויגן, און ווען זיין פרוי האָט געענדיגט טענה׳ן האָט ער זיך צוריקגעקעהרט צו די גמרא.

✶

איינמאָהל קומט אריין די פרוי פון גאַס, געהט אריין צו איהר מאַן, ר׳ יחיאל, און זאָגט:

— היינטיגן מאָהל וועל איך זיך פון דאנען נישט אָוועקריהרן ביז דו וועסט מיר צוזאָגן פאָלגן מיין עצה, איך האָב יעצט געהערט פון די שכנה אז אין חוץ לארץ גיט מען אָפּ גרויס כבוד צו אַ ארץ ישראל איד, מען נעהמט איהם אויף מיט גרויס כבוד און מען שענקט איהם אלעס גוטס. דעריבער האַלט איך, אַז דו זאָלסט אַרויספאָהרן קיין חוץ לארץ צוליב הכנסת כלה, דאָס איז דאָך איינע פון די מצות וואָס צוליב דעם מעג מען ארויספאָהרן פון ארץ ישראל, דו וועסט צוזאַמען קלייבן אַ סומע געלד מיט וועלכן מיר וועלן קענען חתונה מאכן אַלע דריי טעכטער און דאן וועסטו קומען צוריק אהיים.

— וואָס רעדסטו? — האָט זיך ר׳ יחיאל געבייזערט — דו ווילסט אז איך זאָל זיך בענוצן מיטן זכות פון ארץ ישראל פאר מיינע פריוואַט ענינים, דאָס איז אַ זאַך וואָס איך וועל בשום אופן נישט טאָהן.

— ביסטו דען דער איינציגער וואָס דו וועסט אַזוי טאָהן? — האָט די פרוי געטענה׳ט — אָט האָבן שוין פיהל אַזוי געטאָהן און ב״ה מצליח געווען, נאָר וואָס׳שזע דען? דיין בטול תורה? איך בין זיכער אז דו וועסט נישט בלייבן שולדיג פאר דעם אויבערשטן קיין איין מינוט לערנען.

ר׳ יחיאל האָט זיך פרובירט אַרויסדרעהען און אפשטופן איהרע טענות, זי האָט אָבער געוויינט און געקלאָגט און ער האָט מעהר נישט געקענט אויסהאַלטן. רופט זיך אָן ר׳ יחיאל:

— איך וועל טאָן דיין רצון און ארויספארן קיין חוץ לארץ, איך זאָג דיר אָבער קלאָהר אז איך וועל קיינעם נישט דערצעהלן דאָס איך בין פון ארץ ישראל. איך וועל פאָהרן צום גרויסן צדיק פון ריזשין וועלכער וואוינט אין סאדיגורע, איהם דערצהלן מיין נויט, און פרעגן ביי איהם אַ עצה מיט וואָס איך זאָל געהאָלפן ווערן.

— זאָל זיין אַזוי — האָט די פרוי צוגעשטימט — דער עיקר דו זאָלסט עפעס

טאן און נישט זיצן אזוי קאלטבלוטיג ווי עס וואלט דיר גארנישט אנגעגאנגען, און דער אויבערשטער זאל דיר מצליח זיין דיין וועג.

*

די פרוי האט געליגן א סומע געלד אויף הוצאות, איהם באגלייט ביז צום פארט און ר' יחיאל איז אפגעפאהרן מיט א שיפל און געקומען אין אייראפע. ער איז געפאהרן פון שטאדט צו שטאדט און קיינעם נישט דערצעהלט פון וואנען ער קומט און וועגן וואס ער פאהרט. געקומען אין א שטאדט איז ער באלד אריין אין בית מדרש, געדאווענט און זיך געזעצט לערנען זיינע שיעורים, און אידן צווישן די מתפללים פלעגן איהם רופן אויף א פרישטיג, אדער א אנדערע סעודה, ער האט זיך אויסגערוהט עטליכע טעג, בעקומען עטליכע פרוטות אויף הוצאות און א ביסל צדה לדרך און ווייטער געפאהרן, אין די דערפער האבן זיך די אידן געפיהלט פאר א זכיה צו האבן א גאסט א אידן א תלמיד חכם און א ירא שמים, ווי זיין אויסזעהן האט געוויזן.

אזוי האט ער געוואנדערט פון שטאדט צו שטאדט ביז ער איז אנגעקומען קיין סאדיגורע. קומענדיג צום צדיק רבי ישראל'טשע זצ"ל. דער גבאי, וועלכער האט געהאט א גוטן "טביעת עין", האט איהם באלד אריינגעפיהרט צום צדיק. ר' יחיאל האט זיך אויסגערעדט פארן צדיק אז ער קומט פון צפת, ער איז א גרויסער ארעמאן און דארף חתונה מאכן דריי טעכטער. ער אליין האט גרויס בטחון אין אויבערשטן דאס ער וועט איהם צושיקן אויף הוצאות החתונה, אבער די ווייב זיינע לאזט איהם נישט קיין מנוחה. דעריבער, צוליב שלום בית איז ער ארויסגעפאהרן קיין חוץ לארץ, אבער ער וויל זיך נישט בענוצן מיטן זכות פון ארץ ישראל פאר זיינע אייגענע אינטערעסן, נאר פאר דעם צדיק איז ער מגלה וואס ער איז געפאהרן.

דער צדיק רבי ישראל האט אויסגעהערט דעם אידן און דערקענט אז דאס זענען רייד פון טיפן הארצן, ער האט איהם געטרייסט און געגעבן עטליכע גולדן, זאגנדיג:

— דאס וועסטו האבן אויף הוצאות זיך אומקערן צוריק קיין ארץ ישראל. וועגן דעם עצם ענין, פאהר קיין פרימישלאן, צו ר' מאיר'לען, דארטן וועט קומען פאר דיר די ישועה.

*

איז ר' יחיאל אוועק פון סאדיגורע און געפאהרן קיין פרימישלאן. געקומען איז ער דארטן אין א דינסטאג, אבער דער גבאי האט איהם נישט געלאזן אריינגעהן צום צדיק. אויך אויף מארגן האט ער פרובירט אריינגעהן אבער דער גבאי האט איהם אוועקגעשטופט, און געהייסןווארטן.

ווען ר' יחיאל האט געזעהן אז ער קען נישט צוקומען צום צדיק איז ער א צובראכענער אוועק אין שוהל און זיך דארטן געזעצט לערנען, הגם ער איז געווען זייער פארביטערט, האט ער אבער פאר קיינעם נישט דערצעהלט.

צווישן די מתפללים אין שוהל איז געווען אויך א שניידער, ער האט זיך גוט

צוגעקוקט צום אורח און ער איז איהם זייער געפעלן געוואָרן. ער איז געוועהן שעהן אין געזיכט און אַ אידלקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין פנים. דער דאַוונען זיינער, דער לערנען, אויף אַלעס איז געווען צו דערקענען אַז דאָס איז נישט קיין פשוט׳ער וואַנדערער, נאָר אַ איד פון העכערן קלאַס. נאָכן דאַוונען ווען דער גאַנצער עולם איז זיך צוגאַנגען, איז דער שניידער געבליבן אין שוהל און זיך צוגעהערט צום זיסן ניגון מיט וועלכן ר׳ יחיאל האָט געלערנט. ווען דער שניידער האָט געזעהן אַז קיינער לאַדנט איהם נישט איין, איז ער צוגעגאַנגען צו ר׳ יחיאל׳ן איהם געגעבן שלום מיט גרויס יראת הכבוד און איהם געבעטן צו זיך אויף נאַכטמאַל.

נאָכן עסן, ווען ר׳ יחיאל האָט געוואָלט געהן צוריק אין שוהל, האָט איהם דער שניידער אָפּגעהאַלטן און געבעטן צו פערבלייבן דאָ איבערנעכטיגן, ער האָט איהם געזאָגט אַז עס איז ביי איהם אַ גרויסער כבוד ווען ער קען האָבן ביי זיך אַזאַ חשוב׳ן גאַסט.

אויף פרייטאָג האָט דער שניידער געבעטן ביי ר׳ יחיאל׳ן ער זאָל זיין ביי איהם אויף שבת. וואָרום ער קען זיך נישט פאָרשטעלן וויפל נחת רוח ער האָט פון זיין ליבן גאַסט. מען האָט צוגעגרייט אויף שבת מכל טוב, און ר׳ יחיאל איז פאַרבליבן ביים שניידער.

דער שניידער האָט דערצעהלט פאַר זיינע בעקאַנטע וועגן דעם חשוב׳ן גאַסט וואָס געפינט זיך ביי איהם און זיי געבעטן קומען הערן דברי תורה פון דעם דאָזיגן גאַסט.

ביי די סעודה שלישית זענען געקומען צום שניידער פון זיינע בעקאַנטע און ר׳ יחיאל האָט פאַר זיי געזאָגט הלכה און אגדה. די ווערטער האָבן ממש געלויכטן און זיי זענען געזאָגט געוואָרן מיט אַ בעזונדער געשמאַק, עס האָט זיך געשפּירט אַז דאָס קומט עפּעס פון אַ הייליגן אָרט.

✶

אין דער צייט וואָס ר׳ יחיאל האָט געזאָגט תורה, האָט דער צדיק ר׳ מאיר׳ל זיך אָנגערופן צו זיינע מקורבים:

— איך פיהל דאָ אַ ארץ־ישראל׳דיגן ריח, ווייזט אויס אַז דאָ אין שטאָדט געפינט זיך אַ ארץ ישראל איד.

זונטיג אינדערפרי האָט ער גערופן זיין גבאי ארי׳ און צו איהם געזאָגט:

— אריה! געה שוין און זוך מיר אויף דעם אידן וואָס איז געקומען דאָ פון ארץ ישראל, איך שפּיר עס שוין עטליכע טעג דעם דאָזיגן ריח פון אוירא דארץ ישראל. דו זאָלסט נישט קומען צוריק נאָר צוזאַמען מיט דעם דאָזיגן אידן.

דער גבאי איז אַרויס און געזוכט אין אַלע בתי מדרשים פון שטאָדט און איהם נישט געפונען, איז ער אַרויס אויפן מאַרק און געקלערט אַז ער וועט איהם געוויס טרעפן געהן צוזאַמענקלויבן געלד. ער איז געגאַנגען פון איין קלייט צו די אַנדערע, און געקוקט אויף די מענטשן וואָס געפינען זיך דאָרטן.

די קרעמער, זעהענדיג ווי דעם רבי׳נס גבאי זוכט עפעס אַזוי שטאַרק האָבן זיי איהם געפרעגט ווענען דארף ער האָבן.

— איך זוך אַ אידן וואָס איז געקומען פון ארץ ישראל — האָט דער גבאי געזאָגט — דער רבי, זאָל געזונט זיין, האָט מיר געהייסן איהם אויפזוכן און ברענגען צו איהם. שוין עטליכע שעה וואָס איך דרעה זיך ארום אין שטאָדט און איך האָב נישט קיין אהנונג וואו קען ער זיך געפינען, איך דרעה מיך אין מאַרק אפשר איז ער דאָרטן צווישן די משולחים.

— איך מיין — רופט זיך אָן איינער פון אַ קליידער געשעפט — אַז דאָס דאַרף זיין בערל שניידער׳ס גאַסט, איך בין געווען ביי איהם שבת און געהערט דעם גאַסט זאָגן תורה. ער האָט גערעדט ממש צו באַוואונדערן, עס קען זיין אַז דער איז עס וועמען דער רבי זוכט אַזוי.

דער גבאי איז באַלד געלאָפן צו בערל שניידער און דאָרטן געטראָפן דעם גאַסט, ער האָט איהם באַלד דערקענט אַז דאָס איז ער געווען ביי איהם די פריערדיגע וואָך און ער, דער גבאי, האָט איהם נישט צוגעלאָזן צום רבין.

איז ער צוגעגאַנגען צו איהם און געגעבן שלום, דערנאָך פרעגט איהם דער גבאי:

— איהר זענט פון ארץ ישראל?

ר׳ יחיאל שווייגט.

— דער צדיק האָט געהייסן — זאָגט צו איהם ארי׳, מערקנדיג אַז דאָס איז ער טאַקע — איהר זאָלט שוין קומען צו איהם.

ר׳ יחיאל איז מיטגעגאַנגען מיטן גבאי. ווי נאָר ער האָט אריבערגעטראָטן די שוועל פון רבי׳נס הויז, האָט איהם ר׳ מאיר׳ל אנטקעגן געלאָפן מיט גרויס שמחה אויסרופנדיג:

— ברוך הבא! שוין יאָהרן וואָס איך האַלט אַ קעסטעלע מיט געלד פאַר דיינע דריי טעכטער וואָס דאַרפן אַ שידוך טאָן, אַ דאַנק דעם אויבערשטן וואָס דו ביסט ענדליך געקומען, מיוחס איינער! ווען עס זענען ביי דיר געבאָרן געוואָרן די טעכטער האָט מען מיר פון הימל געוויזן איך זאָל קלייבן אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה זיי זאָלן האָבן נדן און הוצאות החתונה, כדי דו זאָלסט זיך נישט שטערן אין דיין תורה ועבודה, די קעסטעלע איז שוין פוהל, אַ סימן אַז זיי דאַרפן שוין מעהר נישט וואַרטן, ביסט געקומען אין אַ גוטע און מזלדיגע שעה.

ר׳ מאיר׳ל האָט געהאַלדזט ר׳ יחיאל׳ן מיט גרויס ליבשאַפט און געהייסן דעם גבאי אַרויסברענגען די קליין קעסטעלע וואָס שטייט פאַרשלאָסן אין שאַפע. ארי׳ האָט אַרויסגענומען די שווערע קעסטעלע און ר׳ מאיר׳ל האָט ארויסגענומען פון שופלאַד אַ שליסל, עס אויפגעעפנט און אויסגעשאָטן אויפן טיש. ער האָט עס איבערגעצעהלט און געפונען אַ סומע פון זעקס הונדערט גילדן. דער צדיק האָט עס צוריק אויפגעזאַמלט, איינגעפּאַקט אין קעסטעלע און עס געגעבן ר׳ יחיאל׳ן צו

ווינטשנדיג ער זאָל זיך אומקערן לשלום אַהיים, און טאָן שידוכים מיט זיינע טעכטער מיט פיינע תלמידי חכמים, און זוכה זיין צו האָבן פון זיי פיהל נחת.

ר׳ יחיאל איז געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט, ער האָט נישט געקענט גלויבן דאָס וואָס זיינע אויגן האָבן געזעהן, אזוי גיך צו געהאָלפן ווערן האָט ער זיך אַליין אויך נישט געריכט. טרערן האָבן איהם גערונען פון די אויגן און ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן פון גרויס איבערראַשונג. ער האָט אָנגענומען דעם צדיק׳ס האַנד און געוואָלט קושן, אָבער דער צדיק האָט אויף איהם אָנגעשריגן:

— געה שוין בטלן, וואָס מיינסטו אַז עס איז דען מיינע געלד, עס איז דאָך אינגאַנצן דיינע, איך בין געווען דערויף נישט מעהר ווי אַ שומר, דער זכות פון דיין תורה איז דיר בייגעשטאַנען און דיין בטחון אין אויבערשטן האָט נושא פירות געווען.

דער רבי איז מתרה

צו ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער איז אַמאָהל געקומען אַ איד אַ חשוב און געבעטן אַ ברכה, היות ער האָלט ביים פאָהרן קיין ארץ ישראל, וויל ער דער רבי זאָל איהם בענטשן ער זאָל מצליח זיין ביי דער רייזע און אָנקומען בשלום.

— און פון וואַנען וועסטו נעהמען געלד אויף הוצאות? — האָט איהם ר׳ מאיר׳ל געפרעגט.

— יעצט האָב איך טאַקע נישט — האָט דער חסיד געענטפערט — אָבער איך האָף צו מאַכן אַ נסיעה איבערן לאַנד צו מיינע בעקאַנטע און גוטע פריינד און צוזאַמען מאַכן אויף הוצאות הנסיעה.

ר׳ מאיר׳ל האָט געשאָקלט מיט די קאָפּ ווי אומצופרידן.

— ניין — האָט ער אויסגערופן — מאיר׳ל איז דערצו נישט מסכים, אַזאַ נסיעה קען דויערן וואָכן מיט חדשים, און דערווייל וועט עס דיר מבטל זיין פון תורה און עבודה, בעסער בלייב דאָ ביי מיר, וועסט לערנען און דינען ג־ט ווי דיין שטייגער, און מאיר׳ל וועט שוין בעזאָרגן וויפל עס קאָסט די רייזע.

דער חסיד האָט באַלד מסכים געווען, ר׳ מאיר׳ל שיקט באַלד רופן זיין משמש און רופט אויס:

— פון היינט ביז פיהר וואָכן, זאָלסטו צו מיר קיינעם נישט אַריינלאָזן!

הערנדיג אַזוינע רייד, איז דער חסיד געבליבן אין פאַרלעגנהייט נישט וויסנדיג וואָס צו טאָהן. זאָל ער וואַרטן ביז דער רבי וועט פאַר איהם צונויפמאַכן אויף הוצאות, אָבער ווען קיינעם לאָזט מען נישט צו צום רבין פונוואַנען וועט ער האָבן אפילו אַ קאָפּיקע. זאָל ער אַליין פאָהרן און צושטעלן די סומע, האָט ער דאָך שוין צוגעזאָגט זיין רבין צו איבער־וואַרטן ביי איהם אין הויף. ער האָט אויסגערעדט זיין האַרץ פאַר איינעם פון דעם רבינ׳ס מקורבים, יענער האָט איהם בערוהיגט און געזאָגט:

— דו מעגסט זיין זיכער. אויב דער צדיק האָט צוגעזאָגט דיר צו באַזאָרגן מיט

הוצאות, וועט ער נישט ענדערן זיין ווארט. קענסט זיצן רוהיג און לערנען אן קיין שום דאגות. עס וועט קומען די צייט און דו וועסט געהאָלפן ווערן.

✶

אין פיהר וואכן אַרום געהט ווידער דער חסיד אַריין צום רבין, ר' מאיר'ל האט איהם פריינדליך אויפגענומען, געגעבן שלום און געפרעגט וואס ער טהוט דא?

דער חסיד איז געוואָרן ערשטוינט, האט דער צדיק פארגעסן וועגן וואס ער איז געקומען צו איהם, ווייס ער דען נישט דאס ער ווארט שוין פיהר וואכן דא ביים רבין אין הויף. אָבער צוליב דעם כבוד און פחד פארן צדיק האט ער געענטפערט:

— איך בין געקומען צום רבין נעהמען אַ ברכה און זיך געזעגענען, ווייל איך פאָהר קיין ארץ ישראל.

— און וואס איז מיט הוצאות?

— איך וועל ארום פאָהרן ביי מיינע בעקאנטע און צוזאמען שטעלן די סומע!

— און וואס איז מיט ביטול תורה? מאיר'ל האט דאך צוגעזאגט צו שאפן די סומע, טאָמער וועסטו פרעגן: פונוואנען וועט מאיר'ל נעהמען געלד, ער האט דאך אפילו קיין קאָפּיקע נישט, זאלסטו אָבער וויסן אַז מאיר'ל האט בטחון אין ג־ט, מאיר'ל דאגה'ט קיינמאָל נישט וועגן געלד, ווארט צו אַ קורצע ווילע און דו וועסט בעקומען פיהר הונדערט רובל אויף הוצאות.

✶

— אריה! האט דער צדיק אַ געשריי געטאָהן צום משמש — עפן די טהיר און לאָז אַריין צו מיר פון דעם עולם וואס ווארט.

באַלד האט זיך די טהיר געעפנט און אין צימער איז אריין אַ איד, אַ גביר אויסגעפוצט און רייך געקליידט. דער גביר, זעהענדיג אַז ביים רבין אין צימער געפינט זיך אַ פרעמדער מענטש האט געקלערט צוריק צו געהן. ער האט נישט געוואוסט צו ער זאָל פערבלייבן אין רבינ'ס צימער אָדער אַרויסגעהן. איז ער געבליבן שטעהן אין אַ זייט אַ צומישטער.

נאָך אַ קורצע ווילע האט זיך דער רבי אָנגערופן ווענדענדיג זיך צו זיין חסיד:

— הער זיך צו, וועל איך דיר דערצעהלן אַ מורא'דיגע מעשה, וואס מען קען זיך דערפון פיהל מוסר אָפּלערנען — זאָל דער איד וואס שטעהט נעבן די טהיר אויך צולייגן קאָפּ און נעהמען דערפון אַ מוסר השכל.

דער גביר איז געבליבן שטעהן און אָנגעשטעלט זיינע אויערן ער זאָל נישט פערפעלן קיין ווארט פון דעם צדיק'ס רייד.

— וויסן זאָלט איהר — האט דער צדיק אָנגעהויבן — אַז מאיר'ל דערצעהלט נישט קיין פאנטאזיעס, אַלעס וואס מאיר'ל דערצעהלט האט ער אַליין בייגעלעבט, דעריבער זאָלט איהר טאָקע גוט צולייגן קאָפּ.

— אין אַ שטאָדט האט געוואוינט אַ גרויסער גביר מיט אַ גרויסן פארמעגן, ער האט פארמאָגט גאָלד, זילבער, הייזער מיט גערטנער. זיין נאָהמען איז געווען ר' משה.

אָבער ווי גרויס זיין פאַרמעגן איז געווען איז זיין קמצנות פיהל גרעסער געווען, זיין הויז איז געווען פאַרשפּאַרט פאַר אַרעמעלייט, אויף זיין שוועל האָט קיין אָרעמאַן נישט איבערגעטראָטן און אויף זיין לעבן האָט ער נאָך קיין איין פּרוטה נישט געגעבן פאַר אַ אָרעמאַן. טאָמער עס פלעגט זיך מאַכן און אַ אָרעמאַן איז אַריינגעפאַלן צו איהם, פלעגט ער איהם אָפּשיקן צו זיינעם אַ שכן, ר׳ מתתיהו, און אָנווייזן מיטן פינגער זאָגנדיג:

— געהט אַריין דאָ אין הויז וועט מען אייך געבן פון אַלעס גוטס.

די אָרעמעלייט פלעגן דערביי נישט דערלעגן. ר׳ מתתיהו איז געווען אַ איד אַ ירא שמים און אַ גרויסער בעל צדקה מיט אַ אָפענע האַנד, אַזוי ער און אַזוי אויך זיין פרוי, וועלכע פלעגן זיך דערקוויקן מיט יעדן גאַסט וואָס פלעגט קומען צו זיי. טאָמער וואָלט מען געקענט מיינען אַז ר׳ מתתיהו איז געווען דער גרויסער גביר, איז עס אָבער אַ טעות, קיין אָרעמאַן איז ער טאַקע נישט געווען, אָבער אויך נישט קיין גביר, ער האָט געהאַט פרנסה בריוח, און אָפּגעשפּאַרט יעדעס פּרוטה ער זאָל וואָס מעהר קענען אָוועקגעבן אויף צדקה.

אַזוי זענען זיך געזעסןביידע שכנים, דער גביר מיטן נדיב,ביידן האָט מען מכבד געווען, דעם פאַר זיין רייכקייט חאָטש קיינער האָט דערפון גאָרנישט געהאַט, אָבער אַזוי איז דער נאַטור פון מענטשן מכבד צו זיין דעם רייכן, און דעם נדיב האָט מען מכבד געווען צוליב זיין גוטסקייט.

אין הימל איז אָבער געוואָרן אַ גרויסער טומל. סטייטש, דאָ זיצט אַ פּשוט׳ער בעל הבית און גיט זיין גאַנצן פאַרמעגן אויף צדקה, דאַגעגן נעבן איהם וואוינט אַ גרויסער גביר און קאַרגט אויף אַ פּרוטה, פאַרוואָס זאָל מען איהם לאָזן ביי זיין רייכקייט, בעסער עס געבן דעם נדיב און יענער וועט שוין וויסן וואָס צו טאָהן מיטן פאַרמעגן.

איז געקומען אליהו הנביא דער מליץ טוב אויף אידן און זיך געבעטן, אָפּשטופּן דעם גזר דין.

— לאָמיר מאַכן מיט איהם אַ פּראָבע, עס גלויבט זיך נישט אַז אַ איד זאָל האָבן אַזאַ האַרטע האַרץ, ער זאָל נישט האָבן די מדה פון רחמנות.

✶

עס איז געווען אין אַ ווינטערדיגער טאָג, אין דרויסן האָט געבושעוועט אַ שניי און דער פראָסט האָט געשניטן דעם קערפּער. ביים גביר אין שטוב האָט זיך עס נישט דערקענט, די אויוונס האָבן אַרויס געגעבן געשמאַקע וואַרעמקייט און דער בעל הבית איז זיך געזעסן אין אַ פאָטעל מיט אַ הייסע גלאָז טיי.

מיט אַמאָהל קלאַפּט מען אין טהיר, דער משרת עפנט אויף און פאַר זיינע אויגן שטעהט אַ אָרעמאַן, צוריסן און צושליסן, ער ציטערט אינגאַנצן פאַר קעלט.

— האָט רחמנות — בעט ער זיך — און לאָזט מיר אַריין אין הויז זיך אַביסל דערוואַרעמען, דען איך געה אויס פאַר קעלט.

דער גביר הערנדיג די ווערטער איז געוואָרן אויפגעבראכט.

— שוין איהם ארויסוואַרפן פון דאַנען, דעם מחוצף! באַלד וועט ער אויך בעטן עסן און שלאָפן. ביי מיר אין הויז איז נישט קיין האָטעל פאר געסט!

דער משרת האָט נישט געהאט קיין ברירה און געמוזט פארמאכן די טהיר און צושליסן, דער אָרעמאַן איז נאָך געשטאַנען אַ שטיקל צייט, געוויינט און זיך געבעטן רחמים אָבער קיינער האָט זיך צו איהם נישט צוגעהערט.

אַ טרויעריגער האָט זיך אליהו צוריק געקערט צום בית דין של מעלה און מיט זיין שווייגן האָט ער אַזוי ווי צוגעשטימט צום פסק דין.

מאיר האָט עס אָבער נישט געקענט פערטראָגן. מען זאָל אַזוי שווער בעשטראָפן אַ מענטשן, וועלכער איז פערהאַפט געוואָרן פון שטן? — האָט זיך מאיר אָנגערופן:

— מיר האָבן אַ כלל: "אין עונשין אלא אם כן מזהירין", איך נעהם מיר אונטער צו זיין אַ שליח און מתרה זיין ר' משה'ן. וועט ער איבערקעהרן זיין נאַטור און ווערן אַ בעל צדקה איז גוט, טאָמער נישט, זאָל ער ווערן אַ אָרעמאַן, און די פּראָבע וועט זיין דאָ אויפן אָרט אויב ער וועט מסכים זיין צו געבן פאר דעם דאָזיגן אידן פיהר הונדערט רובל אויף הוצאות צו פאָהרן קיין ארץ ישראל.

✶

דאָ האָט זיך דער צדיק געווענדעט צום אידן וואָס איז געשטאַנען ביים טיהר און אויסגערופן:

— אָט האָבן מיר דאָ ר' משה'ן אליין, לאָמיר איהם פרעגן וואָס ער באשטימט...

ר' מאיר'ל האָט נאָך נישט געענדיגט זיינע ווערטער און דער גביר איז אַנידער געפאַלן אין חלשות, נאָך פיהל מאטערנישן איז געלונגען איהם אָפּצומינטערן. דער גביר איז געווען שטאַרק דערשלאָגן ער האָט מיט אַ יאָמער אויסגערופן:

— ריכטיג רבי, איך האָב טאָקע זייער שווער געזינדיגט, איך בין אָבער מקבל אויף מיר צו ווערן אַ אַנדער מענטש.

און אַזוי רעדנדיג האָט דער גביר אַרויס געצויגן זיין טייסטער, אָרויס גענומען פיהר הונדערט רובל און דערלאַנגט דעם חסיד. יענער וואָס איז אַזוי פּלוצלונג געהאָלפן געוואָרן האָט זיך געוואָקלט און נישט געוואוסט וואָס דאָס מיינט, ער האָט געקוקט אויפן גביר און אויפן צדיק און נישט געוואוסט וואָס צו טאָהן.

— וואָס ביסטו אַזוי פערלאָרן — האָט דער צדיק אויסגערופן — נעהם דיינע געלד. פון הימל האָט מען עס דיר געשענקט. זאָל דיר דער אויבערשטער באַגליקן דיין וועג.

ווי טייער איז עולם הבא

אַ ביטערער אָרימאַן איז געווען ברוך. ער פלעגט ארום געהן אין די דערפער מיטן ביסל דלות צופאַרקויפן. האָט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר גראָשן און דערמיט געדאַרפט שפּייזן זיין בני בית, אַ פרוי מיט פיהר טעכטער.

דאָס אָרעמקייט האָט אַרויסגעקוקט פון שטוב. צוריסן צובראָכן אין אַלע ווינקאַלאַך. נישטאַ קיין ברויט און קיין קליידונג. די גאַנצע וואָך האָרעוועט ברוך מיט זיין פעדלעריי, ווערט פאַרברענט ארומגעהענדיג פון איין דאָרף צום צווייטן אונטער די פייערדיגע זומערדיגע זון, און ווערט דערפרוירן ווינטער אין די שרעקליכע קעלט.

אָבער ער איז צופרידן. ער רעדט נישט קיין וואָרט. ער נעמט אויף זיך אַלעס מיט ליבשאַפט, מיט צופרידנהייט. אויף יעדן כוואַליע וואָס געהט אריבער אויף איהם זאָגט ער „גם זו לטובה", אַלעס וואָס השי"ת טהוט איז צו גוטנס!

געווען איז ברוך אַ פייערדיגער חסיד און פלעגט אָפט פאָרן צום צדיק רבי מאיר פרימישלאַנער זצ"ל. יעדן יום־טוב האָט ער פאַרברייגגט אין בית מדרשביים רבי'ן געדינט דעם אויבערשטן בתמימות און זיך אָנגעזאָפט מיט גוטע הנהגות און טייערע ווערטער פון צדיק. ער פלעגט זיך קיינמאָהל נישט באַקלאָגן פאַר איהם אויף זיין שווערע לאַגע. ער פלעגט פשוט הונגערן גאַנצע טעג און דאָך זיך נישט באַקלאָגט. אָבער נישט נאָר יום טוב. טאָג־טעגליך איידער ער געהט אַרויס אין די דערפער עפּעס זוכן קויפן און פאַרקויפן — פלעגט ער זיך אוועקזעצן לערנען אַ בלאַט גמרא. ער האָט געקענט הונגערן פון עסן אָבער אַ טאָג אָן תורה קומט נישט אין באַטראַכט, ווי קען אַ מענטש לעבן אָן זיין לעבנס־קוואַל אָן תורה. אַזוי פלעגט ער יעדן טאָג דאוונען מיט כוונה און התלהבות און דערנאָך זיך אַוועקזעצן ביי די גמרא פאַרגעסנדיג זיך פון זיין אָרעמקייט. נאָכער, ווען ער האָט געענדיגט, איז ער געגאַנגען זוכן „פרנסה".

און אפילו געהענדיג אין די דערפער, ווען עס האָט זיך איהם געמאַכט אַ ליידיגע שעה, האָט ער זיך געזעצט אונטער אַ שאָטנדיגן בוים און ארויסגענומען פון בוזעם אַ ספר'ל און אנגעזעטיגט זיין דאָרשטיגע נשמה. ווינטער אין די קעלט האָט ער שוין אָפּגעזוכט אַ שטוב ביי אַ באַקאַנטן און זיך אַוועקזעצן לערנען, ער האָט נישט געוואָלט מבטל זיין אַ מינוט פון דאוונען אָדער לערנען.

*

אַזוי זענען אַריבער יאָהרן. דער אָרימער פעדלער איז אפּגעשוואַכט געוואָרן אונטער די שווערע לאַסט וואָס אויף איהם. ער קען נישט אַרומגעהן אַזוי פיהל אין די דערפער. אָבער דער עיקר, די מיידלאַך זענען אונטער געוואַקסן און מ'דאַרף שוין זעהן פאַר זיי עפּעס אַ תכלית, און ער האָט נישט אַפילו אַ פרוטה אויף נדן און אַנדערע חתונה־אויסגאַבן. אויף זיין הונגער האָט ער געקענט איבערגעהן. אָבער דער צער פון די קינדער דערגעהט איהם ביזן האַרצן.

ווען ער פלעגט באַזוכן ביים רבין, האָט ער זיך קיינמאָהל נישט באַקלאָגט. אָבער דאָס מאָהל האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָט דערלאַנגט דעם רבי'ן אַ קוויטל וועגן זיין לאַגע.

דער צדיק לייענט דאָס קוויטל, נעמט אַרויס פון טיש-קעסטל פערציג גילדן און דערלאַנגט עס דעם אָרימאַן ר' ברוך, זאָגנדיג:

— הער זיך צו וואָס איך רעד צו דיר. פאָהר קיין לעמבערג, די גרויסע שטאָט, דאָרטן זאָלסטו גאָרנישט טהון, נאָר וועלכע סחורה מ'וועט דיר דאָרטן פאָרלייגן זאָלסטו גלייך קויפן.

ר' ברוך איז אַרויס צופרידן פון רבי'ן מיט די פערציג גילדן. פאַר אזא אָרימאַן איז עס אַ גרויסע סומע אָבער פאַר די לעמבערגער סוחרים און גבירים — וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט אזאַ געלד ?...

ער האָט אָבער נישט אַריינגעטראַכט צופיהל אין דעם רבין'ס וואָרט, ער איז באַלד געפאָרן נאָך לעמבערג און זיך גערדרעהט אין די גרויסע גאסן פון די גאַליצישע הויפּט-שטאָט ווי אַ דארפישער אָרימאַן אַנגעטהון שמאַטעס. אָבער קיינער האָט זיך געוויינליך נישט אינטערעסירט אין איהם. וואָס פאַר אַ געשעפטן האָבן זיי מיט אַ אָרימער דארפסמאַן. קיינער האָט איהם נישט פאָרגעלייגט קיין סחורה.

אַזוי איז ר' ברוך ארומגעגאַנגען פון אין דער פרי ביז אוונד. אַנפאַנג נאַכט איז ער שוין זעהר פארמאַטערט געוואָרן. קוים וואָס ער שלעפּט די פיס און ער דערזעהט נישט קיין תכלית. דערווייל שטעלט ער זיך אַוועק נעבן אַ גרויסן געשעפט און באַטראַכט די אַלע סחורות וואָס ליגן דאָרטן. ביי די טהיר פון געשעפט שטעהט דער בעל-הבית און באַטראַכט אַזוי דעם אָרימאַן וועלכער ווערט ערשטוינט פון פאַר-שידענע סאָרטן סחורות.

— ר' איד, ווילסט אפשר קויפן די סחורה פון קלייט!? — האָט איהם פלוצים אַ פרעג געגעבן מיט שפּאָס דער בעל הבית.

ר' ברוך פאַרלירט זיך נישט און שטעלט אַ פּראַגע:

— וואָס פאַר אַ סחורה לייגסטו מיר פאָר?

— עולם הבא! — ענטפערט דער גביר, אַ האַלבער משכיל, מיט ליצנות — אָבער וויפיל געלד פאַרמאַגסטו?

— איך האָב פערציג גילדן — ענטפערט ר' ברוך.

— און דו ווילסט עס ביי מיר קויפן?

— יאַ, פאַרוואָס נישט.

דער גביר האָט אויסגעפּלאַצט מיט אַ הילכיגן געלעכטער, ער האָט אַריינגערופן דעם אָרימאַן אין געשעפט, צוזאַמענגעקליבן די משרתים און אין זייער געגנוואָרט האָט ער אָפּגעשריבן אַ שטר-מכירה און זיך אונטערגעשריבן דערויף. ר' ברוך האָט אַרויסגענומען די געלד פון קעשענע, דערלאַנגט דעם גביר און באַקומען דעם שטר-מכירה, ער ווייסט נישט קיין חכמות, דער רבי האָט געהייסן ער זאָל קויפן די ערשטע סחורה וואָס מ'לייגט איהם פאָר — האָט ער געקויפט...

מיטן "שטר מכירה" אין קעשענע איז ר' ברוך געגאַנגען זיך אָפּרוהען אין בית מדרש און אַ ביסל לערנען. ער האָט דאָך שוין איינגעהאַנדלט סחורה...

דער גביר האָט נישט אויפגעהערט צו לאכן, און האָט אלעמען דערצעהלט ווי אַ טיפש אַ אָרימאַן האָט איהם געגעבן 40 גילדן פאר זיין "עולם הבא".

✶

פארמאכנדיג זיין געשעפט, געהט דער גביר אהיים און וויל עפענען די טהיר פון שטוב — עס עפנט זיך נישט! ער נעמט קלאפן און שרייען מ'זאל איהם עפענען די טהיר ער וויל אריינגעהן. שרייט אַרויס צו איהם די ווייב:

— דו ווערסט אין שטוב נישט אַריין ביז דו וועסט נישט ברייגען צוריק דעם "שטר מכירה" וואָס דו האָסט געגעבן יענעם אָרימאַן, אויף דיין חלק עולם הבא. מ'מאַכט דאָך פון אונז — האָט זי געזאָגט —, חוזק און ליצנות אין די גאַנצע שטאָט...

דער גביר געהט אַרויס אין גאַס אָנגעפיהלט צאָרן מיט חרטה־געפיהלן, טרעפט איהם איינער פון די גבירים פון שטאָט און זאָגט איהם:

— ווי קומט עס צו דיר אַזאַ נאַרישקייט, גלויבסטו אין עולם הבא, פאר וואָס־זשע געהסטו עס פאַרקויפן פאר 40 גילדן? ביזטו אַ כופר — ווי פאַרפירסטו אַ ביטערן אָרימאַן און רייסט אַרויס פון איהם זיינע פאַרהאָרוועטע געלד? וואָס איז דאָ געשעהן מיט דיר וואָס דו האָסט זיך אַזוי פאַרלאָרן?...

אַזוי טרעפן דעם גביר נאָך מענטשן, באַקאַנטע און פריינד און אַלע דריקן אויס זייער וואונדער צו אַזאַ משונה'דיגן טהאַט. אַנדערע זידלען איהם פאַרוואָס ער האָט אַרויסגענאַרט פון אַ אָרימאַן זיין געלד.

דער גביר האָט זיך יעצט באַרעכנט אַז ער איז ווירקליך אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ. איז ער געגאַנגען זוכן דעם אָרימאַן אָפּצובעטן דעם "שטר מכירה" און אָפּצוגעבן איהם זיין געלד. האָט ער קוים געפונען דעם אָרימאַן זיצנדיג אין בית מדרש לערנענדיג מיט גרויס חשק. זאָגט איהם דער גביר אַז ער וויל איהם אָפּגעבן די 40 גילדן און אָפּנעמען דעם שטר־מכירה. אָבער דער אָרימאַן וויל נישט הערן דערפון. ער טענה'ט: געשעפט איז געשעפט, חרטה איז נישט מעשה סוחר...

איז דער גביר אַרויס פון דאָרט אויפגערעגט אָבער ער געפינט נישט קיין רוה, ער געפינט נישט קיין אָרט. פון טאָג צו טאָג דערוויסן זיך מעהרער מענטשן פון זיין נאַרישן געשעפט און ער איז געוואָרן צו שפּאָט ביי אַלעמען. די ווייב פאַרביטערט איהם דאָס לעבן, און דער אָרימאַן איז אַ עקשן...

האָט ער זיך ווידער געבעטן און געבעטן ביים אָרימאַן. ביז ער האָט איהם אָפּן געזאָגט:

מיין היילגער רבי ר' מאיר פרימישלאַנער האָט מיר באַפוילן איך זאָל קויפן דאָס ערשטע וואָס מ'וועט מיר פאָרלייגן, ער האָט מיר געגעבן וועגן דעם צוועק 40 גילדן. האָסטו מיר פאַרגעלייגט אַ סחורה, האָב איך עס געקויפט, ווי קען איך יעצט מבטל זיין דאָס געשעפט?...

ענדליך איז אָפּגעמאַכט געוואָרן צווישן זיי מ'זאָל פאָרן צוזאַמען צום רבי'ן פאָרלייגן זייערע טענות און וואָס ער וועט זאָגן — וועלן זיי מקיים זיין.

רבי מאיר פרימישלאַנער האָט דאַן אזוי גע׳פסק׳נט:

דער גביר דאַרף געבן דעם אָרימאַן אלע חתונה אויסגאבן פאר זיינע קינדער און נאָך אַ סומע ער זאָל זיך ערנעהרן דערפון מאכנדיג זיך אַ פרנסה, דאַן וועט ער באקומען צוריק דעם ״שטר מכירה״ אויפן עולם הבא...

דער גביר האָט נישט געהאט קיין ברירה און געטהון ווי דער רבי האָט איהם געזאָגט, און ר׳ ברוך איז דערוויל געהאָלפן געוואָרן.

צום גביר האָט זיך דער רבי אָנגערופן: זעה ווי טייער איז עולם־הבא...

און צום אָרימאַן ר׳ ברוך האָט דער רבי געזאָגט: זעה ווי גוט איז עולם הבא!

ווען חכמה איז משוגעת

דאָס התנהגות פון רבין ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער זצ״ל, איז געווען פול מיט פליאות, וואָס מען האָט זיי אין פלוג נישט געקענט פערשטעהן, און מען האָט בעדאַרפט האָבן אַ גרויסע מאָס אמונת צדיקים, כדי צו גלויבן, אַז יעדער שריט זיינער איז מיט אַ טיפער כוונה און בעצוועקט גרויסע זאַכן.

אין פרימישלאַן איז געווען אַ ראש־הקהל אַ מתנגד, אָבער אַ גרויסער למדן און תלמיד־חכם. דער רבי האָט איהם שטאַרק מכבד געווען, אָבער דער ראש הקהל האָט דעם רבין אויסגעמיטן, צוליב דעם, וואָס עס האָט איהם אויף דעם רבי׳ן געאהרט אַ סך קשיות, און זיין התנהגות איז פאר איהם געווען אונפערשטענדליך.

איינמאָל איז דער ראש־הקהל געווען צוזאַמען מיט׳ן פרימישלאַנער אויף אַ סעודת־מצוה און פונקט ווי תמיד האָט ער נישט געקענט סובל זיין דעם רבינ׳ס התנהגות, איז איהם איינגעפאַלן דער פסוק אין מלכים ״כי בשגעון ינהג״...

אין דעם זעלבן מאָמענט האָט דער רבי ר׳ מאיר׳ל אויסגערופן:

— אויפן פסוק ״כי בשגעון ינהג״, מאַכט דער תרגום ״ארי בחוכמתא״, ביי קורצזיכטיגע מענטשן האָט עס אויסגעקוקט אַ משוגעת, אָבער אין דער אמת׳ן איז עס געווען מיט גרויס חכמה...

ערשט איצט האָט דער למדן פערשטאַנען, אַז דער רבי איז אַ גרויסער בעל־רוח־הקודש און ער האָט שלום געמאַכט מיט איהם.

פארשפעטיגט די חתונה

ווען דער צדיק ר׳ שלמה׳לע שפירא, זצ״ל דער ערשטער מונקאטשער רבי, אַ זוהן פון ר׳ אלעזר לאַנציטער זצ״ל, וועלכער איז געווען אַ זוהן פון דעם דינובער צדיק ר׳ הערש אלימלך זצ״ל, איז אלט געווען אַכט יאָהר האָט מען איהם משדך געווען מיט די טאָכטער פון ר׳ יקותיאל שמעלקע, דער זוהן פון הייליגן צדיק ר׳ משה לייב סאַסאָווער זצ״ל. פאַהרנדיג צוריק פון דעם תנאים, איז דער מחותן, דער צדיק ר׳ אלעזר צוזאַמען מיט זיין זוהן דעם חתן דורך געפאַהרן דורך די שטאָדט פרימישלאַן און אריינגעפאַהרן צום צדיק ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער, איהם דערצעהלן

וועגן דעם תנאים און באקומען פון איהם אַ ברכה. ווען ר' מאיר'ל האָט געזעהן דעם גאָלדענעם זייגער וואָס דער חתן האָט באַקומען אַ מתנה, האָט ער געזאָגט:

— זעהסטו מיין קינד די דאָזיגע כלי וואָס ווערט אָנגערופן "זייגער", עס איז דוכט זיך אַ כלי בתכלית השלמות, אָבער טאָמער עס ווערט עפּעס קאַליע, אפילו נאָר דער שפּינדל וואָס איז דין ווי אַ האָר, האָט שוין די כלי מעהר קיין ווערדע נישט און עס הערט אויף צו נוצן. וואָס טהוט מען? מען ברענגט עס צום זייגער־מאַכער וועלכער קען פאַררעכטן אַ קאַליקן זייגער. און וואָס טהוט ער, דער מייסטער? ער צונעהמט די כלי אויף שטיקלאַך און רייניגט אויס יעדן ברעקל. דערנאָך פאַרריכט ער די צובראָכענע טהיילן און שטעלט צוריק אויף די אלע טהיילן פון זייגער. אַזוי איז אויך דער מענטש, ווי נאָר עס ווערט אין איהם עפּעס קאַליע מוז ער זיך אינגאַנצן צוברעכן, נאכזוכן זיינע אלע מעשים און געפינען זיינע אלע חסרונות, אויסרייניגן די אלע שמוץ ביז עס זאָל נישט בלייבן קיין פּיצל און דערנאָך צוזאַמען שטעלן און פאַרריכטן די אַלע טיילן וואָס זענען קאַליע, ביז עס ווערט גאַנץ.

— און דאָס איז דער ענין פון דעם קול שופר — האָט רבי מאיר'ל ווייטער געזאָגט — וועלכער איז מעורר און וועקט צו תשובה: פריער געהט די תקיעה, פשטות, גלייכקייט, איינפאַכקייט, דאָס איז אַ רמז צום מענטשן ווען ער איז גלייך. דערנאָך קומט דער שברים, צובראָכנקייט, תרועה, צובראָכן אויף פּיצלאַך, שברי שברים, אַ רמז ווען די הארץ איז שוין צובראָכן אויף פּיצלאַך דורך תשובה און חרטה, דאַן קומט ווידער די תקיעה, די גלייכקייט, דער פשטות, ווייל נאָכדעם וואָס דער מענטש טהוט תשובה, ווערט ער ווי אַ נייע בריה, ווי אַ קטן שנולד, אַ כלי שלם.

און נאָך האָט רבי מאיר'ל געלערנט פאַר דעם יונגן רבי שלמה'לע ווי אַזוי אַ מנהיג ישראל דאַרף זיך פיהרן, און אַזוי האָט ער צו איהם געזאָגט:

— און דאָס איז דער פשט פון פסוק "ובהקהל את הקהל", אז מען איז אַ מנהיג איבער קהל, "תתקעו" — דאַרף מען זיך נוהג זיין איינפאַך, פשוט, אָן גדלות, דאָס דערנעהנטערט דעם קהל צום מנהיג און ברענגט אַריין אחדות און אהבה. "ולא תריעו" — זאָלסט אָבער נישט פאַרקרימען דיינע וועגן מיט גאוה און גרויס־האַלטעניש, וואָס וועט גורם זיין, אַז קהל זאָל זיך פון דיר דערווייטערן און אַזוי אַרום וועסטו אַריינברענגען צובראָכנקייט און פירוד.

✶

ווען עס איז אָנגעקומען דאָס יאָהר תר"ו און ר' שלמה'לע איז שוין אַלט געווען פערצן יאָהר האָט מען אָפּגעשטימט די חתונה, וועלכע האָט געזאָלט פאָרקומען אין סאסוב. פאָהרנדיג צו דער חתונה, איז דער מחותן מיטן חתן ווידער אַריינגעפאָהרן קיין פרימישלאַן צו בעקומען אַ ברכה פון צדיק. זיי זענען דאָרטן אָנגעקומען אין דעם טאָג ווען די חופה האָט געדאַרפט פאָרקומען, גאַנץ פריה, און אַריינגעגאַנגען צום צדיק.

ר' מאיר'ל האָט געהייסן ברענגען כיבוד לכבוד די געסט, און ער האָט אויך מכבד

געוועזן דעם חתן מיט אַ גלאָז קאַווע. אַלע זענען געווען פאַרוואונדערט וויסנדיג אַז היינט דאַרף פאַרקומען די חופה און דער חתן האַלט אַ תענית, אָבער קיינער האָט נישט געוואָגט אויסצורעדן אַ וואָרט אָדער געבן עפּעס אַנצוהערן דעם צדיק. אַלע האָבן געוואוסט אַז דער צדיק האָט אָפענע אויגן און ער ווייסט גוט וואו זיי האַלטן. אַדרבה, מען האָט דערפון אָפּגעלערנט אַז היינטיגן טאָג וועט שוין די חופה נישט פאַרקומען, אַליין נישט וויסנדיג צוליב וואָס פאַר אַ סיבה. ווען שלמה'לע האָט געוואָלט אַ זופּ טאָן פון גלאָז האָט ער זיך שיעור אָפּגעבריהט פון די הייסע קאַווע, אָבער ר' מאיר'ל האָט איהם מזרז געווען זאָגנדיג:

— טרינק, טרינק מיין קינד, ציטער נישט פאַר די היץ, און מאיר'ל וועט דיר בענטשן אַז קיין חוש פון דיינע חושים זאָלן נישט קראַנק ווערן דיין גאַנצן לעבן, און נישט שטערן פון דיין עבודת השם.

די ברכה איז ווירקליך מקוים געוואָרן, זיין גאַנצן לעבן האָט ער קיינמאָל נישט געליטן אויף קיין בעזונדער ווייטאָג, ווי עס איז בעקאַנט ביי אַלע וואָס האָבן איהם געקענט.

✶

די מחותנים האָבן גענומען קוקן פון מאָהל צו מאָהל אויף די זייגערס אַלס אַ צייכן אַז עס איז שוין שפּעט און מען דאַרף שוין אַרויספאָהרן, אָבער ר' מאיר'ל זיצט און פאַרברענגט זיך גאַנץ רוהיג, זאָגנדיג תורה און שיחות חולין ביז עס איז געוואָרן מיטאָג, דאַן האָט ער געלאַדנט די מחותנים אויף מיטאָג צו עסן.

בשעת די סעודה האָט ר' מאיר'ל ווידער געזאָגט תורה און ווערטער ביז עס איז געקומען די צייט פון מנחה דאַווענען. דאַן האָט זיך ר' מאיר'ל אויפגעשטעלט און אויסגערופן!

— יעצט וועט מאיר'ל געבן פאַרן חתן אַ דרשה געשאַנק!

ר' מאיר'ל איז צוגעגאַנגען צו די ספרים שאַפע און אַרויסגענומען דעם ספר "תומר דבורה" פון ר' משה קורדובירו, און עס דערלאַנגט דעם חתן זאָגנדיג:

— רבי שלמה! — דאָס איז געווען דעם ערשטן מאָהל וואָס ער האָט איהם אַזוי גערופן — נאָט אייך דעם ספר פאַר אַ מתנה און איהר זאָלט זאָגן גוטע דיבורים פאַר אייערע חסידים, אַזוי ווי דער דאָזיגער ספר הייסט "תומר דבורה", מזל טוב אייך חתן, מזל טוב אייך רבי!

אויף מאָרגן זענען דער חתן מיט די מחותנים אַרויסגעפאָהרן קיין סאַסוב. ווען זיי זענען דאָרטן אָנגעקומען האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז נעכטן, דעם טאָג וואָס האָט געדאַרפט פאַרקומען די חתונה, איז די כלה פלוצלונג קראַנק געווען און ערשט היינט איז זי געזונט געוואָרן. עס האָט נעכטן בשום אופן נישט געקענט פאַרקומען די חופה.

עס איז געווען אָפענע רוח הקודש פון ר' מאיר'ל פרימישלאַנער.

זעקסטער קאַפּיטל

אומזיסטע פאַרפאָלגונגען

דער דרך החסידות און דאָס פיהרונג פון די רביים איז, מיט יאָהרן צוריק, געווען פערשידן און גאַנץ אנדערש ווי אין אונזערע היינטיגע צייטן, היינט האָט עס זיך, ליידער, אַזוי אויסגעשטעלט, אַז כל מי שרוצה את השם — יבוא ויטול. ווער עס וויל נאָר, דער קען זעהר לייכט ווערן אַ חסיד און אַפילו אויך אַ רבי...

גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער געווען מיט עטליכע דורות צוריק, דאַמאָלס איז נאָך געווען אַ עין רואה, מען האָט זעהר גוט אַכטונג געגעבן, אַז עס זאָלן זיך אין דעם נייעם דרך החסידות ניט אַריינכאַפּן אַזעלכע מענטשן וואָס זיינען ניט ראוי דערצו און אויב עס האָט דאָך געטראָפן, אַז אַזוינס איז פאַרט געשעהן, האָט מען די דאָזיגע פאַרשוינען אַזוי לאַנג גע׳רודפ׳ט און דערקוטשעט, ביז זיי האָבן געמוזט אוועקלייגן דאָס וואָס זיי האָבן זיך אָנגענומען ניט מיט ריכטיגקייט און צוריק ווערן כאחד האדם...

דערפאַר האָט מען, אין די יוגנד־יאָהרן פון דעם חסידות, אָפט געהערט פון גאָר גרויסע מחלוקת׳ן צווישן איין חסידישן רבי׳ן און א צווייטן, און פון איין פּאַרטיי חסידים און די אנדערע.

✶

אַז ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער האָט נאָך דער הסתלקות פון זיין גרויסן פאָטער ר׳ אהרן ליב, איבערגענומען זיין רביסטווע און איז געוואָרן דער פיהרער פון אַ היבש ביסל חסידים און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פיהרן אויף זיין נייעם דרך, האָט דער דאָזיגער ענין גאָר ניט געשמעקט די אנדערע חסידישע רביים, וועלכע האָבן געלעבט אין זיין שכינות.

זיי זענען למשל, געווען זעהר אומצופרידן וואָס ר׳ מאיר׳ל בענוצט זיך אַזוי שטאַרק און עפנטליך מיט דעם רוח הקודש, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין אַזאַ גרויסער מאָס. יעדעס מאָל ווען עס איז אימיצער צו איהם געקומען, האָט ער פיהלמאָל ניט געוואַרט דאָס יענער זאָל פאַר איהם אוועקלייגן אַ קוויטל מיט זיין בקשה, נאָר ער האָט איהם תיכף ומיד געזאָגט נאָך וואָס ער איז געקומען און וואָס זיין פערלאַנג איז. אַ חוץ דעם האָבן זיי אויף ר׳ מאירלען געהאַט תרעומת, וואָס ער האָט זעהר אָפט ניט געשוינט די געפיהלן פון די מענטשן וואָס זיינען צו איהם געקומען און ווען

ער האָט זיי נאָר דערזעהן פאר זיך, האָט ער ניט געמאַכט קיין שהיות און באַלד אויסגערעכנט אַ צעטל מיט עבירות וואָס זיי האָבן בעגאַנגען...

לאָמיר דאָ אַראָפּ ברענגען וואָס אַ צדיק פון שפּעטערן דור האָט אַמאָל ערקלעהרט פאר אייניגע וואָס האָבן זיך געוואונדערט דערויף, און אַזוי האָט יענער געזאָגט:

— "איהר פרעגט פאַרוואָס טייל פון די גרויסע צדיקי הדור האָבן קורא־תגר געווען אויף ר' מאיר'ל פרימישלאַנער? אין פלוג איז עס טאַקע אַ הארבע קשיא. מחמת אויף אַזאַ צדיק ווי דער פרימישלאַנער איז געווען, איז, דאכט זיך, גאָר ניט דאָ וואָס אויסצוזען. אַ מיוחס איז ער געווען איינער פון די גרעסטע אין דור, פון דורי דורות בלויז צדיקים און גדולי ישראל. אַ בעל־צדקה, איז דאָך ממש גאָר ניט געווען זיין גלייכן אויף דער וועלט. זיך אליין און זיין בני־בית האָט ער אינגאַנצן מפקיר געווען, געלעבט אין אָרימקייט און אין דחקות, פשוט כפשוטו, און דאָס גאַנצע געלד וואָס ער האָט אָנגענומען פון די חסידים זיינע, אַ שטיק עשירות מעג מען זאָגן, האָט ער פערטיילט צו אָרימע לייט, צו אלמנות און יתומים, בעזונדער צו די אָרימע תלמידי־חכמים פון ארץ ישראל. אַ צדיק עובד ה' איז ער דאָך בודאי געווען, אַ אמת'ער, קלאָרער בעל־רוח־הקודש, דאָס האָט מען דאָך ביי איהם געקענט זעהן בחוש, ממש מיט די אויגן, אָדער בעסער געזאָגט מיט די אויערן, ווייל ער פלעגט פיהל מענטשן אויסזאָגן זייערע פערזענליכע סודות פון וועלכע קיין בן־אדם, חוץ זיי אַליין, האָט ניט געוואוסט. טאָ איז דאָך טאַקע די קשיא, וואָס'זשע ווידער האָבן זיי צו איהם געהאַט? מיט וואָס איז זיי עפּעס ניט געפעלן זיינע הנהגות?

ווער עס פערשטעהט אָבער דעם אמת'ן דרך פון חסידות, דער ווייסט אויך די סיבה פון דעם תרעומת וואָס די צדיקים האָבן געהאַט אויפ'ן פרימישלאַנער צדיק. די סיבה איז געווען טאַקע זיין פרסום'דיגער רוח־הקודש, דאָס ארויסווייזן פאַר דער גרויסער וועלט וואָס ער זעהט און ארויסזאָגן וואָס ער ווייסט. מחמת דער בעוואוסטער כלל ־אז "וואָס צופיל טויג ניט", געהט אויך אָן ביי ענינים פון רוח־הקודש.

איהר חדוש'ט אייך, רבותי? לאָמיר עס אייך ערקלערן:

דער יסוד פון'ם חסידות איז פונקט ווי דער יסוד פון'ם דת, די "אמונה". דער חסיד מוז גלויבן אין'ם צדיק, גלויבן אין זיינע הימלישע כחות, אז ער זעהט מיט אַ איבערנאַטירליכע ראיה און ווייסט מיט אַ איבערנאַטירליכע ידיעה.

דער צדיק מעג ווייזן מופתים למעלה מדרך הטבע, זיי דאַרפן אָבער געוויזן ווערן פערשטעלט, מיט אַ מדרגה פון הסתרת־פנים, כדי צו לאָזן פלאַץ פאַר דער אמונה. טאָמער ווייזט אָבער דער צדיק אלצדינג דייטליך ארויס, בולט און קלאָר זיין רוח־הקודש, טאָ הייסט דאָס דאָך ניט מעהר "אמונה", גלויבן נאָר "ידיעה", וויסן. און "וויסן" איז ניט מעהר מעשה חסידות, דאָס האָט שוין אַ שטאַרקע נגיעה מיט חקירה און פיהרט גאָר אָפּטמאָל דעם מענטשן אָוועק אין קרומע וועגן".

אַ גרויסער פלאם פייער

עס איז דערפאר ניט געווען קיין גרויסער חידוש, וואָס ר׳ מאיר׳ל האָט אין די ערשטע יאָהרן פון זיין רביסטווע, געהאט אַזוי פיהל געגענער. דער וויכטיגסטער צווישן זיי איז געווען דער גרויסער רבי ר׳ אורי סטרעליסקער זצ״ל, וועמען מען האָט גערופן ״דער שרף״ (דער פלאם־פייער). ער און זיינע חסידים זיינען געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן ארויסגעוויזן זייער גרויסע אונצופרידנהייט מיט ר׳ מאיר׳ל און זיינע נייע דרכים...

עס איז גענוג געווען אַז ר׳ אורי׳לע זאָל זיך נאָר איינמאָל, בשעת תורה זאָגן, אָדער אין אַ געוויינליכן שמועס, אַרויסזאָגן דאָס ער האָט תרעומת אויף ר׳ מאיר׳לס דרכים, דאָס זיינע חסידים און נאָכפאָלגער זאָלן שוין דאָס איינע וואָרט אויפכאפן און דערפון אויפבלאָזן אַ גאַנצן ענין, פול מיט רדיפות און מחלוקת׳ן...

דער וויכטיגסטער תלמיד פון דעם רבי׳ן ר׳ אורי סטערליסקער איז דאמאָלס געווען דער שפעטערער אַזוי בעריהמטער צדיק ר׳ יהודה הערש סטרעטינער זצ״ל, (וועלכער איז דערנאָך אויך געוואָרן דער ממלא מקומו פון זיין גרויסן רבי׳ן). אַז ער האָט נאָר דערהערט דאָס זיין רבי איז ניט צופרידן פון ר׳ מאיר׳לס פיהרעכץ, האָט ער גאָר ניט געקוקט וואָס ער אַליין איז פריהער געווען אַ שטאַרקער חסיד און אָנהענגער פון זיין פאָטער, ר׳ ארון ליב, און ער איז, טראָץ דעם געוואָרן איינער פון ר׳ מאיר׳לס גרעסטע געגנער און ער האָט געזוכט פערשידענע אופנים ווי אַזוי איהם צו פארפאָלגן...

עס האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן געגן ר׳ מאיר׳לען פערשידענע רדיפות און בעליידיגונגען. ער פון זיין זייט, האָט זיך דאָך געמוזט פערטיידיגן און דערפון איז אַרויסגעקומען אַ גאַנצע פארקאָכעניש פון מסירות און קריגערייען, עס האָבן זיך, צווישן די חסידים, געבילדעט צוויי צדדים פון וועלכע איינער האָט געהאַלטן שטאָהל און אייזן פאר ר׳ מאיר׳לען און דער צווייטער מיט זיינע געגנער.

אַז די שונאים פון ר׳ מאיר׳לען האָבן איינגעזעהן, דאָס זיי אליין זיינען צו שוואך מיט איהם צו פיהרן מלחמה, האָבן זיי בעשלאָסן זיך צו נעהמען צו הילף די אנדערע גרויסע צדיקים פונ׳ם דור, אַז זיי זאָלן אויך זיך ארויסזאָגן געגן איהם און זעהן צו ווירקן ביים חסידישן עולם, דאָס מען זאָל אויפהערן צו איהם צו פאָהרן. דאָס האָט געהייסן, אַז די רביים זאָלן ביי איהם צונעהמען זיינע מדרגות...

דער וויכטיגסטער און אפשר אויך דער עלטסטער רבי אין גאַליציען איז דאמאָלס געווען דער רבי ר׳ נפתלי פון ראפשיץ זצ״ל, אַ חוץ זיין גרויסקייט און אנגעזעהענקייט אין דער חסידישער וועלט, האָט ער אויך געוואוינט גאָר ווייט פון ר׳ מאיר׳לען.

אָט צו דעם ראפשיצער צדיק האָבן ר׳ מאיר׳לס געגנער בעשלאָסן זיך צו ווענדן, דאָס ער זאָל זיך אויך ארויסזאָגן געגן איהם און זיין רביסטווע.

צו דעם צוועק זיינען געשיקט געוואָרן דריי וויכטיגע און געהויבענע חסידים,

קיין ראפשיץ, דאָס זיי זאָלן מיט'ן רבי ר' נפתלי'ן איבערשמועסן דעם גאַנצן ענין און פון איהם ארויסקריגען זיין הסכמה...

דער ראפשיצער איז אָבער געווען אַ זעהר גרויסער חכם און ער האָט גאָר קיין חשק ניט געהאט זיך צו מישן אין דאָזיגן זעהר ניט אנגענעהמען עסק, און ער האָט דערפאר די משולחים, דורכן גאַנצן שבת וואָס זיי זיינען ביי איהם געווען, גאָר ניט געגעבן קיין שעת הכושר דאָס זיי זאָלן מיט איהם קענען רעדן וועגן דעם ענין נאָך וועלכן זיי זיינען געקומען. דאָס זעלבע איז פאַרגעקומען זונטאָג און אויך מאָנטאָג און דינסטאָג, יעדעס מאָל ווען זיי האָבן מיט'ן רבי'ן געוואָלט רעדן וועגן זייער שליחות, האָט ער זיי, מיט זיין גרויסער חכמה, פארוויקלט אין אַ גאַנץ אנדערן שמועס און ניט דערלאָזט ארויסצוברייגען דאָס וואָס עס איז זיי געלעגן אויפ'ן הארצן.

דינסטאָג נאָכמיטאָג ווען זיי האָבן איינגעזעהן אַז דער ראפשיצער וויל מיט זיי גאָר ניט רעדן וועגן דעם דאָזיגן ענין, האָבן זיי בעשלאָסן זיך מיט איהם צו געזעגענען און צוריק אהיים פאָהרן מיט לידיגן.

ווייל זיי זיינען אָבער געווען גאָר גרויסע אנשים חשובים, און ווייל דער ראפשיצער רב איז ביי זיך געווען אַ גרויסער עניו, האָט ער זיי ארויסבעגלייט פון שטוב, ביז צום וואָגן, וועלכער איז געשטאַנען און האָט שוין אויף זיי געווארט, גרייט צום אָבפאָהרן.

אז זיי אלע זיינען געווען אין דרויסן, האָט איינער פון די דריי משולחים זיך אָנגעכאפט אין דעם איצטיגן שעת הכושר און ער האָט אָנגעהויבן דעם רבי'ן ר' נפתלי'ן צו דערצעהלן דעם צוועק נאָך וואָס זיי זיינען דאַ אַהער געקומען און זיי האָבן איהם שוין אין איינוועגס געוואָלט דערצעהלן וועגן ר' מאיר'לס מאָדנע פיהרונג און זיינע נייע דרכים אין חסידות.

לאנג רעדן האָט זיי אָבער דער רבי ר' נפתלי ניט געלאָזן ער האָט זיי באַלד אונטערגעבראָכן:

— איך ווייס! איך ווייס! — האָט ער צו זיי געזאָגט, — עס קען מעגליך זיין, אז איהר האָט רעכט. אָבער היינטיגע נאַכט איז ערשט ר' ארון־ליב ביי מיר געווען אין חלום און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— איך האָב איבערגעלאָזט אַ קליין גלאָוועלע, וויל מען עס אויסלעשן?! זאָג איך דיר, אַז ידך אל תהי בו!!!...

קוים האָט דער ראפשיצער נאָר געהאט געענדיגט די דאָזיגע עטליכע ווערטער, האָט זיך באוויזן אַ קליין וועגעלע, געשפאַנט צו איין איינציגע פערדל. ער איז גלייך פארפאָהרן פאַרן הויז פונ'ם רבי'ן ר' נפתלי. עס איז ארויס פון וועגעלע אַ יונגער מאַן און האָט אויפ'ן הויכן קול אויסגערופן:

— דער טאטע האָט אייך געזאָגט, אז ער האָט איבערגעלאָזן אַ קליין גלאָוועלע, אָבער מאיר זאָגט אייך איצט, אז ער האָט איבערגעלאָזן אַ גרויסן פלאַם־פייער!!!

מיט די ווערטער איז דער יונגער מאן צוריק ארויף אויפ׳ן וועגעלע און ער איז תיכף גיך אוועקגעפאָהרן.

אלע אנוועזענדע זיינען געווען זייער איבערראשט פון די דאָזיגע אומגעריכטע דבורים. איבערהויפּט זיינען דאָס געוואָרן די דריי משולחים, וועלכע האָבן אלע ר׳ מאיר׳לען זייער גוט געקענט און זיי האָבן זיך דערפאר דערשראָקן, פון וואנען נעהמט ער זיך דאָ פלוצים אהער ?...

— אָט דאָס איז ער דאָך געווען אַליין ! — האָבן זיי אויסגערופן.

— אָט דאָס איז ער געווען ? — האָט איצט דער ראָפּשיצער רב געזאָגט מיט אַ שמייכל, — האָט ער דאָך טאקע רעכט געהאט, אז ער איז ניט קיין גלאָוונעלע, נאָר אַ אמת׳ער גרויסער פלאָם־פייער ! פאָהרט געזונדערהייט אהיים ! איך קען מיך אין דעם גאנצן ענין גאָר ניט אַריינמישן און צו די מענטשן וועלכע האָבן אייך דאָ אהער געשיקט, וויל איך געבן אַ עצה טובה, דאָס זיי זאָלן איהם צורוה לאָזן. ער געהט אויפ׳ן ריכטיגן וועג פון אונזערע אַלטע גרויסע רביים און ער וועט זיכער ווערן אַ גאָר גרויסער מענטש.

אז ר׳ מאיר׳לס געגנער האָבן געהערט אַזעלכע דבורים. זיינען זיי שוין אַ סך ווייכער געוואָרן און האָבן אויפגעהערט איהם אַזוי פיהל צו רודפ׳ן. כאָטש עס האָבן איהם קיין מאָל, כל ימי חייו, ניט געפעהלט קיין געגנער און מקטרגים, האָבן אָבער די גרויסע רביים מיט איהם דאָך שלום געשלאָסן און מעהרערע פון זיי זיינען געוואָרן זיינע בעסטע פריינד.

דאָס זעלבע איז אויך געשעהן מיט זיין ערשטן און גרעסטן הויפטגעגנער דעם רבי׳ן ר׳ אורי סטרעליסקער, וועלכער האָט איהם פריהער געהאט אַזוי שטאַרק גע׳רודפ׳ט און איז דערנאָך געוואָרן איינער פון זיינע בעסטע פריינד.

בעזארגט אויף שבת

צוריק גוטע פריינד און ידידים זיינען אלע דריי גרויסע צדיקים ערשט געוואָרן נאָך פאָלגענדע מעשה. ווען ר׳ אורי סטרעליסקער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן, אַז ניט קוקנדיג אויף די אלע רדיפות, איז ר׳ מאיר׳ל, איהם נאָך אַלץ געבליבן אַ גוטער פריינד און ער האָט שטענדיג אין זינען געהאַט איהם צו העלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט.

און אַז עס איז ר׳ מאיר׳לען געלונגען זיך צו ערוועבן די פריינדשאפט פון דעם אלטן רבי׳ן ר׳ אורי סטרעליסקער, און פון אַ געגנער צו מאַכן אַ פריינד, איז עס איהם שפּעטער נאָך לייכטער אַנגעקומען פון זיין פאַטער׳ס תלמיד און זיין אייגענעם איצטיגן געגנער ר׳ יהודה הערש סטרעטינער, צו מאכן אַ גאָר ווארעמען אַנהענגער וועלכער איז שוין אַזוי פארבליבן כל ימי חייו...

✶

עס איז גאָר ניט צו פארגלייכן דאָס אַרעמקייט וואָס הערשט אין אונזערע

איצטיגע דורות מיט דעם עניות וואָס עס איז געווען אין די פוילישע לענדער, מיט אַ פיהר דורות צוריק. אין יענע צייטן האָט עס גאָר אָפט געטראָפן, דאָס אַ איד, כאָטש ער איז ניט געווען קיין געוויינליכער אָרעמאן, האָט פשוט ניט געהאַט אויף שבת און ער האָט געמוזט לעבן מיט שווארץ ברויט און אביסל געקעכטס, אָן אַ פיצל פלייש.

אַזאַ מין עניות, וועלכעס איז געווען אַ טעגליכע ערשיינונג אין די קליינע גאַליצישע שטעדטלעך, איז אָפט אויך געווען אַ גאַסט ביי די דאָרטיגע רביים. וואָרום אז די חסידים זיינען געווען גרויסע עניים און אביונים, פון וואַנען האָט זייער רבי געזאָלט האָבן פרנסה? ובפרט אז די רביים פון יענע דורות האָבן פיינט געהאַט געלד בתכלית השנאה און אַז זיי האָבן שוין יאָ אַמאָל געהאַט אַביסל געלד, האָבן זיי עס באַלד אַוועקגעגעבן צו נאָך אָרעמע פון זיי, צו בעהאַלטענע תלמידי חכמים און עהרליכע אידן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין שום אויסזיכט אויף פרנסה.

עס איז דערפאַר גאָר קיין שום חידוש ניט אז אויך ביי אזעלכע גרויסע רביים, וועלכע זיינען געווען פיהרער פון דעם דאמאלסדיגן כלל ישראל, האָט מען אָפט גוט צוגעהונגערט און מען האָט דאָרטן פשוט ניט געהאַט אויף שבת.

דאָס זעלבע איז אויך געווען דער פאַל ביי דעם וועלט-באַריהמטן רבי׳ן ר׳ אורי סטרעליסקער. אויב דער וועג איז געווען אַ גוטער און מען האָט געקענט לייכט צוקומען צום רבי׳ן, איז מיט דער פרנסה נאָך געווען צו דערליידן, האָט זיך אָבער, ובפרט ווינטער-צייט, געמאַכט שלעכטע וועגן און די בעריהמטע "סטרעליסקער בלאָטעס" האָבן ניט געלאָזט צוקומען צום שטעדטל. איז טאַקע דאָרטן געווען צרות. מען האָט ביי ר׳ אורי׳ען פשוט געהונגערט און עס איז ניט געווען מיט וואָס די נשמה צו דערהאַלטן.

✶

אָבער לאָמיר דערצעהלן די מעשה ווי אַזוי דער הייליגער מאגעלניצער רבי האָט עס דערצעהלט.

חאָטש דער מאגעלניצער רבי, ר׳ חיים מאיר זצ״ל, איז געווען בעקאַנט אלס שטרענגער מענטש און מוכיח, האָט ער אָבער בשום אופן נישט צוגעלאָזט צו קיין מחלוקות און פירודים, זייענדיג גרייט מוותר צו זיין למען השלום זעהר אַ סאַך.

און ווי שטענדיג, פלעגט ער זיין שיטה געבן צו פארשטעהן מיט אַ מעשה וואָס ער פלעגט דערצעהלן אויף זיין ספעציפישן אופן:

— אין די ערשטע יאָהרן פון רבין ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער זצ״ל, האָט ער געהאַט שטאַרקע מחלוקות, ווייל זיין דרך איז געווען צו שטראָפן דעם עולם בריש גלי, אָפן, אויסרעכענענדיג אלע זינד, וואָס יענער איז ווען עס איז בעגאַנגען. דאָס האָט שטאַרק געאַהרט די דאַמאָלסדיגע גדולים און עס האָט זיך ענטוויקלט אַ מחלוקה, אין וועלכן עס איז געשטאַנען אין שפיץ דער שרף פון סטרעליסק און דער רבי ר׳ יהודה צבי פון סטרעטין זצ״ל, חאָטש דער לעצטער איז געווען אַ חסיד פון רבין ר׳ מאיר׳לס פאָטער, רבי ארון לייב זצ״ל.

דאָס התנגדות פון סטרעליסקער שרף לגבי דעם רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל פון פרימישלאַן האָט נישט אויפגעהערט ביז צו דער וויטערדיגער פאסירונג, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער מחלוקת.

צווישן די סטרעליסקער חסידים האָט זיך געפונען אַ דאָרפס איד, אַ ירא שמים, אַ גרויסער עובד ה׳, אָבער אויך אַ עני מדוכא, און ער האָט ביטער געקעמפפט מיטן ביסל אויסקומעניש, אַזוי, אַז עס איז געווען צייטן, וואָס דער איד מיט זיין הויז געזינד האָבן ממש געליטן הונגער.

די פרוי זיינע האָט איהם אפילו שטאַרק געפייניגט, אַז ער זאָל זיך אַוועקציהען אין שטאָדט אַריין, וואו ער וועט קענען קריגן עפּעס אַ פרנסה אַ מלמדות אדער עפּעס אַנדערש, אָבער דער דאָרפס איד האָט דערפון נישט געוואָלט הערן, טענה׳נדיג, אַז דאָ אויפן דאָרף צווישן די וועלדער און ברייטע ענדלאזע פעלדער, איז ער נעהנטער צום הימל און עס איז אַ תועלת צום עבודת הבורא. אָבער וואָס טהוט מען מיט פרנסה, אַז די צייט ווערט וואָס אַמאָל ענגער און קיין אויסזיכטן איז נישטא.

איינמאָל האָט זיין פרוי זיך דערוואוסט אז אין פרימישלאַן זיצט אַ רבי, אַ פועל ישועות, ביי וועמען פיהל מענטשן זענען שוין געהאָלפן געוואָרן, האָט זי גענומען פייניגן דעם מאַן, אַז ער זאָל אויך פאָהרן קיין פרימישלאַן, אפשר וועט ער דאָרט באַקומען אַ ישועה.

אָבער דער דאָרפס איד האָט אפילו דערפון נישט געוואָלט הערן, וואָס הייסט ? איך בין דאָך אַ סטרעליסקער חסיד און אין סטרעליסק רודפ׳ט מען אַזוי שטאַרק דעם פרימישלאַנער, ווי אַזוי זשע זאָל איך נאָך פאָהרן צו איהם בעטן אַ ישועה ? . . .

אָבער דאָס ווייב האָט איהם נישט אָפּגעלאָזט, זי האָט איהם אַזוי לאַנג דערקוטשעט, ביז ער האָט זיך געלאָזט צו פוס קיין פרימישלאַן, וואו ער איז אַריין צום רבין, דערלאַנגט אַ קוויטל, אין וועלכן ער האָט זיין שווערן מצב פאַרגעשטעלט, אַז ער מיט זיין בני בית לייזן פשוט הונגער און דאָס שטערט איהם אַ סאַך צו עבודת הבורא, דערביי האָט ער געוויינט בדמעות שליש און כאָטש ער איז אַ סטרעליסקער חסיד, דאָך בעט ער, אַז דער פרימישלאַנער רבי זאָל פאַר איהם מעורר רחמים זיין און אויסבעטן אַ ישועה.

אויסהערנדיג די בקשה פון דעם דאָרפס איד, רופט זיך אָן ר׳ מאיר׳ל :

— זאָג זשע מיר, ר׳ איד, פון וואַנען אייגנטליך נעמסטו מעהל אויף שבת צו באַקן ברויט און חלות ?

— ביי מיר אין דאָרף איז דאָ אַ מיהל און דער מילנער איז אַ היימישער מענטש, געטרויט ער מיר אַ ביסל מעהל און אַלע דאנערשטאָג שיק איך דאָס ווייב צום מילנער נאָך אַ פוד מעהל, פון וועלכן זי באַקט אויס געבעקס אויף אַ גאַנצע וואָך און דער מילנער שרייבט עס אויף מיין רעכענונג. אָבער איך בין איהם שוין שולדיג זייער אַ סאַך געלד, אַזוי, אַז איך שעהם זיך פשוט וויטער צו באָרגן ביי איהם מעהל.

— אָבער נאָך איין מאָל וועט ער דיר געטרויען? — פרעגט איהם דער רבי ר' מאיר'ל.

— איך רעכן, אַז יאָ, — האָט דער דאָרפס איד געענטפערט.

— און פון וואנען נעמסטו פיש און פלייש אויף שבת און די אנדערע צרכי שבת?

— אויך דאָס אייגענע, דער קרעמער און דער קצב געטרויען מיר, זיי ווייסן אַז איך וועל ביי זיי נישט אנזעצן און אַז איך וועל דאָס לעצטע קישן פון צו קאפּנס פארקויפן כדי אָפּצוצאָלן די חובות.

— הער זשע, וואָס מאיר'ל זאָגט דיר — האָט דער רבי ר' מאיר'ל אויסגערופן — פאָהר אַהיים, און דאָנערשטאָג וועסטו ווי שטענדיג נעהמען ביים מילנער, ביים קרעמער און ביים קצב אלץ וואָס דו דאַרפסט לכבוד שבת, דערנאָך זאָלסטו דאָס גאַנצע עסנווארג צוטהיילן אויף צווייען, איין העלפט זאָלסטו איבערלאָזן פאר דיר, און די אַנדערע העלפט זאָלסטו איינפּאקן אין אַ זעקל און כאָטש היינט איז אַ רעגנדיגער וועטער און אַ שטאַרקע בלאָטע, וועט אָבער דאָנערשטאָג ביי נאַכט פאַלן אַ שניי און עס וועט זיין אַ גוטער שליטנ'ס וועג, וועסטו דיר שאַפן אַ שליטן און דו וועסט מיטן זעקל פאָהרן קיין סטרעליסק און אַז דו וועסט קומען אין שטאָדט אריין, זאָלסטו זיך אָפּשטעלן פארן רבינ'ס הויז, און דו זאָלסט זיך אריין כאַפן אין דער קיך פון שטוב, דאָרטן זאָלסטו עפענען די טהיר און אריין ווארפן דאָס פּעקל און באַלד ארויסלויפן, ארויפזעצן זיך אויפן שליטן און אהיימפאָהרן אויף שבת און פון דאַן אָן וועט דיר דער אויבערשטער מזמין זיין פרנסה בכבוד און בריוח.

*

דער דארפס איד האָט נישט לאַנג געטראַכט, ער איז געפאָהרן אַ היים, און גענומען צוגרייטן אלץ ווי דער רבי ר' מאיר'ל האָט איהם געהייסן, זייענדיג צופרידן וואָס ער וועט מהנה זיין דעם רבין זיינעם פון סטרעליסק.

אין דער זעלבער וואָך האָט געהאַלטן אין איין רעגענען אָן אויפהער, אלע וועגן און שטעגן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלאָטע, אַזוי אַז מען האָט קיין פוס נישט געקענט אַרויס שטעלן, צוליב דעם, איז קיין שום חסיד אין משך פון דער גאַנצער וואָך נישט געקומען צום רבין קיין סטרעליסק. און היות ווי דער סטרעליסקער האָט זיך געפיהרט דאָס אין זיין הויז האָט קיין פרוטה נישט איבערגענעכטיגט — איז דעריבער נישט געווען קיין פרוטה אין זיין שטוב אין משך פון דער גאנצער וואָך און אַז עס איז געקומען דאנערשטאָג און מען האָט בעדאַרפט צוגרייטן צרכי שבת, איז נישט געווען קיין שום אויסקוק, ווייל אויך די קרעמער האָבן נישט געוואָלט געבן אויף באָרג, ווייל עס איז זיי שוין פון לאנג געקומען אַ היבשע סומע געלד פאר עסנווארג.

איז דעריבער די רביצין אריינגעקומען אין צימער פון שרף זצ"ל און האָט זיך פאר איהם פארקלאָגט, אַז עס געהט צו שבת און דאָ איז כלתה פרוטה מן הכיס און

עס איז נישטאָ קיין אויסקוק ווי אַזוי צוגרייטן אויף שבת. האָט איהר דער שרף געטרייסט אַז געוויס וועט דער אויבערשטער העלפן. ווען די נאַכט איז צוגעפאלן איז זי ווידער אריינגעקומען צום רבין און שטאַרק געביטערט, אַז די שעה׳ן לויפן, דער פרייטאָגדיגער טאָג איז קורץ און זי ווייסט נישט וואָס עס וועט זיין, ווען וועט מען באַקן און ווען וועט מען קאָכן.

האָט איהר דער שרף גע׳עצה׳ט אַז קודם כל זאָל מען איינהייצן דעם אויוון און צושטעלן די טעפּ אויפן פייער און ווייטער וועט דער אויבערשטער שיקן אַ ישועה.

די רביצין האָט אַזוי געטאָן, זי האָט איינגעהייצט דעם אויוון, פאַרלעגט אַ פייער אין קיך און אוועקגעזעצט זיך דרימלען נעבן דער פייער.

אַזוי דרימלענדיג, הערט די רביצין ווי די טהיר עפנט זיך אויף און איימיצער ווארפט אריין אין דער קיך שטוב אַ פעקל. דאָס האָט דער דאָרפס איד געטאָן, ווי דער רבי ר׳ מאיר׳ל פון פרימישלאן האָט איהם געהייסן, ער האָט אריינגעוואָרפן דאָס זעקל שפייז און אליין איז ער שנעל אַנטלאָפן מיט דעם שליטן.

די רביצין לויפט צו און דערזעהט, אַז אין זעקל געפינט זיך פון כל טוב, וואָס מען דאַרף אויף שבת, איז דאָך איהר די מעשה געווען אַ גרויסער וואונדער, איז זי מיטן פעקל אין האַנד אריינגעלאָפן צום שרף און איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה, האָט זיך דער שרף אָנגערופן: כל זמן איך וועל נישט וויסן פון וואַנען דאָס שטאַמט, וועל איך זיך נישט צוריהרן דערצו.

האָט מען אָנגעהויבן זוכן אינדרויסן איימיצן אַ מענטש, אָבער מען האָט קיינעם נישט געזעהן. האָט דער שרף באַפוילן אַז מען זאָל זוכן אין דער שניי פוס־טריט, אפשר וועט מען אַזוי ארום עפּעס דערגעהן. אַזוי זוכנדיג, האָט מען געפונען אין שניי די שפורן פון די פיס פון דעם דאָרפס איד און די שפורן פון דעם שליטן. האָט ער באפוילן די בני בית מען זאָל שאפן אַ פאָר פערד און זיך לאָזן נאָך די שפורן און ברענגען דעם נסתר צו איהם.

עס האָט נישט לאנג געדויערט און די שליחים האָבן דעם דאָרפס איד געפונען נעבן אַ שכנות׳דיגן דאָרף, אין אָנהויב האָט ער זיך געפּרובט ארויסדרעהען און נישט געוואָלט צוריקפאָהרן קיין סטרעליסק, אָבער ווען די שליחים האָבן איהם געזאָגט אַז דער רבי האָט אַזוי באַפוילן איז ער צוריק געפאָהרן קיין סטרעליסק און אַריין צום שרף.

ווען דער שרף האָט איהם באַפוילן דערצעהלן וואָס דאָ קומט פאָהר, האָט ער זיך צוויינט און אָנגעהויבן צו דערצעהלן די גאנצע מעשה, ווי אַזוי ער איז אַ מחוסר פרנסה און דאָס ווייב האָט איהם שטאַרק געפייניגט ביז ער האָט זיך געמוזט צו הערן צו איהרע רייד און איז אַוועק קיין פרימישלאַן, און דער רבי ר׳ מאיר׳ל האָט איהם געהייסן טאָן דאָס וואָס ער האָט יעצט געטאָן, זייענדיג איהם מבטיח, אז פון יעצט אָן וועט איהם נישט פעלן קיין פרנסה זיין גאנצן לעבן.

די דאָזיגע געשיכטע האָט געמאַכט אויפן שרף אַ שטאַרקן רושם, און דער שרף

האַט צו זיך געזאָגט: אַזוי פיהל האַט אונז ר' מאיר'ל אין זינען, דאָס ער זאָרגט פאַר אונז מיר זאָלן האָבן אויף שבת!?...

פון דאַמאָלס אָן איז געוואָרן שלום צווישןביידע צדיקים און זיי האָבן זיך ליב געהאַט אהבת נפש.

✶

— אזוי ווייט — האָט דער מאגעלניצער רבי פארענדיגט — האָט דער רבי ר' מאיר'ל זיך משתדל געווען, אַז עס זאָל נישט זיין קיין מחלוקות און קיין פירודים, דאַרפן מיר זיך דאָך דערפון אָראָפּנעהמען אַ מוסר, ווי ווייט זיך צו דערווייטערן פון מחלוקת.

אייגענע ברידער

נאָכדעם וואָס ר' מאיר'ל פרימישלאנער האָט געשיקט זיינס אַ חסיד מיט אַ פעקל שפּייז קיין סטרעליסק, כדי עס זאָל דאָרטן ניט אויספעהלן אויף שבת און דער סטרעליסקער זאָל צוליב דעם ניט האָבן קיין פארשטערטן שבת, נאָך דעם וואָס דאָס איז פאָרגעקומען האָט שוין דער גרויסער סטרעליסקער צדיק, ר' אורי'לע, געהאַט די געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן וואָס פאַר אַ געהויבענער איד ר' מאיר'ל איז און ער האָט מיט איהם שלום געשלאָסן...

און אַז די סטרעליסקער חסידים האָבן איינגעזעהן, אַז עס איז דער רצון פון זייער רבי'ן, דאָס מען זאָל ר' מאיר'לען לאָזן געהן זיין אייגענעם וועג, האָבן זיי שוין אויך געשוויגן און איהם מעהר ניט גע'רודפ'ט און עס איז צווישן זיי אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן שוין פון לאנג געהאַט חשק און געוואָלט זיך אריבער־כאַפּן קיין פרימישלאַן צו ר' מאיר'לען, כדי מיט זייערע אייגענע אויגן צו זעהן אויב עס איז טאַקע "הכצעקתה", אויב עס איז טאַקע ריכטיג אז ער פיהרט זיך גאָר אנדערש ווי די אנדערע חסידישע רביים. פיהל פון די דאָזיגע חסידים זיינען פון איהם און זיינע דרכים אַזוי שטאַרק בעגייסטערט געוואָרן, דאָס זיי האָבן גענומען אָפּט פאָהרן צו איהם.

בלויז איינער איז געווען, וועלכער איז פאַר אַ צייט לאַנג נאָך אַלץ פערבליבן זיינס אַ גאָר שטאַרקער געגנער, און דאָס איז געווען דער גרויסער און געהויבענער סטרעטינער רבי ר' יהודה הערש, וועלכער איז אין זיינע יונגע יאָהרן אליין געווען אַ תלמיד מובהק פון ר' מאיר'לס פאָטער, דעם בעריהמטן רבי'ן ר' ארון ליב פון פרימישלאַן. ער איז איצט געווען דער וויכטיגסטער תלמיד פונ'ם סטרעליסקער און ער איז טאַקע דערנאָך געוואָרן זיין ממלא מקומו. ער האָט זיך נאָך אַלץ ניט געאיילט צו ווערן צוריק אַ פריינד מיט ר' מאיר'לען.

אָבער אַזוי ווי צו אלעס קומט די צייט און דער ריכטיגער שעת הכושר, איז דאָס אויך געווען דער פאַל ביי די צוויי גדולי הדור און עס האָט זיך איינמאָל געמאַכט דער ריכטיגער שעת הכושר, דאָס זיי זאָלן זיך צוזאַמענקומען און צווישן זיי זאָל

ווידער אויפגעפרישט ווערן זייערע יוגנד־פריינדשאפט, ווי דאָס איז אַמאָל געווען דער פאַל, ווען ר׳ יהודה הערש איז געווען אַ בן־בית אין דעם הויז פון ר׳ מאיר׳לס פאָטער.

און פאַרגעקומען איז דאָס אויף פאָלגענדען אופן:

דער פאַל האָט איינמאָל געבראַכט דערצו, דאָס די צוויי רביים, ר׳ מאיר׳ל און אויך ר׳ יהודה הערש, זיינען אין איין און דער זעלבער צייט געווען אין לעמבערג. אָבער ווייל זיי האָבן צווישן זיך ניט גוט געלעבט, זיינען זיי זיך דאָרטן ניט צוזאַמענגעקומען, נאָר יעדער איז געווען פאַר זיך אין אַ בעזונדערע סטאַנציע.

האָט זיך געמאַכט דאָס אַ חסידישער איד, וועלכער האָט געהאַלטן פון די דאָזיגע ביידע רביים, האָט געמאַכט אַ ברית מילה, און עס איז איהם איינגעפאַלן צו מכבד זיין ביידע רביים ביים ברית.

איז ער געגאַנגען צו ר׳ מאיר׳לען און האָט איהם מכבד געווען מיט סנדקאות און דעם רבי׳ן ר׳ יהודה הערש׳ן האָט ער מכבד געווען מיט מוהל׳שאַפט.

קיין איינער פון זיי האָט ניט געפרעגט ווער עס וועט האָבן דעם אַנדערען כיבוד. יעדער האָט געמיינט, אַז דאָס וועט זיכער בעקומען איינער פון די לעמבערגער אנשים חשובים...

אַז עס איז געקומען דער בעשטימטער טאָג פון דעם ברית מילה, האָט דער פאָטער געפאָהרן נעמען קודם כל דעם סנדק, דעם רבי׳ן ר׳ מאיר׳לען, און דערנאָך האָט ער איהם געזאָגט, אַז מען דאַרף צופאָהרן אַרויפצונעהמען דעם מוהל. ר׳ מאיר׳ל האָט גאָר ניט געהאַט דאַגעגן און מען איז צוגעפאָהרן נאָכ׳ן מוהל.

ר׳ מאיר׳ל, וועלכער איז געווען זייער קלוג האָט נאָר בלויז געשמייכלט ווען ער האָט דערזעהן דאָס וואָס דער חסיד האָט איהם אָבגעטהאָן אַ ״שפיצל״, און ווער עס איז דער מוהל. אָבער ר׳ יהודה הערש האָט, אין אָנהויב געהאַט אַ היבש ביסל תרעומות, אַז ער האָט דערזעהן דעם סנדק, דעם רבי׳ן ר׳ מאיר׳לען, און ער האָט גאָר קיין חשק ניט געהאַט זיך אַרויפצוזעצן אויפ׳ן וואָגן. ר׳ מאיר׳ל האָט איהם אָבער שוין ניט געוואָלט אָבלאָזן און ער האָט אַ זאָג געטהאָן:

— אַז איהר, ר׳ יהודה הערש, זייט שוין יאָ דאָ, וועט אייך מאיר דערצעהלן אַ מעשה, וועלכע וועט אייך זיכער אַמאָל צוניץ קומען.

ווען דאָס וואָלט געווען פאַרגעקומען אין דער צייט ווען דאָס מחלוקת צווישן סטרעליסק און פרימישלאַן — אָדער בעסער געזאָגט צווישן זייערע חסידים — האָט נאָך געפלאַקערט און איז געווען אין פולן ברען, וואָלט ר׳ יהודה הערש זיך אפילו ניט געוואָלט צוהערן צו ר׳ מאיר׳לס ווערטער, נאָר ער וואָלט תיכף אַנטלאָפן, אָבער אַזוי ווי עס איז שוין געווען כמעט איינגעשטילט די מחלוקת, האָט איצט ר׳ יהודה הערש זיך צוגעהערט צו ר׳ מאיר׳לס מעשה, וועלכע ער האָט איהם איצט געוואָלט דערצעהלן. ער איז געבליבן שטעהן ביים וואָגן און ר׳ מאיר׳ל האָט אָנגעהויבן צו דערצעהלן:

— מיט עטליכע הונדערט יאָהר צוריק, ווען איז דער לאנד שפאניען איז ארויס אַ גזרה, דאָס אלע אידן מוזן זיך אויס'שמד'ן, ווען ניט, מוזן זיי פערלאָזן דאָס לאנד, זיינען געווען זעהר פיהל אזעלכע וואָס האָבן ניט געקענט אין גאַנצן עומד בנסיון זיין. עס איז זיי ניט מעגליך געווען צו פארלאָזן זייערע גרויסע פארמעגנס און אויסוואנדערען אין פרעמדע לענדער, אלס גרויסע אָרימע לייט.

אַט אַזעלכע אידן, וועמען מען האָט שפעטער גערופן מיט'ן נאָמען "אנוסים", דאָס הייסט "געצוואונגענע", האָבן לפנים אָנגענומען די גוי'אישע אמונה אָבער ביי זיך אין האַרצן זיינען זיי ווייטער פאַרבליבן אידן און זיי האָבן זעהר שטאַרק, אין געהיים, אָבגעהיט אידישקייט, אויף אַזוי ווייט ווי זיי האָבן נאָר געקענט.

ווייל זעהר פיהל פון זיי זיינען געווען זעהר פעהיגע מענטשן און זיי האָבן געהאט גאָר גרויסע ידיעות אין דער הנהגת המדינה, זיי האָבן פארשטאנען ווי אַזוי מען דאַרף פיהרן דאָס לאַנד, האָבן מעהרערע פון זיי זיך ערוואָרבן גאָר גרויסע און וויכטיגע שטעלעס אין לאנד און איינער פון זיי האָט דערגרייכט ביז צו דער שטעלע פון אַ מיניסטער.

האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אז דער דאָזיגער מיניסטער איז זעהר קראַנק געוואָרן און זיין חולאת האָט אַזוי ווייט דערגרייכט, אַז ער איז געוואָרן אַ נוטה למות און מען האָט גערעכנט דאָס זיינע טעג, אָדער גאָר שטונדן, זיינען שוין געצעהלטע.

עס איז ביי די גוים אַ מנהג דאָס איידער זיי געהען אַוועק פון דער וועלט, זאָלן זיי זיך מתודה זיין ביי אַ גלח אויף זייערע אַלע זינד, וואָס זיי זיינען בעגאנגען, כל זמן זיי האָבן געלעבט.

אַזוי ווי די שטוב־מענטשן פון דעם מיניסטער האָבן גאָר ניט געוואוסט אז ער איז פון די בעהאַלטענע אידן, נאָר זיי האָבן געמיינט אַז ער איז אַ פרומער קריסט, האָבן זיי גאָר קיין שהיות ניט געמאַכט און געשיקט נאָך אַ גלח, כדי ער זאָל זיך פאר איהם מתודה זיין פאר זיינע זינד. אָבער ווייל צו אַזאַ וויכטיגע פערזאָן ווי ער איז געווען, האָט דאָך ניט געפּאַסט מען זאָל רופן אַ פשוט'ן גלח, האָט מען דערפאר געשיקט רופן דעם העכסטן גלח פון דעם לאנד, דעם ערץ־בישאָף, אז ער זאָל דאָס זיין דער פאַרשווין פאר וועמען דער מיניסטער זאָל זיך מתודה זיין אויף זיינע זינד.

די געהיימע אידן האָבן אָבער געהאט אַ מנהג, דאָס זיי האָבן זיך שטענדיג געשטופּט צו די העכסטע אַמטן, וואָס זיינען געווען אין דער שפּאַנישער מדינה, זיי האָבן דאָס געטהאָן דערפאַר, ווייל זיי האָבן פארשטאנען, אז אויב זיי וועלען דערגרייכן אזעלכע הויכע אמטן, וועט מען פאר זיי האָבן גרויס דרך ארץ און מען וועט זיכער ניט וואגן זיי חושד צו זיין, אָדער גאָר צו פארמשפּט'ן ווען מען וועט אַמאָל געוואָהר ווערן, אז זיי זיינען גאָר בעהאלטענע אידן, און אז זיי היטן נאָך איצט אין געהיים אָפּ זייער אידישקייט.

האָט זיך דערפאַר געמאַכט, אז דער הויכער גלח, דער ערץ־בישאָף, וועמען

מען האָט געהאט גערופן צו דעם האַלב־טויטן מיניסטער, איז גאָר געווען איינער פון די בעהאַלטענע אידן, פון די "אנוסים".

די שפּאַנישע אידן פלעגן זיך אָבער פיהרן אַזוי שטאַרק בסוד, אַז איינער האָט גאָר ניט געוואוסט פון דעם צווייטן, אַז ער איז אויך אַ איד און דערפאַר האָט דער ערץ־בישאָף ניט געוואוסט וועגן דעם מיניסטערס אידישקייט, פונקט ווי דער מיניסטער האָט גאָר ניט געוואוסט וועגן דעם גלח.

אַז דער מיניסטער האָט דערזעהן אַז מען האָט צו איהם געבראַכט אַ גלח, כדי ער זאָל זיך, אין זיינע לעצטע מינוטן, מודה זיין אויף זיינע זינד. האָט איהם דאָס זעהר שטאַרק פאַרדראָסן: ער האָט פשוט ניט געוואָלט האָבן קיין גלח ביי זיך אין דער צייט וואָס ער געהט אַוועק פון דער וועלט, און ער האָט זיך דערפאַר אויסגע־דרעהט מיט'ן פנים צו דער וואַנט, כדי ער זאָל ניט דאַרפן רעדן מיט'ן גלח.

דער בישאָף ווידער, וועלכער האָט פון גאָר ניט געוואוסט, און ער האָט געמיינט אַז דער מיניסטער האַלט שוין אַזוי שמאַל, אַז ער קען שוין גאָר ניט רעדען, האָט ער פאַרשטאַנען אז ער האָט דאָ שוין גאָר ניט וואָס צו טהאָן, און ער האָט דערפאַר אריינגערופן דעם הויפּט־דאָקטאָר, כדי ער זאָל זיין אנוועזנד ביי דעם מיניסטער'ס אָבשטאַרבן.

דער דאָקטאָר האָט אָבער, אונטערזוכנדיג דעם חולה, ערקלעהרט, אַז איהם איז גאָר ניט ערגער געוואָרן, פאַרקעהרט, ער פיהלט איצט נאָך פיהל בעסער.

איצט איז דעם ערץ־בישאָף וועלכער איז געווען זעהר אַ קלוגער, איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דער מיניסטער איז אפשר גאָר איינער פון די געהיימע אידן און דערפאַר האָט ער זיך אַוועקגעדרעהט צו דער וואַנט. ער האָט איצט דעם דאָקטאָר ארויסגעשיקט פון צימער און ער האָט זיך אריבערגעבויגן איבער דעם חולה און ער האָט איהם איינגערוימט שטילערהייט אין אויער די הייליגע ווערטער "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד!"

אַז דער מיניסטער האָט דערהערט די דאָזיגע ווערטער איז ער גאָר אויפגעלעבט געוואָרן, ער האָט שוין איצט פאַרשטאַנען ווער און וואָס דער בישאָף איז און אַז ער האָט דאָ צו טהאָן, מיט זיינעם אַ אייגענעם ברודער. ער האָט זיך צו איהם איבערגעדרעהט און ער האָט שוין מיט איהם געהאט וואָס און גאָר אַ סך צו רעדן...

✶

— דאָס זעלבע איז, מיין טייערער ר' יהודה הערש, — אַזוי האָט ר' מאיר'ל פאַרענדיגט זיין ספור המעשה, — אויך מיט אונז, כל זמן מיר האָבן צווישן זיך ניט גערעדט, האָבן מיר געקענט פאַרבלייבן פרעמד און אָבגעזונדערט איינער פונ'ם צווייטען און יעדער זאָל זיך געהן זיינע אייגענע דרכים. אָבער איצט, אַז מיר האָבן זיך דאָ באַגעגענט און אומגעריכטערהייט צוזאַמענגעטראָפן דאַרפן מיר זיך ניט ווידער צוגעהן יעדער פאַר זיך, נאָר מיר מוזן ווערן די זעלבע ידידים, ווי מיר זיינען געווען אַמאָל אין די פריהערע צייטן...

חסידים וועלכע זיינען געווען ביי דעם דאָזיגן שמועס, האָבן דערנאָך דערצעהלט דאָס ר׳ יהודה הערש האָט געוויינט, ווען ער האָט איצט געהערט ר׳ מאיר׳לס פשוט׳ע און הארציגע דיבורים. ביידע רביים זיינען זיך שוין פארבליבן גוטע פריינד און אוהבים נאמנים כל זמן זיי האָבן געלעבט. ר׳ יהודה הערש האָט ר׳ מאיר׳לען אנערקענט אַלס דעם גרעסערן און ער פלעגט שוין אָפט קומען קיין פרימישלאַן, כדי ר׳ מאיר׳לען צו בעזוכן און ווען עס האָט זיך אַמאָל ביי איהם אין הויז עפעס געמאכט אז מען האָט דערצו געדארפט האָבן די הילף פון אַ רבי׳ן, פלעגט ער צו ר׳ מאיר׳לען שיקן אַ קוויטל מיט אַ פדיון...

*

איצט אז ר׳ מאיר׳ל האָט שוין געהאט שלום געשלאָסן מיט זיין וויכטיגסטן געגנער, האָט ער ערשט אָנגעהויבן צו פיהרן זיין רביסטווע ביד רמה. אויפ׳ן גאָר געהויבענעם שטייגער. ער האָט שוין אויף זיך געהאט זעהר ווייניג מקטרגים. און דאָס פאַהרעכץ צו איהם, אויך פון גרויסע חסידישע רביים, איז געוואקסען פון טאָג צו טאָג.

באזארגט מיט רעצעפטן

דער רבי מאיר׳ל פון פרעמישלאַן זצ״ל האָט געהאַט אַ ספעציעלן סגנון צו דערצעהלן מעשיות און מיט די דאָזיגע ספורי מעשיות האָט ער פיהל בעלי-עבירה מחזיר למוטב געווען און געמאַכט זיי פאַר עהרליכע אידן.

אויך האָט מען זיך פון די דאָזיגע מעשיות דערוואוסט זעהר פיהל פרטים פון דעם פרימישלאַנער רבינ׳ס יוגנד, ווען ער איז געווען אונבעקאַנט און איז, ווי דער שטייגער אין יענע יאָהרן, געווען נע ונד אויף דער וועלט, אָפּגעריכט גלות, מתקן געווען נשמות און זיי מעלה געווען פון עולם התוהו.

מיר וועלן דעריבער איבערגעבן זעהר אַ כאַראַקטעריסטישע מעשה, וואָס דער רבי ר׳ מאיר׳ל האָט אליין דערצעהלט אין די שפּעטערע יאָהרן ווען ער איז שוין געווען אַ רבי מפורסם מיט פיהל טויזנטער אַנהענגער, פאַר וועלכן אַ וועלט האָט געציטערט.

געווען איז עס אין דער שטאָדט שניאַטין, אויף דער רומענישער גרעניץ. דער רבי ר׳ מאיר׳ל איז אויף דער איינלאַדונג פון זיינע דאָרטיגע מקורבים געקומען אויף אַ שבת קיין שניאַטין, און ווי דער שטייגער איז, זענען אויף שבת געקומען פיהל הונדערטער חסידים און סתם-אידן פון דער סביבה, כדי צו געפינען זיך אין דער נאָהנט פון גרויסן צדיק און קדוש עליון.

שבת אין דער פריה, איז דער רבי מיט׳ן גאַנצן עולם אַוועק אין דער שטאָטישער שוהל צום דאַוונען. די שוהל איז געווען איבערפולט איבער די ברעגעס און אַ גרויסער עולם איז נאָך געבליבן אין דרויסן, נישט קענענדיג אריינקומען אינווייניג.

דער רבי ר׳ מאיר׳ל האָט זיך געפיהרט, אז נאָכן דאוונען האָט ער געגעבן שלום

דעם עולם, וואָס איז געקומען צו איהם אויף שבת, ווי אויך די שטאָדטישע מענטשן.

אויך דאָסמאָל האָט ער זיך אַזוי געפיהרט. דער עולם האָט זיך שטאַרק געשטופּט, וועלנדיג שלום־עליכם געבן דעם פּרימישלאנער רבי׳ן. צווישן דעם עולם איז געווען אַ דאָרפס־איד פון אַ דאָרף הינטער שניאַטין, וועלכער האָט זיך שטאַרק געשטופט און געשטוויסן, ביז ער איז צוגעקומען צום רבי׳ן שלום געבן.

ביים געבן שלום רופט אויס דער דאָרפס־איד:

— רבי, מיר דאַרפט איהר קענען, איך בין בער׳ל ארענדאַר׳ס זוהן, און איהר האָט שבת געהאַלטן ביי אונז אין קרעטשמע מיט עטליכע און צוואנציג יאָהר צוריק.

— אודאי קען איך דיר, כאָטש דו ביסט נאָך דעמאָלס אַ קינד געווען. איך האָב דיך גלייך דערקענט, און יעצט הערט אויס רבותי, וואָס מיט מיר האָט זיך דעמאָלס געטראָפן ביי בער׳לען דעם קרעטשמער.

*

מיט עטליכע און צוואָנציג יאָהר צוריק, ווען איך האָב נאָר וואָס אָנגעהויבן ווערן מפורסם, בין איך געקומען אויף אַ שבת קיין שניאַטין. פאַרוואָס בין איך עפּעס געקומען קיין שניאַטין? — ווייל פיהל גוטע אידן האָבן מאיר׳ן דעמאָלס געטריבן, זיי זענען ברוגז געווען, וואָס מאיר איז מגלה סודות, האָב איך געהאָט בדעה צו פאָהרן קיין מאָלדאָוויע, וואו אונזערע אידן זענען נעבעך אַזוי פערגרעבט, מגושמ׳דיג און ווערן דאָרט אַ מגיד ערגעץ אין אַ שטעדטל. אויפן וועג קיין מאָלדאוויע, האָב איך בעשלאָסן שבת צו האַלטן אין שניאַטין, אָבער אין קיין שום שטוב האָט מען מיך נישט אַריינגעלאָזט. באין ברירה בין איך אָוועק אין קרעטשמע צו בערלען הינטער דער שטאָדט און דאָרט האָב איך שבת געהאַלטן.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? בערל ארענדאַר האָט מיך אויפגענומען בכבוד גדול, אויסגערוימט אַ צימער פאַר מיינעטוועגן און מיך שטאַרק מכבד געווען.

געווען איז עס פרייטאָג פאַרנאַכט, מאיר איז געזעסן ביים טיש און מעביר סדרה געווען שנים מקרא ואחד תרגום. פּלוצלונג האָט מען אויפגעריסן די טהיר, און צוויי יונגעלייט זענען אריינגעפאַלן מיט גרויס כעס און מבזה געווען מאיר׳ן כאחד הריקים.

פרעג איך זיי, וואָס ווילט איהר פון מאיר׳ן, וואָס האָט איהר צו איהם, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער דען אייך געטהון?

און זיי, די יונגעלייט, ווילן זיך גאָרנישט בערוהיגן, זידלען מיר און פאַרשעמען מיר, זיי האָבן שוין געהאָט בדעה זיך צו וואַרפן אויף מיר און שלאָגן...

אָבער דער רבונו של עולם איז תמיד געווען מיט מאיר׳ן, האָבן די אָנפאַלער געהערט די טריט פון בעל אכסניא, פון ר׳ בערל דעם אַרענדאַר, האָבן זיי מיך אָבגעלאָזט און גענומען אַנטלויפן.

אַז מאיר האָט געזעהן, דאָס די יונגעלייט זענען אַנטלאָפן, בין איך אויך ארויס אין דרויסן, אומגעקוקט זיך, צו עס איז נאָך דאָ צייט אָוועק צופאָהרן אין שכנות׳דיגן דאָרף אריין אויף שבת, וואו מאיר זאָל קענען במנוחה האַלטן שבת, און כאָטש אין

יענעם דאָרף איז נישט געווען קיין מקוה, האָב איך גערעכנט, אז איך וועל מיך טובל׳ן אין דער טייך פּרוט, אָבער עס איז שוין געווען שפּעט, און איך האָב געמוזט פערבלייבן שבת אין בערל ארענדאַרס קרעטשמע.

מאיר׳ל האָט אָבער געוואוסט, אַז די צוויי יונגעלייט זענען נישט מעהר ווי שליחים, און אז מאיר וועט האָבן פון די רודפים אַ פערשטערטן שבת. האָט זיך אָבער מאיר׳ל מיטגענומען רעצעפּטן אויפ׳ן וועג. האָבן מיר זיי מכבד געווען מיט רעצעפּטן, למען ישמעו ויראו, דהיינו, איינעם פון די יונגעלייט זאָל אָנכאַפּן אַ שטעכעניש, און דעם אנדערנ׳ס ווייב זאָל זיין אַ מקשה לילד...

און אַזוי איז טאַקע געשעהן. גלייך ווי בידע יונגעלייט זענען אהיימגעקומען, האָט איינעם אָנגעכאַפּט אַ שטעכעניש אין די זייטן, אַז קיין רפואות האָבן נישט געהאָלפן, און דעם אַרענדאַר׳ס ווייב איז געוואָרן אַ מקשה לילד, אז די גרעסטע דאָקטוירים האָבן נישט געהאָלפן.

דעם יונגערמאַנ׳ס שווער האָט אָבער גלייך מרגיש געווען, אז דאָס איז נישט גלאַט, און ער האָט גלייך פערשטאַנען, אז דער אידעם זיינער האָט זיך געוויס געטשעפּעט מיט׳ן רבי׳ן.

דער יונגערמאַן האָט אין אַנהויב געלייקנט, אָבער דער שווער האָט איהם נישט געגלויבט און געשלעפּט איהם ביי די פּאָלעס, אז ער זאָל געהן מאיר׳ן איבערבעטן, אויב נישט וועט ער איהם עוקר מן השורש זיין. באין ברירה איז דער יונגערמאַן געקומען, געבעטן, אז מאיר זאָל איהם מוחל זיין, האָב איך איהם געזאָגט, געה אהיים, דיין ווייב האָט געבוירן אַ בן־זכר.

און דער צווייטער יונגערמאַן, וועלכן עס האָט אָנגעכאַפּט אַ שטעכעניש, האָט נישט געוואָרט, אז מען זאָל איהם שלעפּן ביי די פּאָלעס, נאָר ער האָט געשריגן געוואָלד, אַז מען זאָל געהן מאיר׳ן איבערבעטן, ווייל עס האָט איהם שטאַרק וועה געטהאָן, און אַז זיינע שליחים זענען געקומען בעטן מחילה, האָט מאיר געזאָגט: מוחל, מוחל און ער איז געזונד געוואָרן...

— נו, רבותי, זעהט איהר, דעם דאָזיגן אידנ׳ס טאַטע האָט אמאָל מאיר׳ן מציל געווען פון קלעפּ און צוויי יונגעלייט פון אַ זיכערן טויט, ווייל קוים וואָלטן זיי אויפגעהויבן אַ האַנד אויף מאיר׳ן, וואָלט מיט זיי נישט גוט געווען. האָט דער רבונו של עולם מסבב געווען, אַז דעם אידנ׳ס טאַטע איז געווען אַ גוטער שליח, מציל צו זיין מאיר׳ן פון שלעכטע הענד און די צוויי יונגעלייט פון מאיר׳ס הענד... דאַרף מען דאָך איהם געוויס מקרב צו זיין, קומט אייך טאַקע צו זאָגן שלום־עליכם!...

די פרומקייט פון שוחט

מיר האָבן שוין פריהער דערצעהלט, דאָס ר׳ מאיר׳ל, וועלכער איז געווען אַ גרויסער אוהב שלום און האָט מיט קיינעם ניט געוואָלט פיהרן קיין מחלוקת, האָט זיך צוליב דעם פון פרימישלאַן אוועקגעצויגן קיין ליפּקאַן, אין בעסאַראַביע.

ער האָט געמיינט אַז דאָרטן וועט מען איהם שוין צורוה לאָזן. עס האָט זיך אָבער באַלד ארויסגעוויזן, אַז ער האָט אין דעם געהאט אַ גרויסע ענטוישונג. דאָרטן זיינען געווען פיהל חסידים פון אנדערע רביים, ובפרט פון דעם אלטן אַפּטער און זיי האָבן עס בעטראַכט פאר אַ גרויסע מצוה איהם צו רודפ׳ן. עס איז אַזוי ווייט געקומען, דאָס די פערפאלגונגען זיינען טייל מאָל געווען פיהל גרעסער ווי אין פרימישלאַן.

איינער פון זיינע גרעסטע שונאים איז געווען דער דאָרטיגער שטאָדט־שוחט וועלכער איז געווען אַ שטאַרקער אנהענגער פון דעם אַפּטער רבי׳ן. ער האָט אלע מאָל אויסגעטראַכט פערשידענע זאכן אויף דעם צדיק, אבי איהם אָנצוטהאָן גרויס עגמת נפש און איהם מבייש צו זיין.

ווען עס איז אַרויסגעקומען די מחלוקת געגן ר׳ מאיר׳לען און דער דאָזיגער שוחט האָט אין דעם גענומען דעם גרעסטן אנטייל, איז געווען דאָס ערשטע וואָס מען האָט געטהאָן, דאָס ר׳ מאיר׳ל האָט איהם גע׳אסר׳ט און אָנגעזאָגט זיינע מענטשן, דאָס זיי זאָלן ניט עסן פון זיין שחיטה.

דאָס האָט ארויסגערופן אַ גאַר גרויסער טומל אין שטעדטל, נאָך אַ סך מעהר ווי פריהער. טייל וואָס האָבן געהאלטן מיט ר׳ מאיר׳לען, האָבן תיכף אויפגעהערט צו עסן פון דעם שוחט׳ס שחיטה און אנדערע וואָס זיינען אפילו ניט געווען קיין גרויסע חסידים, האָבן זיך שוין אויך צוריקגעהאלטן און האָבן, פון ספק וועגן, מעהר ניט געוואָלט נהנה זיין פון זיין שחיטה. עס זיינען ביי איהם פארבליבן בלויז זיינע גאָר נאָהנטע אנהענגער און חסידים פון דעם אַפּטער רבי׳ן.

אַז זיי האָבן אָבער איינגעזעהן דאָס עס האַלט שלעכט מיט דעם שוחט און ער וועט צוליב דעם בלייבן אָן פרנסה, און דערצו וועט ר׳ מאיר׳לס צד האָבן זיך צו באריהמען דאָס זיי האָבן געזיעגט, זיינען זיי געפאלן אויף אַ קלוגע המצאה און זיי האָבן צו זיך, קיין ליפקאָן, אַרונטערגעבראַכט זייער רבי׳ן, דעם בעוואוסטן צדיק, דעם אַפּטער, כדי ער זאָל ר׳ מאיר׳לען שטאַרק אויסרעדן, וואָס ער רודפ׳ט אַזוי שטאַרק דעם פרומען און עהרליכן שוחט און האָט איהם דערצו נאָך אין גאַנצן גע׳אסר׳ט...

וכך הוה, דער אלטער צדיק, דער גרויסער אַפּטער, וועלכער האָט גאָר ניט געוואוסט פון די גרויסע מחלוקת׳ן וואָס זיינע חסידים פיהרן אָן אין ליפקאָן מיט ר׳ מאיר׳לען האָט מסכים געווען און ער איז אויף אַ שבת געקומען קיין ליפקאָן.

ער איז אָנגעקומען אין שטעדטעל אין אַ מיטוואָך און ווייל מען האָט זיך געריכט דאָס צוליב איהם וועט מען דאָ האָבן אַ סך פרעמדע אידן אלס אורחים אויף שבת, האָבן זיך די קצבים תיכף מכין געווען און האָבן געוואָלט שעכטן עטליכע בהמות מעהר ווי אויף אַ געוויינליכן שבת.

אויף דעם האָט דאָך דער שוחט און זיינע פריינד גאָר ארויסגעקוקט ווייל דאָס וואָלט געהייסן, אַז דער אַפּטער איז מסכים דאָס ער זאָל ווייטער זיין שוחט און אַז ר׳ מאיר׳לס איסור האָט גאָר קיין ווערדע ניט. האָט זיך אָבער איינער פון ר׳ מאיר׳לס חסידים איינגעשטעלט און ער האָט דעם אַפּטער אויפמערקזאם געמאַכט דאָס דער

שוחט שטעהט אונטער אַ איסור און מען מוז פריהער חוקר ודורש זיין אויב דער דאָזיגער איסור איז ריכטיג אָדער ניט.

דער אַפּטער וועלכער איז שוין אין יענער צייט געווען אַ אַלטער מאַן און נאָך איינער פון דעם רבי ר' אלימלך'ס תלמידים, ער האָט אויך ניט געהערט פון ר' מאיר'לען און האָט איהם אפילו ניט געקענט פערזענליך. אין אָנפאַנג האָט ער איהם געוואָלט אין גאַנצן מבטל זיין און זיך גאָר ניט צוהערן צו זיין איסור. מאלע וואָס אַ יונגערמאַנטשיק פּאַלט איין, מסתמא איז דאָס אַלעס צוליב אַ מחלוקת וואָס דער שוחט טיילט איהם ניט צו גענוג כבוד. ער האָט זיך אָבער באַרעכנט אַז אין גאַנצן צונישט מאַכן ר' מאיר'לס ווערטער קען ער אויך ניט און ער האָט איהם געשיקט רופן צו זיך, מיט דער כוונה דאָס ער זאָל הערן וואָס ער האָט פאַרצובריינגען געגן דעם שוחט.

אַזוי ווי ר' מאיר'ל — דאַמאָלט נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, — איז נאָר אריינגעקומען צום אַפּטער, זיינען איהם באַלד בעפאַלן דער שוחט און זיין חברה און האָבן איהם אָנגעהויבן צו זידלען און מבזה צו זיין און עס איז קוים געלונגען איהם פון זייערע הענד ארויסצוראַטעווען. דער אַפּטער צדיק האָט אַלעמען ארויסגעשיקט פון שטוב און איז געבליבן מיט ר' מאיר'לען אַליין און דאַמאָלס האָט ער איהם געוואָלט חוקר ודורש זיין וואָס ער ווייסט אַזעלכע שלעכטס געגן דעם שוחט, וואָס עס האָט איהם געבראַכט דערצו דאָס ער זאָל איהם אסר'ן און מעביר זיין פון חזקת כשרות.

— קיין זיכערע שלעכטס האָט מאיר אויף דעם שוחט ניט צו דערצעהלן — איז געווען ר' מאיר'לס ענטפער — אָבער מאיר זעהט ברוח הקודש, אַז דער דאָזיגער שוחט איז אַ גרויסער בעל עברה, רחמנא לצלן, און ער איז דערפאַר זיכער ניט ראוי צו זיין אַ שוחט און אידן זאָלן מעגן עסן פון זיין שחיטה.

— אָבער מיט קיין רוח הקודש קען מען נישט אסר'ן קיין מענטשן — האָט דער אַפּטער רב אויסגערופן — בעזונדערס ווען ער ווערט אָן זיין פרנסה.

— מאיר האָט גאָרניט וואָס צו ענטפערן אויף אייערע ווערטער, — האָט ר' מאיר'ל געענטפערט מיט אַ שמייכל, אָבער דאָך מיט גרויס ערנסט, — אָבער אויב איהר צווייפלט אין מאיר'ס רוח הקודש, האָט ער דערפון זעהר ווייניג עגמת נפש, ווייל ער ווייסט דאָס באַלד וועט איהר מוזן בייטן אייער מיינונג וועגן דעם.

— אָבער מכח דעם וואָס איהר זאָגט אַז מען קען מיט אַ בלויז רוח הקודש קיינעם ניט ארויסנעהמען פון זיין חזקת כשרות, דאָס האָט איהר רעכט, אָבער מאיר בענוצט זיך איצט ווייטער מיט זיין כח פון רוח הקודש און איז אייך מבטיח דאָס עס וועט גאָר ניט נעהמען לאַנג און עס וועלן פאַר אייך זיין עטליכע לעבעדיגע עדות, וועמען איהר וועט מוזן אויסהערן און גלויבן וואָס זיי וועלן אייך דערצעהלן וועגן דעם שוחט און זיין פרומקייט.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט ר' מאיר'ל זיך געזעגנט מיט דעם אַפּטער צדיק און ער איז אַוועק צו זיך אהיים. דעם רושם אָבער וואָס ער האָט איבערגעלאָזט איז,

ווי אַלטע חסידים האָבן נאָך מיט יאָהרן שפּעטער געוואוסט צו דערצעהלן, ביים אַפּטער געווען אַ זעהר שטאַרקער. ער האָט מיט זיינע פעסטע ווערטער און זיין שטאַרקן גלויבן, געמאַכט אַ געוואַלדיגן איינדרוק אויף דעם אַלטן צדיק, וועלכער איז קיינמאָל ניט געוואוינט געווען דאָס אימיצער זאָל וואָגן צו ריידן מיט איהם אַזעלכע דבורים. דער אַפּטער האָט זיך נאָך לאַנג ניט געקענט בערוהיגן און ער האָט מיט זיינע מקורבים געהאַלטן אין איין רעדן וועגן ר׳ מאיר׳לען מיט גרויס התפעלות.

✶

עס האָט אָבער גאָר ניט לאַנג גענומען, אין עטליכע שעה, און דער אַפּטער האָט געמוזט בייטן זיין מיינונג וועגן דעם גאַנצן ענין און בפרט וועגען דעם שוחט און זיין פרומקייט...

אין גאַנצן עטליכע שעה נאָך ר׳ מאיר׳לס אוועקגעהן, האָט זיך פּלוצים פאַר דעם הויז אין וועלכן דער אַפּטער איז איינגעשטאַנען, דערהערט גאָר גרויסע קולות. עס זענען אָנגעקומען עטליכע וואָס זיי האָבן דערצעהלט אויפן שוחט וועגן זייער אַ הארבע עבירה וואָס ער איז בעגאַנגען און באַלד האָט זיך אויפגעוויזן אז זייערע רייד זענען אמת׳ע.

ווען דער שוחט האָט באַמערקט דעם גערודער איז ער באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן און ערשט אין אַ צייט אַרום האָט מען איהם געפונען אין אַ קאַלוזשע וואַסער אין וועלכן ער האָט זיך אַליין דערטרונקען נישט קענענדיג אויסהאַלטן די בושה און חרפה.

דאַן האָבן אַלע געזעהן און באוואונדערט די אפנבארע רוח הקודש פון ר׳ מאיר פּרימישלאנער זצ״ל.

ווען מען בריהט זיך אָפּ

די גמרא דערצעהלט אונז (מסכת תענית דף ד׳) ״האי צורבא מרבנן דרתח — אורייתא היא דקא מרתחא ביה, שנאמר: הלא דברי כאש״. אַ תלמיד חכם אז ער ווערט בייז, איז עס אַ סימן אז די תורה קאָכט און זידט אין איהם, דאָס הייסט, אז זאָל מען ניט מיינען, אַז ער האָט זיך אין זינען און זיין אייגענעם כבוד, אָדער נוצען. ניין! ער טהוט דאָס בלויז פאַר דעם כבוד התורה. ווייל ער וויל ניט אז די תורה און איהרע היטערס, די תלמידי חכמים זאָלן בעליידיגט ווערן פון די עמי הארצים און פּראָסטע מענטשן...

מיר זעהען דערפאַר וואָס גרויסע מענטשן בייזערן זיך אַמאָל און דאַן זשאַלעווען זיי אויך ניט קיין בייז־וואָרט צו די יעניגע וואָס זיינען זיי דערווידער. און זייערס אַ וואָרט, וואָס זיי ריידן דאַמאָלס אַרויס, ווערט מקוים. ״הלא כה דברי כאש״... זייערע ווערטער זיינען פונקט ווי פייער, און ווי עס שטעהט אין פרק: והוי זהיר בגחלתן של תלמידי חכמים... די צדיקים זיינען געגליכן צו פייער, פון וועמענס אַ בלויזע קויל קען מען זיך זעהר לייכט אָפּבריהען...

חסידים ווייסן צו דערצעהלן פערשידענע אינטערעסאנטע פאסירונגען, וואס זיינען פארגעקומען ביי גאר גרויסע חסידישע רביים, וועלכע האבן, ווען זיי האבן געהאט א אורזאך אויף אימיצן זיך צו בייזערן, זיך דאמאלס ארויסגעכאפט מיט א הארבן ווארט, און דער וועמען זיי האבן דאס געמיינט, האט שוין דערנאך געהאט זייער נישט קיין גוטן אויסלאז.

אויך דער גרויסער און בעריהמטער רבי ר' מאיר'ל פרימישלאנער, וועלכער איז געווען א מזג טוב און שטענדיג געזוכט יעדערן טובות צו טהאן. האט ביי איהם אויך אמאל געטראפן ער זאל זיך ארויסכאפן מיט א בייז ווארט און עס איז באלד מקוים געווארן.

וועגן צוויי אזעלכע פאלן, וועלן מיר איצט דערצעהלן.

שכנא דריי

צווישן די אלע מדות רעות, וואס מענטשן פארמאגן, איז מסירות איינע פון די ערגסטע. אין די פריהערע דורות, זיינעןליידער כמעט אין יעדער שטאדט, אדער שטעדטל, געווען אזעלכע נידריגע נפשות, וואס האבן זיך בעשעפטיגט מיט מסירות.

דאס שטעדטל פרימישלאן איז אין דער דאזיגער הינזיכט אויך ניט געווען קיין אויסנאהם. אין די צייטן וואס עס זיינען פארגעקומען די מחלוקת'ן געגן ר' מאיר'לען, איז דארטן געווען א יונגער מאן, מיט'ן נאמען שכנא. געגרופן האט מען איהם צוליב זיינע מיאוסע דרעהדלעך און שווינדלערייען, שכנא דריי. דער דאזיגער פארשוין האט זיך געמאכט פאר זיין פרנסה אידן צו מסור'ן, און ווען די מחלוקה האט דארט אויסגעבראכן, איז אויף איהם גאר געקומען א נייע הויט. עס איז כמעט ניט אוועקגעגאנגען קיין איין וואך, וואס ער האט ניט אימיצן אפגעטהאן א שפיצל, אדער געבראכט פיהל שאדנס. עס איז אזוי ווייט געקומען, דאס דער דאזיגער מסור האט זיך ניט אבגעשטעלט צו מסור'ן טאקע ר' מאירן אליין און איהם אנצוטהאן גרויסע עגמת נפש.

אז די חסידים האבן ר' מאיר'לען אמאל געפרעגט, פארוואס ער איז ניט מעניש דעם דאזיגן עוכר ישראל און ער בעשטראפט איהם גאר ניט, האט ער געענטפערט מיט דעם פסוק "וגם רשע ליום רע", דאס הייסט, אז דער רשע וועט שוין בעקומען זיין ריכטיגן פסק אין דער ריכטיגער צייט. מאיר האט קיין אורזאך ניט איהם היינט צו פארשעלטן, ער וועט אבער זיכער נאך קלייבן ביינער הינטער'ן טיש פון מאיר'ס קינדער...

*

וכך הוה. עס זיינען אוועק היבשע עטליכע יאהרן, ר' מאיר'ל איז שוין לאנג געווען אויפ'ן עולם האמת, דער גרויסער און בעוואוסטער רבי ר' אברהמ'טשע מיקאלאיעווער איז שוין געווען זיין ממלא מקומו, און דער מסור שכנא דריי איז שוין אויך מעהר ניט געווען צווישן די לעבעדיגע.

האט זיך איינמאל, ווען ר' אברהמ'טשע איז געזעסן ביים שלש סעודות, פלוצים

אין קלויז באוויזן אַ גאָר גרויסער, שווארצער הונט. ער איז גלייך ארונטער הינטער דעם טיש און ער האָט דאָרטן אָנגעהויבן צו קלייבן און צו גריזשען די ביינער. געוויינליך האָט מען איהם געוואָלט ארויסטרייבן פון דעם מקום קדוש, עס האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפן. מען האָט איהם געמעגט שלאָגן און טרייבן מיט שטעקנס, ער האָט זיין אָרט, בשום אופן, ניט געוואָלט פארלאָזן.

דאָס איז שוין אַזוי פאָרגעקומען יעדן שבת, צו שלש סעודות, אַ גאַנצע וואָך האָט מען דעם דאָזיגן שווארצן כלב אין ערגעץ ניט געקענט געפינען, כאָטש מען האָט איהם ארומגעזוכט און געוואָלט וויסן וואו ער האָלט זיך אויף. אָבער אַז עס איז נאָר געקומען שבת פארנאכט, די צייט פון שלש סעודות, אהא, ער איז שוין דאָ... און אַוועקטרייבן האָט מען איהם ניט געקענט. אַזוי איז ער אָפּגעלעגן הינטער'ן טיש, גריזשענדיג ביינער, ביז נאָך שלש סעודות, און דאן איז ער ווידער פערשוואונדן געוואָרן אויף אַ גאַנצע וואָך.

ווער דער דאָזיגער כלב איז און וואָס ער בעדייט, האָט קיינער ניט געוואוסט. פרעגן דעם רבי'ן וועגן דעם האָט קיינער ניט געוואָגט. דער הונט איז אַזוי פארבליבן אין פרימישלאַן אַ לאַנגע צייט.

אָבער אויף אַלעס קומט אַ צייט. עס איז איינמאָל געווען אין אַ שבת פארנאַכט. ר' אברהמ'טשע איז געזעסן ביי שלש סעודות, אָבער ער איז געווען זעהר שטאַרק פערטראַכט. מען האָט געקענט זעהן, אז ער איז מיט זיין נשמה ערגעץ אין די העכערע וועלטן. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאלטן איבער אַ האַלבע שעה. די בעדייטונג דערפון, איז זעלבסטפארשטענדליך, אז קיינער האָט ניט געוואוסט.

פלוצים האָבן אַלע אַנוועזענדע חסידים געקענט באַמערקן, ווי ר' אברהמ'טשע איז צו זיך געקומען און ער האָט אַ הויכן געשריי געטהאָן:

— שכנא דריי! שוין גענוג! געה אין דיין רוה אריין!...

און דאָס וואונדערליכע איז געשעהן... אין דעם זעלבן אויגנבליק איז דער גרויסער, שווארצער כלב אַרויס פון הינטערן טיש. כמעט מיט איין איינציגן שפרונג איז ער אַרויס פון קלויז און מעהר האָט מען איהם שוין קיינמאָל ניט געזעהן...

איצט האָט מען שוין געוואוסט קלאָהר, ווער און וואָס דער דאָזיגער כלב איז געווען, און אז דער מסור האָט דאָס געהאט זיין עונש פון דעם גרויסן רבי'ן ר' מאיר'ל.

אין זיין פנים האט מען יאָ געקוקט

עס איז געווען אין די צייטן פון די גרויסע מחלוקת'ן אויף ר' מאיר'לען. און ווייל ער האָט שוין ניט געקענט סובל זיין די דאָזיגע קריגערייען, וואָס האָבן צוליב דעם אויסגעבראָכן האָט ער בעשלאָסן זיך אָוועקצוציהען פון זיין געבורטס-שטאָדט פרימישלאַן און זיך צו באזעצן אין אַ אַנדער שטאָדט. ער האָט אויך אויסגעפיהרט זיין פלאַן און ער האָט קובע מקום געווען אין דעם שטעדטל ליפקאן, ניט ווייט פון כאטין, אין בעסאַראביע, ביי דער רומענישער גרעניץ.

אָבער אויך דאָרט האָט דער צדיק ניט געפונען קיין מנוחה. אויך דאָרט אין שטעדטל האָבן זיך געפונען חסידים פון אנדערע רביים, וואָס האָבן אויף איהם געקוקט ווי אויף איינעם וואָס געהט אין נייע דרכים, און דערפאר האָט איהם אויך אין ליפקאן קיין רדיפות ניט געפעהלט.

דאָרט זיינען געווען אַ היבש ביסל חסידים פונ'ם אַפטער רבי'ן און זיי האָבן ניט געקענט משיג זיין ר' מאיר'לס דרכים און דערפאר האָבן זיי איהם זעהר שטאַרק פארפאָלגט.

אָבער ווי אַזוי מען האָט דאָרטן אָנגעהויבן מורא צו באַקומען פאר איהם און אויף וואָס פאר אַ אופן דאָס איז געשעהן, וועגן דעם ווייסן אלטע חסידים צו דערצעהלן פאָלגענדע מעשה:

איין מאָל, אין דער פריה, ווען ר' מאיר'ל איז מיט זיינס אַ פלומעניק געגאַנגען אין מקוה אריין, האָבן זיי אויפ'ן וועג אָנגעטראָפן אַ יונגערמאַן וועלכער איז געווען פון די געהויבענע אַפטער חסידים און פון זיינע הויפט־פארפאָלגער. דער יונגערמאַן איז געווען אויפ'ן וועג צו געהן אין אַ דאָרף אריין, כדי דאָרטן צו האנדלען צווישן די פויערים, ווען ער האָט באַגעגנט ר' מאיר'לען, האָט ער תיכף אראָבגערוקט זיין היטל איבער די אויגן.

ר' מאיר'ל האָט גוט פערשטאַנען די כונה דערפון. ער איז צוגעגאַנגען צום חסיד, איהם אָנגענומען ביי זיין בעקישע, זאָגנדיג:

— האָב ניט מורא. מאיר האָט ניט פוגם געווען, חלילה, דעם צלם אלקים. מען מעג קוקן אין זיין צורה אַריין. אנו, פרוב און גיב אַ קוק.

האָט אָבער דער חסיד שוטה פעסט צוגעהאַלטן דעם אראָפּגערוקטן ספּאָדיק מיט בײדע הענד, ניט צו קוקן אינ'ם צדיק'ס פנים. ר' מאיר'ל האָט איהם אָבער פעסט געהאַלטען ביי די לאַצן און צו איהם דאן געזאָגט:

"וויבאַלד דו ווילסט ניט קוקן אין מאיר'ס פנים אריין, זעהט מאיר, אַז אַט באַלד וועט מען זיך שטאַרק איינקוקן אין דיין פנים אריין".

אין יענעם אוונד איז דער יונגערמאַן מעהר נישט געקומען אַהיים, ווי אין וואַסער אַריין. מען האָט דעם פערשוואונדענעם אָנגעהויבן ארומצוזוכן, אָבער אָן וועלכן עס איז ערפאָלג. עס זיינען אַוועק איין טאָג און צוויי, דערנאָך עטליכע וואָכן, און ער איז אָלץ ניט געווען. ערשט אַ חודש שפּעטער איז געקומען אין שטאָדט אריין אַ ארענדאר פון אַ נאָהענטן דאָרף און האָט דערצעהלט, אז מען האָט דאָרט געפונען אַ גע'הרג'עטן איד. עס איז אין שטעדטל באַלד געוואָרן אַ גרויסע מהומה. דעם פערפאַלענעם יונגן מאנ'ס משפחה איז באַלד אַרויסגעלאָפן אין דאָרף אַריין, ווייל דאָס האָרץ האָט זיי געזאָגט, אַז דאָס מוז זיין דער דאָזיגער יונגער מאַן. אויף זיכער האָבן זיי איהם אָבער ניט געקענט דערקענען, ווייל אין די עטליכע וואָכן — עס איז אויך געווען זומער צייט, — איז דער קערפּער זעהר שטאַרק פארענדערט געוואָרן. עס איז אויך ארויסגעפאָהרן דאָס בית־דין, און האָבן, ווי דער דין איז, געמאַכט

אַ גרויסע חקירה ודרישה, מיט עדות, און יעדער פון זיי האָט זיך זעהר שטאַרק אַריינגעקוקט אין דעם פנים פונ׳ם הרוג. מען האָט איהם קוים דערקענט און אויף אַזאַ אופן געקענט פעסטשטעלן, אז ער איז דאָס דער זעלבער יונגער מאַן, כדי זיין ווייב זאָל ניט פארבלייבן אַ אייביגע עגונה.

— ידי לא שפכו את הדם הזה (מיינע הענד האָבן ניט פערגאָסן דאָס בלוט, דאָס הייסט: ניט איך האָב איהם מעניש געווען) — האָט דאן ר׳ מאיר׳ל געזאָגט צו זיינע מענטשן. — ער האָט נאָר געהאט אַ עונש פאר דעם חטא פון מלבין פני חברו ברבים. דער חטא האָט איהם מעניש געווען.

— ידי לא שפכו את הדם הזה — האָט דאן ווידער דער אַפטער צדיק געזאָגט.

— אַ חסיד דאַרף אויך וויסן וואָס די משנה זאָגט אין "אבות". "והוה זהיר בגחלתן שלא תכוה" (היט דיך ניט אָבגעבריהט צו ווערן פון דער ברענענדיגער קויל פון די צדיקים). מען דאַרף ניט זיין אַ חסיד שוטה.

איצט האָט יעדער אין ליפקאַן און די אַרומיגע שטעדט געזעדט דערפון, אַז דאָס איז געווען אַ עונש פון ר׳ מאיר׳לען, ווייל דער יונגער מאן האָט אַזוי שטאַרק געגן איהם מעיז פנים געווען און איהם מבייש געווען ברבים.

— "אויב אזוי, אַז ער האָט אין זיך אזא גרויסן כח מעניש צו זיין, וועט עס פארטשעפעט זיך מיך איהם, לוינט זיך זיכער ניט מיט איהם אָנצוהויבן" — אַזוי האָבן זיך געטראַכט די ליפקאַנער אידן און צוביסלאַכוויז זיינען זיי, פון שונאים און געגנער, געוואָרן זיינע הייסע אָנהענגער און חסידים...

פארברענט די צעהן רייניש

עס איז אַ באַוואוסטע זאַך אַז די צדיקים תלמידי הבעל שם טוב הקדוש זי״ע, האָבן זייער פיל געליטן פון די פושעי ישראל, פון די משכילים און אפיקורסים. די משכילישע כופרים און פורקי עול תורה ואמונה האָבן זיך פארלייגט משפיל צו זיין דעם כבוד פון די צדיקים און מנהיגי ישראל. זיי פלעגן אַרויסגעבן ביכער און פאַשקווילן חוזק צו מאַכן פון חסידים און ערליכע אידן. זיי האָבן גע׳רודפ׳ט די ערליכע אידן און חסידישע רביים מיט די ערגסטע רדיפות, און האָבן זיך אויך נישט אָפּגעהאַלטן פון די געמיינסטע מסירות, אפילו ווען דאָס האָט געמיינט שטעלן אין געפאַר דאָס לעבן פון די רבי׳ס.

די משכילים האָבן געהאַט זייערע נעסטן פון כפירה כמעט אין יעדן שטעטל אין אַלע אידישע געגנטן, אין גאַליציע און אין פוילן, אין בוקאָווינע און אין רוסיש-פוילן, א.א.וו. אומעטום האָבן זיך געפונען פון די רשעי ישראל וועלכע האָבן פאַרשפרייט זייער סם און פאַרגיפטעט פיל תמימות׳דיגע אידן.

אין אָדעס און אין בראָד, אין טאַרנאָפּאָל און אין לעמבערג זענען געזעסן די כופרים און לצים און געצילט זייערע גיפטיגע פיילן אין די צדיקי הדור. זיי האָבן זיך נישט געשראָקן צו טשעפען מיט די קדושי עליון און מלאכי מרום, אפילו ווען

זיי האָבן געוואוסט אַז זיי וועלן דערנאָך האָבן אַ וויסטן סוף, ווי פיהל פון זיי האָבן טאַקע געהאַט. אָבער די שנאה צו ערליכע אידן און צו חסידים בפרט איז ביי זיי געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט זיי מעביר גענוען על דעתם.

די אפיקורסישע משכילים פון מזרח־אייראָפּע זענען געווען פיל געפערליכער אפילו פון די רעפאָרמער משכילים אין דייטשלאַנד. וואָרום יענע, די דייטשע רעפאָרמער, האָבן דאָך אָפן געפערדיגט זייער פריקת עול תורה ומצוות. זייערע אויסערליכע קליידער און אויפפירונג איז אויך געווען אַזאַ אַז אַ ערליכער איד האָט געוואוסט אַז ער טאָר מיט זיי נישט האָבן קיין שום מגע ומשא. דאגעגן אָבער די משכילים פון פוילן און רוסלאַנד, רומעניע און ליטע זענען דאָך אַנגעאַנגען אַלס פרומע אידן, אַלס שומרי תורה ומצוות, און אויך אין זייער קליידונג און אויסערליכן אויסזען האָבן זיי זיך נישט מיט קיין סך אונטערשיידט פון אַנדערע אידן, אַזוי אַז זייער גיפט איז געווען פיל שעדליכער און געפערליכער. אַ אינעווייניגסטער שונא איז פיל געפערליכער ווי אַ אויסערליכער.

איינער פון די דאָזיגע משכילים, וועלכער האָט געוואוינט אין לעמבערג, איז געפאָרן קיין פרימישלאַן צום הייליגן רבי ר' מאיר'ל פרימישלאַנער. ער האָט זיך אויסגעמישט צווישן דעם עולם חסידים און איז אַריין צום רבי'ן מיט אַ קוויטל פונקט ווי אַלע חסידים. אַריינקומענדיג צום רבי'ן האָט ער אַנידערגעלייגט דאָס קוויטל אויפ'ן טיש מיט אַ פדיון פון צען רייניש.

דער רבי ר' מאיר'ל פרימישלאַנער האָט גענומען דאָס קוויטל, איבערגעלייענט און אַנגעוואונשן, ווי דער שטייגער איז.

וויבאַלד דער לעמבערגער משכיל איז ארויסגעגאַנגען האָט דער רבי אַריינגערופן דעם גבאי און געהייסן זיך ברענגען די לולקע מיט וואָס ער פלעגט אַלעמאָל רויכערן. דער גבאי האָט באַלד אַריינגעבערענגט די לולקע, און רבי מאיר'ל פרימישלאַנער האָט גענומען דעם באַנקנאָט, די צען רייניש וואָס דער משכיל האָט אים ערשט געגעבן, און עס אַנגעצונדן ביים לאָמפּ און דערמיט פאַררויכערט די לולקע.

דער גבאי איז געשטאַנען דערביי און ער איז דערשראָקן געוואָרן. ער איז שוין געוואוינט געווען דערצו אַז דער רבי זאָל נישט נהנה זיין פון געוויסע געלטער וואָס מען האָט אים געבערענגט אַלס אַ פדיון. ער האָט אָבער נישט געזעהן אַז דער רבי זאָל נעמען אַ גאַנצן צענער און אים פאַרברענען, דאָס זעט ער איצט צום ערשטן מאָל. אַ דערשראָקענער האָט ער זיך אָנגערופן:

— רבי! דאָס איז דאָך צען רייניש! צען רייניש איז דאָך נישט עפּעס אַ קלייניגקייט!

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט רבי מאיר'ל אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. — אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך זעה נישט דערויף קיין שום צורת מטבע. איך זעה בלויז אַ ליידיג שטיקל פּאַפּיר...

דער שמש האָט נישט פאַרשטאַנען. עס איז אָבער שוין ממילא געווען פאַרפאַלן. פון די צען רייניש איז שוין נישט געווען מער ווי אַ ביסעלע אַש.

אין מיטן דער נאַכט האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּן אין דער טיר. דער גבאי איז געגאַנגען זען ווער דאָס איז, און ער איז דערציטערט געוואָרן. ער האָט געזען אַז דאָס גאַנצע הויז פון רבי'ן איז אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרן. אַ דער־שראָקענער האָט דער גבאי געעפנט די טיר, און דער עלטסטער פון די זשאַנדארן איז אַריינגעקומען מיט אַ פּאַפּיר אין די הענט, אַ באַפעל פון דער מיליץ אין לעמבערג אַז ער זאָל דורכפירן אַ אונטערזוכונג אין הויז פון רבי'ן, ווייל עס איז אַריינגעקומען אַ קלאָגע קעגן רבי'ן.

די זשאַנדארן האָבן געמאַכט אַ גרונטליכע אונטערזוכונג, זיי האָבן געזוכט אין אַלע ערטער, האָבן אויפגעוואָרפן אַלע צימערן, געגישטערט צווישן די ספרים, איבער־געוואָרפן די שופלאַדן. עס האָט געדויערט עטליכע שעה. זיי האָבן אָבער גאָרנישט געפונען, און זענען אַוועקגעגאַנגען אַזוי ווי זיי זענען געקומען.

שפּעטער איז מען געוואויר געוואָרן וואָס עס האָט געשטעקט הינטער דער אונטערזוכונג.

מען איז געוואויר געוואָרן אַז דער זעלבער לעמבערגער משכיל וואָס ער איז געקומען זיך פּראָווען צום רבי'ן ר' מאיר'ל פּרימישלאַנער האָט געגעבן אַ פּדיון אַ פאַלשן צען רייניש באַנקנאָט. דערנאָך איז ער געגאַנגען צו דער נאטשאַלסטוואָ און אַריינגעגעבן אַ מסירה אַז ביים רבי'ן געפינט זיך פאַלש געלט. דער נאַטשאַלניק האָט תיכף אַרויסגעשיקט אַ גרופּע זשאַנדארן צו מאַכן אַ הויז אונטערזוכונג. דער מסור דער משכיל פון לעמבערג האָט זיך שוין געריבן די הענט פאַר פרייד. זיין מסירה איז געלונגען. דער רשע האָט שוין מסתמא געזען אין זיין פאַרשטעלונג, ווי מען פירט דעם צדיק מיט קייטעלעך אויף די הענט אין תפיסה...

זיין פינסטערער פּלאַן איז אָבער צונישט געוואָרן. מען האָט ביים רבי'ן גאָרנישט געפונען. דער רבי ר' מאיר'ל האָט שוין געהאַט פאַרברענט דעם פאַלשן באַנקנאָט.

ערשט דעמאָלס האָט מען פאַרשטאַנען די הייליגע ווערטער וואָס רבי מאיר'ל פּרימישלאַנער האָט געזאָגט, אַז ער זעט נישט אויפ'ן געלט קיין צורת מטבע, עס איז אַ הויל שטיקל פּאַפּיר — עס איז טאַקע נישט געווען מער ווי אַ שטיקל פּאַפּיר...

זיבעטער קאַפּיטל

גוטע פריינד און פאַרעהרער

פרימישלאַן און ריזין

גרויס איז געווען די פריינדשאַפט פון ר׳ מאיר׳לען מיט טייל פון די גאַר גרויסע צדיקים פון זיין דור.

אין זיינע יונגע יאָהרן, ווען ער האָט נאָר אָנגעהויבן מתנהג ברבנות צו זיין האָט ער אפילו אויף זיך געהאט געצויגן די הקפדה פון טייל רביים, אבער ווען זיי האָבן איינגעזעהן דאָס זיין דרך אין עבודות השם איז אַ אמת׳ער און אַ ריכטיגער, האָבן זיי מיט איהם שלום געשלאָסן און פון רודפים געוואָרן די בעסטע ידידים.

מיט בעלז, ראָפּשיץ, רימאַנאָוו און נאָך אנדערע חסידישע הויפן, איז ר׳ מאיר׳ל פון שטענדיג אָן געווען זעהר שטאַרק בעפריינדעט, אָבער עס האָט קיינמאָל נישט געהערשט אַזאַ שטאַרקע ידידות ווי צווישן איהם און דעם גרויסן און וועלט-בעריהמטן רבי׳ן רבי ישראל׳טשע פון ריזין, וועלכער האָט זיך, ווען ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון רוסלאַנד, באַזעצט אין סאַדיגורע, נישט ווייט פון דער בוקאָווינישער הויפּטשטאָדט טשערנאָוויץ.

די פריינדשאַפט מיט ר׳ ישראל׳טשען איז געווען נאָך פיהל עלטער איידער די דאָזיגע צוויי גדולים האָבן געהאט אַ געלעגנהייט זיך צו קענען פערזענליך. לויט ווי אלטע חסידים פלעגן דערצעהלן, האָט ר׳ מאיר׳ל זייער פיהל צוגעהאָלפן דאָס עס זאָל צו ר׳ ישראל׳טשען געגעבן ווערן די מעגליכקייט עוקר-צו זיין פון רוסלאַנד, וואו ער איז געווען אַ תפוס אין דער קייזערליכע תפיסה און געהיט געוואָרן אלס אַ זעהר שווערער פאַרברעכער.

אַז עס האָט זיך געהערט אַז דער גרויסער צדיק און מנהיג הדור, דער ריזשינער, זיצט אין קערקער אין קיעוו, האָבן דערפון אלע אנדערע צדיקים געהאַט גאַר גרויס עגמת נפש, אָבער העלפן איהם האָבן זיי ליידער ניט געקענט, בלויז איין ר׳ מאיר׳ל האָט וועגן דעם געהאלטן אין איין נאָכדיינקען און ער האָט זיך שוין מכין געווען צו העלפן ר׳ ישראל׳טשען, ווען די ריכטיגע צייט וועט קומען און ער וועט שוין דארפן אריבערגעהן די גרענעץ, וועלכע טיילט אָפּ רוסלאַנד פון גאַליציען און בוקאָווינא.

דער צער פון רבין ר׳ מאיר׳ל איז דאַן געווען אַזוי גרויס אַז די גאַנצע צייט

וואָס דער ריזשינער האָט זיך געפונען אין אַרעסט, האָט זיך ר׳ מאיר׳ל נישט געלעגט אויף קיין בעט שלאָפן, נאָר אויפן שפּיץ ברעט וואָס איז ביים זייט פון בעט.

בעבור שנדר לעזור לישראל

מיר האַלטן איצט ניט דערבײַ, דאָס מיר זאָלן דערצעהלן ווי אַזוי און אויף וואָס פאַר אַ אופן עס איז געלונגען ר׳ ישראל׳טשען זיך צו בעפרייען פון זיין תפיסה און קומען צו דער גרעניץ, וואו אויף דער צווייטער זייט האָט שוין אויף איהם געוואַרט פאָלקאָמענע פרייהייט. דאָס אַלעס וועלן מיר, — אַזוי האָפן מיר בעזרת השם, — אַמאָל מעהר אויספיהרליכער בעשרייבן, דאָ איצט וועלן מיר זיך באַשעפטיגן מיט ר׳ מאיר׳לס ווייטן בליק און ווי ער האָט, נאָך מיט חדשים פריהער, פאָראויסגעזעהן דאָס ר׳ ישראל׳טשע וועט אַמאָל זיין אין אַ עת צרה און ער וועט צוליב דעם דאַרפן הילף אויף אריבערצוגעהן אין געהיים די גרעניץ.

די מעשה וועגן דעם ווערט דערצעהלט ווי פאָלגענדען:

אין דער גרענעץ־שטאָדט סוטשאַווא (אידן פלעגן זי רופן מיט׳ן אַלטן נאָמען שאָץ). וועלכע האָט דאַמאָלס געהערט צום לאַנד בוקאָווינא, אונטער עסטרייך, האָט געוואוינט אַ איד, אַ זעהר גרויסער עושר. ער האָט געהייסן נתן שמעון, ער האָט געפיהרט גאָר גרויסע מסחרים אויף דער גרענעץ צווישן רומעניען און עסטרייך. גאַנצע חדשים פלעגט ער אַבזיצן אין יאַסי, אין גאַלאַץ, אָדער אין טשערנאָוויץ, זייענדיג צוליב דעם אויסגעקאָכט מיט דער נאָטשעלסטווע פוןביידע מדינות.

קיין גרויסער ירא שמים איז ער נישט געווען. נישט תמיד פלעגט ער נזהר זיין אין מאכלות אסורות און בכלל האָט ער אַזוי שטאַרק נישט מדקדק געווען אין אידישקייט, ווער שמועסט נאָך פון אַ גוטן אידן האָט ער אַוודאי נישט געהאַלטן. אדרבה ער מיט זיינע געשעפטס פריינד פלעגן נאָך פון זיי גאָר שטאַרק אָפּלאַכן און חוזק מאַכן, ווי נאָר זיי זענען זיך צונויפגעקומען אין אַ פרייער צייט.

דאַגעגען די פרוי זיינע, רחל איז געווען איהר נאָמען, איז געווען זעהר אַ פרומע און ג־טס פאָרכטיגע אידישע טאָכטער, און פונקט ווי איהר פאָטער, אַ פרימישלאַנער חסיד, פלעגט זי אָפט פאָהרן צום רבי׳ן ר׳ מ׳איר׳ל און אויסגיסן פאַר איהם איהר ביטער האַרץ, מחמת זי איז געווען אַ עקרה, זי האָט קיין קינדער נישט געהאַט.

נאַטירליך האָט דער מאַן איהרער קיינמאָל איהר נישט געלאָזט פאָהרן קיין פרימישלאַן, אָבער ווי נאָר דער מאַן איז אַוועקגעפאָהרן קיין רומעניען, פלעגט זי גלייך לאָזן אייַנשפּאַנען איהר פערד און בריטשקע און אָבפאָהרן צום הייליגן פרימישלאַנער בעטן אַ ישועה.

ר׳ מאיר׳ל פלעגט איהר אָבער קיינמאָל נישט צוזאָגן, סיידן זי זאָל ברענגען מיט זיך איהר מאַן. אַנדערש זעהט ער נישט פאַר איהר קיין עצה.

אָבער לייכט צו זאָגן ברענגען דעם מאַן, אַז ער איז אינגאַנצן אַ פרייגעזאָנענער, האַלט נישט פון קיין רביים און רעדט אויס אויף זיי כל דבר אסור.

פלעגט שטענדיג נתן שמעונ'ס ווייב אהיימפאהרן פון פרימישלאן מיט א ביטער געמיט, בעטראכטנדיג זיך פאר די אומגליקליכסטע בעשעפעניש אויף דער וועלט.

אבער פערצווייפלט האט זי נישט און זי האט נישט אויפגעהערט ווייטער צו פאהרן קיין פרימישלאן, אפשר וועט זיך פארט מאכן א עת רצון.

✶

אין זומער פון יאהר ת"ר ווען די פרוי איז ווידער אמאל געקומען קיין פרימישלאן, האט זיך צו איהר דער רבי אנגערופן:

— פאהר אהיים, און גלייך ווי דיין מאן וועט אהיימקומען פון גאלאץ, וואו ער געפינט זיך איצט זאלסטו איהם זאגן, אז מאיר'ל פון פרימישלאן האט בעפוילן, דאס ער זאל תיכף קומען צו פאהרן קיין פרימישלאן, און א סימן זאלסטו איהם געבן, אז פאראכטאגן דאנערשטאג ל"ג בעומר איז ער געזעסן אין גאלאץ אין א גויאישע וויין-שענק צוזאמען מיט זיינע גוטע ברידער און מען האט חוזק געמאכט פון מאיר'ל פרימישלאנער...

און ווען ער וועט דערהערן דעם דאזיגן סימן מובהק, וועט ער שוין זיכער קומען צוזאמען מיט דיר קיין פרימישלאן און דאן זאג איך דיר צו אז דו וועסט געהאלפן ווערן.

א האפנונגס-פולע איז די פרוי אהיימגעפאהרן פון פרימישלאן און מיט אונגעדולד געווארט אויפן אנקומען פון איהר מאן.

✶

גלייך ווי נתן שמעון איז אהיימגעקומען פון גאלאץ האט איהם די פרוי ווידער אמאל געבעטן ער זאל פאהרן קיין פרימישלאן. אבער ווי שטענדיג האט ער זיך אויך דאס מאל אויסגעלאכט פון איהר פאדערונג. דאן האט זי איהם איבערגעגעבן דעם סימן וואס דער רבי האט איהר געהייסן זאגן.

נתן שמעון איז געווארן נבהל ונשתומם פון דעם דאזיגן ווארטצייכן. דער ענין האט זיך אנגעהויבן איינצובירגערן אין זיין מח. איז ער דאך א רבי דער פרימיש-לאנער — האט ער צו זיך גערעדט — ווען ער האט דערפיהלט, און ווייסט וואס עס איז פארגעקומען מיט א הונדערט מייל ווייטער. סוף כל סוף האט ער בעשלאסן אמאל אויף א פראבע צו פאהרן קיין פרימישלאן און א שמועס צו טהון מיטן רבין ר' מאיר'ל.

היות אבער ער האט זיך געשעמט פאר זיינע חברים צו דערצעהלן אז ער פאהרט קיין פרימישלאן, האט ער זיי דערצעהלט, אז ער פאהרט געשעפטליך קיין לעמבערג, און פון לעמבערג קיין פרעמישלאן איז אינגאנצן א פאר מייל, שפילט נישט קיין ראלע זיך אריבערצוכאפן.

אריינקומענדיג צום רבין האט איהם ר' מאיר'ל געגעבן שלום פרעגנדיג דערביי:

— פון וואנען איז א איד?

— איך בין פון שאץ אין בוקאווינע, מיין נאמען איז נתן שמעון בן רבקה רייזל.

— צו וואָס זענט איהר געקומען אַהער ?

— איך בין געקומען צום רבין מיט אַ בקשה אַז מיין ווייב זאָל געהאָלפן ווערן מיט קינדער.

דערביי האָט ער אַנידערגעלעגט אויפן טיש אַ קוויטל מיט אַ היבשן פדיון.

— זאָגט נישט קיין ליגנד, מיין ליבער איד — האָט דער צדיק אויסגערופן — איהר זענט דאָך געפאָהרן גאָר קיין לעמבערג און נישט קיין פרימישלאַן, מאיר'ל וויל אָבער איהר זאָלט דינגען אַ פוהרל און קומען דירעקט קיין פרימישלאַן, אַז מען פאָהרט צום רבין דאַרף מען זיך נישט שעהמען דערמיט. געפאָהרן אָדער נישט געפאָהרן. פאָהרט זשע זייט מוחל צוריק אַהיים און קומט אַהער אַ צווייטן מאָל.

נתן שמעון איז נאָכמעהר נתפעל געוואָרן פון רבינ'ס אָפנבאָרן רוח הקודש, און בעשלאָסן טאָקע צו פאָלגן דעם רבין און צו קומען קיין פרימישלאַן אַ צווייטן מאָל.

✶

אָבער ווי נאָר ער איז אַהיימגעקומען האָבן איהם זיינע גרויסע געשעפטן פערשלעפט קיין רומעניען און ווידער איז אַוועק עטליכע חדשים.

קומענדיג דאָס מאָל אַהיים פון וועג אויף שבת נחמו, האָט דאָס ווייב מעהר נישט בעדאַרפט מיט איהם אַרבייטן, דאָס ער זאָל פאָהרן קיין פרימישלאַן, ווייל ער האָט איהר גלייך מודיע געווען אַז אויף דעם קומענדן שבת פאָהרט ער קיין פרימישלאַן. זי האָט באַלד דערקענט אויף איהם אַז ער איז פיהל אנדערש און בעסער געוואָרן.

דאָס מאָהל האָט איהם ר' מאיר'ל זעהר פיין אויפגענומען. אויפגערופן צום ספר האָט ער איהם במקום כהן און דערביי צוויי מאָל איהם פאָרגעלייענט דעם פסוק ולא יהי' בך עקר ועקרה.

ביים מי שברך האָט נתן שמעון געוואָלט מנדר זיין אַ היבשע סומע געלד, אָבער דער רבי, וועלכער האָט אַליין געמאַכט דעם מי שברך האָט זיך צו איהם גאָרנישט אומגעקוקט און אויסגערופן: בעבור שנדר לעזור לישראל (ווייל ער איז מנדר צו העלפן ישראל'ן . . .).

נאָכן מי שברך האָט ער זיך געווענדעט צו נתן שמעונ'ען און אויסגערופן:

— ווייסטו וואָס ישראל איז דער טייטש ? — ישראל מיינט מען אַ איד, אַ אמת'ן איד, אויף וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן, כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל — דאָס מיינט מען אַ איד, וואָס האָט מלחמה געהאַלטן מיט דער שר של עשו און מיט דער פמליא של מטה און ער איז זיי אַלע בייגעקומען. דעם איד מוזטו העלפן ווען די צייט וועט קומען, אפילו ווען עס וועט האַלטן ביי סכנות נפשות, און אַז דו וועסט אויף זיך מקבל זיין דעם דאָזיגן איד צו העלפן, זאָג איך דיר צו, אַז דו וועסט פאַראויס געהאָלפן ווערן מיט אַ בן־זכר.

איינגעקויפט עולם הבא

דאָס איז פאָרגעקומען מיט אַ יאָהר פריהער, אידער דער הייליגער ריזשינער האָט זיך געפונען אין דער לאַגע אַריבערצושוואַרצן זיך פון רומעניען קיין עסטרייך. נאַטירליך איז איבריג צו זאָגן, אַז דעם פרימישלאַנער'ס ברכה איז מקוים געוואָרן און אויך נתן שמעון האָט גוט געדענקט זיין נדר.

אין דער זעלבער נאַכט, ווען דער ריזשינער איז געקומען צו דער עסטרייכישער גרענעץ, האָט גראָד געוויילט אויך דאָרט אונזער נתן שמעון צוליב זיינע געשעפטן. ווי נאָר עס האָט זיך דערוואוסט, אַז דער גרויסער רבי ר' ישראל'טשע פון ריזשין געפינט זיך אין אַ גרויסער סכנה, האָט ער זיך דערמאָהנט אין יענעם שמועס און אין דעם נדר. דאָס הארץ האָט איהם אָנגעהויבן העפטיגער קלאַפּן און ער האָט באַלד אָנגעהויבן פיהלן, אַז אַט דעם ישראל האָט ער מיט אַ יאָהר צוריק אַ נדר געטהון צו העלפן אין אַ עת צרה.

נתן שמעון האָט זיך גלייך געווענדעט צום ריזשינער און ערקלערט זיין גרייטקייט איהם אַריבערצופיהרן די גרענעץ.

צווישן עסטרייך און רומעניען האָט געפלאָסן אַ שמאָלער טייך און אַט האָט נתן שמעון בעשלאָסן אין דער פראַסטיגער נאַכט צו נעהמען אויף די פלייצעס דעם הייליגן ריזשינער און איהם איבערן אייז אַריבערטראָגן אויף יענער זייט.

די סכנה איז ווירקליך געווען גרויס. איבער'ן וואַסער האָט זיך נאָר וואָס געהאָט פערשפּרייט אַ דינע אייז־שיכט, אָבער נתן שמעון איז געווען זיכער, דאָס אין זכות פון הייליגן ריזשינער און אין זכות פון דעם רבי ר' מאיר'ל פרימישלאַנער, וועט זיי ביידן קיין שלעכטס נישט געשעהן.

און נתן שמעון איז געקומען צום ריזשינער און פאָרגעלייגט איהם דעם פּלאַן, ווי אַזוי ער מיינט איהם אַריבערצוטראָגן דער גרענעץ. האָט דער ריזשינער גלייך דערצו מסכים געווען, און ארום צוועלף אַ זייגער נאָך האַלבע־נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן די געפעהרליכע רעטונגס אַרבעט.

דאָס אַייז האָט שווער געקרעכצט אונטער נתן שמעון'ס פיס. דער רייכער סוחר, וועלכער איז געוואוינט געווען צו פאָהרן אין אַ אייגענע קאַרעטע האָט איצטער איינגעשטעלט זיין לעבן אין אַ סכנה און אויף זיינע פלייצעס געטראָגן דעם הייליגן ריזשינער.

✶

קומענדיג אין מיטן טייך, האָט זיך נתן שמעון פּלוצלונג אָבגעשטעלט, ער געהט נישט ווייטער, דער ריזשינער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און אויסגערופן:

— וואָס איז געשעהן?

— עס איז גאָרנישט געשעהן, הייליגער רבי, אָבער עס איז געקומען די צייט, וואָס איך זאָל מיר אויף איינמאָל קויפן עולם הבא. איהר זאָלט וויסן רבי, אַז איך האָב אויף מיין לעבן, זעהר אַ סך שווערע עבירות געטהון, און איך וויס אויף

בעשטימט אַז איך וועל נאָכן טויט געהן אין גיהנם אַריין, אָבער איצטער וויל איך פון אייך, דאָס איהר זאָלט מיר צוזאָגן עולם הבא. אויב נישט געהען מיר נישט ווייטער.

דער ריזשינער האָט גלייך דערצו מסכים געווען אויסרופנדיג דערביי:

— איך האָב הנאה אַז אַ איד האָט שכל אויף צו אַזאַ זאַך.

אַריבערקומענדיג אויף דער עסטרייכישער זייט, האָט נתן שמעון געדונגען אַ שליטן קיין קימפאָלינג, דאָס ערשטע גרעסערע שטעדטל ביי דער גרענעץ. דאָרט האָט זיך דער ריזשינער אויפגעהאַלטן אין אַ אכסניא און מיט דעם זעלבן שליטן איז נתן שמעון געפאָהרן קיין קאָסוב צום רבין ר׳ חיימ׳ל, אָנזאָגן איהם די גוטע בשורה, אַז דער הייליגער ריזשינער געפינט זיך שוין בשלום אויף דער עסטרייכישער זייט.

שפּעטער איז נתן שמעון נאָך אמאָל געווען ביי ר׳ מאיר׳לען אין פּרימישלאַן און ער האָט איהם אַלעס אויספיהרליך דערצעהלט וואָס עס איז פאָרגעקומען און אַז דער ריזשינער האָט איהם דאַמאָלס צוגעזאָגט אַז ער וועט זיכער האָבן עולם הבא.

— אויב דער ריזשינער האָט אַזוי געזאָגט, — האָט ר׳ מאיר׳ל געענטפערט, — קענסטו שוין זיכער זיין, אַז אַזוי וועט עס טאַקע געשעהן.

דאָס בעגעגעניש מיט די דאָזיגע צוויי צדיקים האָט געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג אויף דעם גביר, דאָס ער איז באמת געוואָרן אַ גרויסער בעל תשובה און אַ שטענ־דיגער אָנהענגער פון די צוויי רביים.

זייט דאַמאָלס האָט זיך פעסט פאַרבונדן דאָס פריינדשאַפט צווישן ר׳ מאיר׳לען מיט ר׳ ישראל׳טשען און זיי זענען שוין אַזוי פאַרבליבן כל ימי חייהם.

דער גראַף נעהמט זיך אָן

און נאָך אַ מעשה ווערט דערצעהלט וועגן דאָס פאַראויסזעהן און ווייטן קוק פון ר׳ מאיר׳ל פּרימישלאַנער, ווי אַזוי ער האָט כסדר געטראַכט צו ראַטעווען און צוגרייטן די רעטונגס וועג פאַר דעם ריזשינער, נאָך איידער מען האָט געחלומט וועגן זיין אַרעסט.

אויף צו מאָרגנס נאָך דעם ריזשינערס אַנטלויפן פון רומעניען קיין עסטרייך, האָט די רומענישע זשאַנדאַמעריע געשיקט איהרע שליחים אין דער וואוינונג פון ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער אין יאַסי, דעם דאָזיגן ״געפעהרליכן פערברעכער״ צו נעהמען תפוס און מיט׳ן עטאַפּ אָבצושיקן איהם קיין רוסלאַנד, פונוואַנען ער איז אַנטלאָפן.

ווי ערשטוינט זענען אָבער די רומענישע זשאַנדאַרמען געבליבן, ווען זיי האָבן געפונען דעם רבי׳נס דירה אַ פערשלאָסענע, אַ לעדיגע, נישט געווען אין איהר קיין לעבעדיגער נפש. דער רוסישער אָפיציר, וועלכער איז ספּעציעל קאָמאַנדירט געוואָרן קיין יאַסי, כדי איבערצופיהרן קיין רוסלאַנד דעם אַנטלאָפענעם ישראל פרידמאַן, האָט פערבראַכן די הענד, ער האָט שוין פערשטאַנען, אַז עס וואַרט אויף איהם אַ ביטערער פסק.

אוןווירקליך איז די רוסישע רעגירונג געוואָרן אויסער זיך פאַר כעס און אויפרעגונג, דערוויסנדיג זיך אַז פרידמאַנען איז געלונגען צו אַנטלויפן. אַלע בעאַמטע, וועלכע האָבן דערלאָזט צום אַנטלויפן פון ריזשינער, פון גובערנאַטאָר ביז'ן נידעריגסטן זשאַנדאַרם זענען געשטעלט געוואָרן צום משפט. אַ חוץ דעם האָט דער קיעווער גובערנאַטאָר, אַרויסגעגעבן אַ בעפעהל צוריקצוברענגען דעם אַנטלאָפענעם "מורד במלכות" אַ לעבעדיגן אָדער חלילה אַ "טויטן"...

עס פאַרשטעהט זיך אַז פון צוריקקעהרן זיך קיין רוסלאַנד האָט מעהר קיין רייד נישט געקענט זיין, אָבער וואוהין געהט מיין, ווי גיט מען זיך אַ עצה דאָס די רוסישע האַנד זאָל אהין נישט דערגרייכן. מען איז געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט און נישט געוואוסט זיך קיין עצה צו געבן.

אָבער באַלד איז געקומען די ישועה פון אַ גאַנץ אַנדערער זייט, אַ ישועה, אויף וועלכער מען האָט זיך אַבסאָלוט נישט גערעכט.

נעבן טשערנאָוויץ געפינט זיך אַ קליין שטעדטל מיט'ן נאָמען סאַדעגורע, דאָס שטעטל איז געווען זעהר אַ אָרימס און האָט אַנגעהערט צו אַ גראַף, מיט גרויסע אַמביציעס, ער האָט געשטרעבט צו פערוואנדלען זיין שטעדטל אַלס בעריהמטער אָרט אין יענעם פערוואָרפענעם געגנד, אָבער ווי אַזוי, אַז אפילו די אַרענדע פון די בראַנפן־פראָפענאַציעס זענען זיינע אַרענדאַרן נישט בכח געווען צו צאָהלן.

דער דאָזיגער גראַף האָט געהערט, ווי פיהל שטעדטלעך זענען אויפגעריכט געוואָרן אַ דאַנק דעם וואָס עס האָט זיך דאָרט איינגעאָרדנט זיין רעזידענץ דער אָדער יענער וואונדער־רבי, איז דעריבער דעם דאָזיגן פריץ שטענדיג געלעגן אויפ'ן זינען איינצולאַדן צו זיך אין שטעדטל עפּעס אַ בעקאַנטן חסידישן רבי'ן.

דער גראַף האָט זיך טאַקע דורך דער פערמיטלונג פון זיין הויף־איד פון צייט צו צייט געווענדעט צו פערשידענע גוטע אידן, זיי זאָלן זיך אַריבערקלייבן צו איהם אין שטעדטל, אָבער געוועהנליך האָבן זיי געענטפערט מיט אַ אָבזאָג.

אָבער ווי נור דער הויף־איד האָט זיך דערוואוסט פון דעם ריזשינער'ס אַנטלויפן פון רוסלאַנד, איז ער גלייך אַריין צו זיין פריץ און איהם דערצעהלט, אַז עס איז געקומען די צייט, וואָס זיין וואונש וועט ערפילט ווערן, דהיינו, עס איז געקומען פון רוסלאַנד איינער פון די גרעסטע וואונדער־רביים, וועמען די רוסישע רעגירונג רודפט אַזוי שטאַרק. דער דאָזיגער רבי האָט פיהל טויזנדער אַנהענגער און ווען ער וועט זיין רעזידענץ פערלייגן אין סאַדאַגורע — וועט דאָס שטעדטל מיטאַמאָל אויפגעריכט ווערן אויף אַ אמת און די פראָפינאַציע וועט בעקומען די ווערד פון צעהן אָדער פופצן מאָהל אַזוי פיהל.

דער גראַף האָט זיך מיט אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו די רייד פון זיין הויף־איד און געגנוי זיך געלאָזט אינפאָרמירן וועגן דעם ריזשינער און די סיבות פון די רדיפות מצד דער רוסישער מאַכט געגן איהם. און נאָך אין דער זעלבער נאַכט איז

אַ שליח מיוחד אָבגעפאָהרן מיט די בריפליכע איינלאַדונג פון גראַף צום ריזשינער, צו בעזוכן זיך אין זיין שטעדטל סאַדאגורע.

אין דעם בריף שרייבט דער גראַף, דאָס ער איז אַ גרויסער חשוב ביים מלכות, און ער האָט נישט קיין מורא פאַר די פערפאָלגונגען פון די רוסן. אדרבה, ווי נור ער וועט אין דער שטאַטהאַלטעריי זאָגן זיין וואָרט, אַז מען זאָל איהם נישט אַרויסגעבן, וועט שוין אַפילו דער רוסישער צאַר אַליין נישט פועל׳ן. ער בעט דעריבער גלייך צו ערפיהלן זיין בקשה און צו קומען קיין סאַדאגורע.

דער דאָזיגער בריף, וועלכער איז געקומען אין אַ מאָמענט פון גרעסטער פערצווייפלונג, האָט מיטאַמאָל אַריינגעבראַכט גרויס אויפלעבונג אין קאָסובער הויף. די דאָזיגע אומגעריכטע ישועה האָט מען ממש בעטראַכט ווי אַ נס שלא כדרך הטבע. דער ריזשינער האָט, מיט דער הסכמה פון זיין מחותן דער קאָסאָווער רבי, גלייך ערקלערט גרייט אָבצופאָהרן קיין סאַדאגורע און נאָך אין דער זעלבער וואָך איז דער ריזשינער מיט עטליכע פערזאָן פון זיינע גאַליצישע חסידים אָבגעפאָהרן אין דעם קליינעם בוקאָווינער שטעדטעל סאַדאגורע.

שדה־גרוע — שדה־טוב

פאַרוואָס האָט זיך דער סאַדאַגורער גראַף דער אייגנטימער פון שטעדטל אַזוי פעראינטערעסירט מיטן ריזשינער רבין און פאַרגעלעגט איהם זיין שטעדטל אַלס רעזידענץ ?

דאָס איז געווען אַ מופת פון הייליגן פרימישלאַנער רבי ר׳ מאיר׳ל, וועלכער האָט זיך אַזוי שטאַרק פעראינטערעסירט מיטן ריזשינער און געזאָרגט פאַר איהם.

ווי שוין דערצעהלט איז סאַדיגורע געווען אַ קליין אָרים בוקאָווינישׁ שטעדטל, פון וועלכן מען האָט כמעט נישט געהערט. אין דאָזיגן שטעדטל איז געזעסן אַ אידישער פראַפינאַטאָר, וואָס האָט געהאָט די בראַנפן פראָפינאַציע פון פריץ אין אַרענדע, פון די שטעדטלשע אידן האָט ער קיין פרנסה נישט געהאָט. זיין גאַנצע האָפנונג איז נאָר געווען אויף די מאַרק־טעג, ווען פויערים פון די נאָהנטסטע דערפער קומען זיך צונויף, ברענגען זייערע פראָדוקטן צו פערקויפן אָדער קומען קויפן סחורות — אין אַזאַ טאָג וועט קיין שום גוטער פויער נישט אָבפאָהרן פון יאַריד אָן באַנעצטע ליפּן, ער זאָל נישט זיין האַלב שיכור. און אָט אויף דעם חשבון האָט דער אידישער פראָפינאַטאָר גענומען אין אַרענדע די פראָפינאַציע.

אין די ערשטע צייטן איז טאַקע אַזוי געווען. פויערים זענען פיהל געקומען אין שטעדטל אַריין און דער פראָפינאַטאָר האָט געהאָט פרנסה. אָבער שפעטער האָט זיך די לאַגע פערערגערט און דער פראָפינאַטאָר האָט אָנגעהויבן ליידן דחקות. דער באַראָן האָט נישט געוואָלט איהם פערקלענערן דעם אָבצאָהל, און דער איד איז געשטאַנען פאַר אַ באַנקראָט עס האָט איהם געדראָהט צו פערלאָזן די פראָפינאַציע בעירום ובחוסר.

היות ווי דער נאָמען פון גרויסן ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער איז אין יענע ערטער געווען שטאַרק מפורסם, אומעטום האָט מען זיך אַנדערצעהלט וואונדערליכע מעשיות פון זיין גדלות און פון זיין רוח הקודש, אַז ווער עס בעקומט אַ הבטחה פון הייליגן פרימישלאַנער איז אַ געהאָלפענער, האָט דער סאַדאַגורער פראָפּינאַטאָר קיין סך נישט געקלערט און אָבגעפאָהרן קיין פרימישלאַן בעטן אַ ישועה.

✶

דער וועג פון ווייטן בוקאָווינישן שטעדטל קיין פרימישלאַן איז געווען זעהר אַ ווייטער. דער אָרימער פּראָפּינאַטאָר האָט אויף הוצאות הדרך נישט געהאַט, איז ער געגאַנגען צו פוס. געכאַפּט זיך אויף פויערשע וועגעלעך און גענעכטיגט אין הקדשים פון די שטעדטלעך, וואו ער איז פערבייגעגאַנגען אויף זיין לאַנגן וועג, אָבער פול מיט האָפנונג, אַז זיין ישועה איז נאָהנט, האָט ער זיך געשטאַרקט איבער אַלע שטערונגען, און ענדליך, אויף דער פערטער וואָך פון זיין וואַנדערן, איז ער בשלום אָנגעקומען קיין פרימישלאַן.

אַריינקומענדיג צום רבי׳ן אין זיין צימער אַריין איז דער רבי געזעסן פערטיפט איבער אַ ספר און האָט זיך נישט אומגעקוקט אויפ׳ן איד, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טהיר. נעבן איהם איז געשטאַנען דער שמש ר׳ ארי׳ מיט גרויס דרך ארץ און געוואַרט אויף די בעפעהלן פון רבי׳ן.

דער סאַדאַגורער איד איז אַזוי געשטאַנען שעהנע עטליכע מינוטן אין זיין פערגליווערטן צושטאַנד, דאַס האַרץ איז איהם שיעור אַרויסגעפאַלן פאַר שרעק. ער האָט געוואוסט, אַז ר׳ מאיר׳ל איז אַזאַ גוטער צו יעדן, ער איז מקבל יעדן איד מיט אַזוי פיהל שמחה, טראָגט אַקעגן זיין ״שלום״ און ווייזט איהם אַ פנים שוחקות, און דאַ קוקט זיך גאַרנישט אום דער רבי אויף איהם ווי ער וואָלט גאַרנישט עקזיסטירט.

ענדליך האָט דער רבי אויסגערופן צו דעם שמש:

— ארי׳, פאַרוואָס שטעהסטו ווי אַ גולם און פרעגסט נישט דעם איד, פון וואַנען ער איז?

דער דאָזיגער אויסגעשריי, האָט דעם סאַדאַגורער אידן אויפגעוועקט פון זיין פערגליווערטקייט, און אויף דער אונדירעקטער פראַגע פון רבי׳ן האָט ער זיך אָנגערופן אַ דערשראָקענער:

— איך בין פון סאַדעגורא!

— ארי׳, — האָט רבי מאיר׳ל נאָך העכער אָנגעהויבן שרייען — זאָג איהם, אַז מאיר׳ל ווייסט בעסער פון איהם. מאיר׳ל זאָגט, אַז ער איז גאָר פון סאַדעטאָוו און נישט פון ״סאַדאגורע״. נו, וואָס שטעהסטו גולם, פאַרוואָס זאָגסטו נישט דעם אידן, וואָס איך הייס דיך!

— דער רבי זאָגט, אַז איהר זענט פון ״סאַדעטאָוו״, — האָט דער שמש זיך

געוואונדערט צום אידן געגוג ערנסט, וויסנדיג, אז דער רבי זאָגט נישט סתם קיין הלצות און אפילו זיינע שיחות חולין האָבן אַ גאַר גרויסע בעדייטונג.

דער איד איז געשטאַנען אַ צוטומלטער, ער האָט נישט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאַר, אויף וועלכער וועלט ער איז.

— נו, וואָס שטעהט איהר פון דערוויטנס, סאַדעטאָווער איד — האָט ר׳ מאיר׳ל פריינדליך אויסגערופן — קומט אהער אַביסל נעהנטער, שלום עליכם סאַדעטאָווער איד — האָט דער רבי נאָכאַמאָל איבערגע׳חזר׳ט, דערלאַנגענדיג איהם די האַנד אויף שלום.

דער איד איז צוגעגאַנגען און דערלאַנגט די האַנד דעם רבין.

— איהר הערט וואָס איך זאָג אייך, סאַדעטאָווער איד — האָט דער רבי וויטער גערעדט, האַלטנדיג דעם איד׳נס האַנד, — נעהמט אייך גוט אין זין אַריין, וואָס מאיר׳ל זאָגט אייך. מאיר׳ל זעהט אַלץ און ווייסט אַלץ. דעריבער זאָגט אייך מאיר, אַז איהר זענט נישט פון סאַדאָגורע, ווייסט איהר פאַרוואָס? — מחמת דער צדיק הדור איז בכח צו מאַכן פון אַ שדה־גרוע (סאַדאָגורע) פון אַ שלעכט און געמיין פעלד, אַ שדה־טוב (סאַדעטאָוו) אַ גוט, פרוכטבאַר און פרנסה׳דיג פעלד פאַר קינדער און קינדס קינדער.

— איהר שטעהט ווי אַ גולם! — האָט דער הייליגער פרימישלאַנער נאָך אַ קורצע הפסקה ווידער אָנגעהויבן — איהר ווייסט אוודאי נישט ווער עס איז דער צדיק הדור, און מאיר׳ל וועט עס אייך זאָגן: דער צדיק הדור איז ר׳ ישראל׳טשע פון ריזשין. איהר נעהמט עס אייך גוט אין זינען אַריין, וואָס איך זאָג אייך, איהר מעגט עס אפילו זאָגן אייער פריץ ווען די צייט וועט קומען, געדענקט וואָס איך זאָג אייך, אויב איהר ווילט האָבן פרנסה, זאָלט איהר מיינע ווערטער גוט נעהמען זיך אין זינען אַריין, און יעצט פאָהרט מיר לחיים ולשלום פונוואַנען איהר זענט געקומען.

דער איד, נישט קיין גרויסער חסיד, האָט קיין איין וואָרט נישט פערשטאַנען פון דעם גאַנצן שמועס און ווען דער רבי האָט איהם אָבגעפאַרטיגט און דער שמש האָט איהם אַרויסגעפיהרט פון רבינ׳ס חדר איז ער געבליבן שטעהן אַ צוטומלטער, אין צרות און לייד האָט זיך דער איד געלאָזט אויפ׳ן וועג אהיים, פערשעלטנדיג זיך מיט זיין ביטער מזל, צו וואָס ער לעבט אויף דער וועלט.

אָבער די דיבורים פון פרימישלאַנער האָט ער נישט פערגעסן. אָה, די ווערטער זענען איהם גוט געלעגן אויפן זין, כאָטש ער האָט זיי נישט פערשטאַנען. ער האָט זיך אפילו געהיטן צו דערצעהלן דערפון עמיצן פון זיינע בעקאַנטע. בלויז דעם וויב האָט ער דערצעהלט דעם גאַנצן אויסטערלישן שמועס אָבער זי, אַ אידענע, האָט נאָך ווייניגער פון איהם פערשטאַנען.

*

ערשט שפּעטער אין אַ לאַנגע צייט אַרום, קומענדיג אַמאָל אין שטאָדטישן בית המדרש, האָט דער פּראָפינאַטאָר, צוהערנדיג זיך צו בין־מנחה למעריב שמועס, דערהערט די נייעס, אַז דער בעריהמטער רוסישער רבי ר' ישראל'טשע פון ריזשין, וואָס ווערט געררודפ'ט פון דער רוסישער רעגירונג, איז געקומען קיין גאַליציען און זוכט דאָ צו געפינען אַ מקום מנוחה.

די דאָזיגע נייעס האָט דעם איד גלייך אַ שלאָג געטהון אין קאָפּ אַריין, און ער האָט זיך ווידער דערמאָהנט אין דעם גאַנצן אויסטערלישן שמועס פון הייליגן פּרימישלאַנער. איצטער האָט ער שוין פערשטאַנען, אַלץ האָט ער פערשטאַנען. ער האָט פערשטאַנען וואָס דער רבי האָט דורך רוח הקודש פאָראויס געזעהן, און נישט לאַנג־טראַכטנדיג איז ער אַריינגעלאָפן צום פּריץ, און איהם דערציילט, אַז עס שטעהט פאַר זיין שטעדטל רוהם און שפע, אויף וואָס ער האָט שטענדיג געחלומ'ט. עס איז נעמליך אַנטלאָפן פון רוסלאַנד אַ גרויסער וואונדער־רבי, צו וועמען עס קומען יעהרליך טויזנדער חסידים, צווישן וועלכע עס געפינען זיך פיהל הונדערטער גרויסע גבירים, און דער דאָזיגער רבי גופא איז זעהר רייך, און אין זיין שטעדטל ריזשין האָט ער איבערגעלאָזט אַ פּרעכטיגן פּאַלאַץ וואָס איז ווערט אַ הון רב, און אויב דער פּריץ וועט זיך צוהערן צו זיינע רייד און וועט זיך מקדים זיין איינצולאַדן דעם רבין אין דעם שטעדטל אַריין, איז ער זיכער, אַז ער וועט עס קיינמאָל נישט בעדויערן.

דער באַראָן האָט זיך אין דעם דאָזיגן פאַרשלאַג אַנגעכאַפּט מיט גרויס פרייד. אויף אַזאַ געלעגנהייט האָט ער שוין לאַנג געוואַרט. תיכף האָט ער אָנגעשריבן אַ איינלאַדונג צום ריזשינער, ער זאָל קומען און איינאָרדנען זיך אין זיין שטעדטל. דערביי האָט ער איהם אויך פאָרגעלעגט אַלס צייטווייליגע וואוינונג זיין פּרעכטיגן פּאַלאַץ, ווייל ער גופא האָט בדעה אַבצופאָהרן קיין וויען. דעם דאָזיגן הויף האָט שפּעטער דער ריזשינער אָבגעקויפט פון פּריץ און זיינע קינדער האָבן איהם פיהלפאַך פערשענערט און פערפוצט.

אַזוי אַרום איז דער ריזשינער תיכף אַבגעפאָהרן קיין סאַדאַגורע. צוזאַמען מיט איהם זענען אויך מיטגעפאָהרן פיהל הונדערטער חסידים, ווי אויך אייניגע גוטע אידן, עס איז געפּראַוועט געוואָרן אַ שבת, פון וואָס דאָס אָרימע פערוואָרפענע שטעדטל האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט. עס איז מיטאַמאָל געוואָרן לעבעדיג אין שטעדטל, און דער באַראָן איז געוועזן איבערגליקליך.

אַזוי אַרום איז דער ריזשינער אָנגעקומען קיין סאַדאַגורע און איינגעאָרדנט זיך אין פּרעכטיגען פּאַלאַץ פון באַראָן. נישט לאַנג האָט עס געדויערט, און דעם רבינס פאַמיליע האָט אויך זיך בעפרייט פון רוסישן גיהנום און אָנגעקומען קיין סאַדאַגורע. און צו די פרייד פון די ריזשינער חסידים האָט קיין גרעניץ נישט געהאַט.

און דאָס אַלץ איז געוועזן צו פערדאַנקען דעם וויטן קוק פון רוח הקודש פון רבי מאיר'ל פרימישלאַנער זצ"ל.

דאס גרויסע באגעגעניש

מיר האָבן שוין נישט איינמאָהל געהאט די געלעגנהייט צו זעהן דעם גרויסן ארימקייט וואָס עס האָט געהערשט מיט איבער הונדערט יאָהר צוריק אין די חסידישע הויפן אין גאליציע. עס פלעגט דאָרטן זייער אָפט טרעפן, אז ביי אַ רבין וואָס האָט פאַרמאָגט הונדערטער אָדער אפילו טויזנטער חסידים און אַנהענגער, זאָל אין הויז נישט זיין מיט וואָס צו מאַכן שבת אָדער אויף אַ פשוטן אָנבייסן.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען דער פאַל אין רוסלאַנד און אויך אין פוילן. אין דעם הויף פון דעם צדיק רבי מרדכי׳לע טשערנאָבעלער זצ״ל האָט מען זיך געפיהרט אויף גאַר אַ ברייטן שטייגער. אויך ביי אנדערע חסידישע הויפן, כאָטש מען האָט נישט געלעבט אויף גאַר אַ רייכן שטייגער, אָבער אין אַזאַ ענגשאַפט און אָרימקייט ווי די גאליציאנער רביים האָט קיינער פון זיי נישט געלעבט.

דער רייכסטער הויף אין יענער צייט וועלכער איז געווען באוואוסט מיט זיין פּריצישן און קייזערליכן אויפפיהרן, איז געווען דאָס הויף פון הייליגן ריזשינער זצ״ל. ער האָט אלעמען איבערגעשטיגן אין זייט ברייטקייט און רייכקייט. אויף זיינע נסיעות פלעגט ער פאָהרן מיט אַ רייכע קאָרעטע געשפאַנט מיט פיהר טייערע פערד פונקט ווי דער גרעסטער פריץ.

דאָס אָרימע גאליציע האָט אַזעלכעס נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. עס איז ביי די דאָרטיגע חסידים וועלכע זיינען פון שטענדיג אָן געווען געוואוינט צו אָרימקייט, געווען אַ גרויסער נייעס. און כאָטש אומעטום וואו דער ריזשינער רבי איז נאָר געקומען איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד און טויזנטער אידן האָבן באַלאַגערט זיין הויז כדי זיי זאָלן קענען האָבן די זכיה איהם צו זעהן און פון איהם שלום צו נעהמען, איז אָבער זיין ברייטער דרך געווען פאַר זיי פרעמד.

דער מעהרסטער פון די אַלע גאַליציאַנער רביים וואָס האָט זיך געפרעהט מיטן קומען קיין גאליציען פון הייליגן ריזשינער און איז באַלד געוואָרן איינער פון זיינע בעסטע גוטע פריינד, איז געווען רבי מאיר׳ל פרימישלאנער.

כאָטש ער אַליין האָט פון שטענדיג אָן געלעבט אין אָרעמקייט און נויט און אַלעס וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט האָט ער באַלד אַוועקגעגעבן פאַר אָרעמעלייט און נויטבאדערפטיגע, האָט ער אָבער דאָך גוט פארשטאַנען דעם דרך פון הייליגן ריזשינער.

— פון דעם הייליגן ריזשינער טאָר מען זיך קיין ראיה נישט ברענגען — האָט רבי מאיר׳ל געטענהט צו זיינע מקורבים — איהר מוזט וויסן ווער רבי ישראל׳טשע איז און אז ער שטאַמט פון מלכות בית דוד און זייענדיג פון קייזערליכן שטאַם, האָט ער אַ רעכט און אויך אַ פליכט זיך צו אויפפיהרן מיט דער ברייטקייט פון אַ קייזער . . .

רבי מאיר׳ל פלעגט שטענדיג זאָגן :

— וואָס איז דער אונטערשייד פון מיר מיטן ריזשינער צדיק : אויף איהם

איז געזאָגט געוואָרן דער פסוק, "הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד", דאַגעגן אויף מיר איז געזאָגט "פזר נתן לאביונים וצדקתו עומדת לעד".

✶

דורך דער גאַנצער צייט וואָס דער ריזשינער האָט פאַרלאָזט די רומענישע גרעניץ ביי סוטשאַווא און איז געווען אויף זיין נסיעה קיין לעמבערג, די הויפּט שטאָדט פון גאַליציען, האָט רבי מאיר׳ל זיך זייער שטאַרק משתוקק געווען דאָס ער זאָל שוין האָבן די זכיה זיך צו טרעפן און זיך צו זעהן מיט דעם דאָזיגן מנהיג און צדיק הדור. ער האָט אַפילו שטאַרק חשק געהאַט איהם אַקעגן צו פאָהרן היבשע עטליכע מייל. אָבער זיין שוואַכער געזונד צושטאַנד אין וועלכן ער האָט זיך דאַן געפונען, האָט איהם נישט געלאָזט זיך אונטער צו נעהמען אַ ווייטערע נסיעה.

אָבער ווען רבי ישראל׳טשע איז שוין געווען אויף זיין וועג נישט ווייט פון לעמבערג, האָט שוין רבי מאיר׳ל מעהר נישט געקענט אויסהאַלטן און ער איז איהם געפאָהרן מקבל פנים זיין און זיך מיט איהם משתעשע זיין אין תורה און חסידות.

דאָס באַגעגענען זיך פון די דאָזיגע צוויי גרויסע צדיקים איז געווען זייער אַ הארציגע, זיי האָבן זיך זייער געפרעהט וואָס זיי האָבן די זכי׳ זיך צו זעהן און טרעפן פנים אל פנים.

אַלטע חסידים, וועלכע זיינען געווען דערביי ווען די צוויי צדיקים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, האָבן נאָך יאָהרן לאַנג ניט אויפגעהערט צו דערצעהלן וואָס עס איז דאַמאָלס פאָרגעקומען און דערפון געשעפּט גאָר אַ סך חיות דקדושה.

✶

אין דעם דאָרף דעמביני, צווישן לעמבערג און פּרימישלאַן, האָט ר׳ מאיר׳ל זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט ר׳ ישראל׳טשען. און לויט ווי עס ווערט איבערגעגעבן, האָבן זיי צווישן זיך געהאַט פאָלגענדן ערשטן שמועס.

ווי מיר האָבן שוין אויבן דערצעהלט פלעגט ר׳ ישראל׳טשע פאָהרן אין אַ קאַרעטע געשפּאַנט מיט פיהר טהייערע פערד. ר׳ מאיר׳ל ווידער איז שטענדיג — ווי אַלע אָרימע לייט — געפאָהרן מיט בלויז איין איינציגן פערדל.

אַז די צוויי גדולים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, איז ר׳ ישראל׳טשעס קאַרעטע פונקט געשטאַנען אין דרויסן מיט די פיהר טהייערע פערד. ר׳ מאיר׳ל האָט דאָס אַלעס זעהר בעטראַכט, ער האָט אָבער געשוויגן און גאָר ניט געזאָגט, ר׳ ישראל׳טשע וועלכער איז געשטאַנען אויפ׳ן גאַניק, און שוין געוואָרט אויף ר׳ מאיר׳לען, האָט דאָס באַמערקט און ער האָט אויך געזעהן מיט וואָס פאַר אַ אָרימען פערדל ר׳ מאיר׳ל איז געקומען צו פאָהרן...

ר׳ ישראל׳טשע האָט ר׳ מאיר׳ל געגעבן שלום, און רבי מאיר האָט זיך דאַן אָנגערופן:

— איך הייס מאיר, און איך בין פון פּרימישלאַן, מיין באַשעפטיגונג איז דערפון וואָס איך בין אַ גבאי של צדקה. איך זאַמל געלד און צוטייל דאָס צו אָרימע לייט...

— איהר זעהט, — האָט איהם ר׳ ישראל׳טשע דאן געזאָגט — איך פאָהר מיט פיהר טהייערע פערד, כדי ווען איך וועל אַמאָל פארפאָהרן אין אַ בלאָטע אריין, זאָל זיין ווער עס זאָל מיך קענען ארויסשלעפן...

ר׳ מאיר׳ל האָט אָבער ניט פיהל געקלעהרט, נאָר ער האָט מיניה וביה געענטפערט:

— מאיר פאָהרט טאקע דערפאר מיט בלויז איין פערדל, ווייל ער היט זיך שטארק אויס דאָס ער זאָל קיין מאָל ניט פארפאָהרן אין אַ בלאָטע, און דערפאר דאַרף ער ניט האָבן ווער עס זאָל איהם ארויסשלעפן...

✶

דאָס איז געווען דער איינציגער שמועס וואָס חסידים האָבן געהאט די זכיה צו הערן פון זייערע צוויי רביים, ווייל דערנאָך זיינען זיי בײדע אריין אינעווייניג אין הויז און וואָס זיי האָבן צווישן זיך גערעדט ביחידות, האָט שוין קיין שום ילוד אשה ניט געהאט די זכיה צו הערן, און כאָטש יעדער פון זיי האָט געהאט זיינע אייגענע מקורבים, וועלכע האָבן שטאַרק געגארט צו וויסן וועגן וואָס זיי האָבן געשמועסט. האָט אָבער דאָך קיין איינער ניט געוואָגט וועגן דעם צו פרעגן, ווייל מען האָט געוואוסט, דאָס זיי האָבן זיך זיכער אָבגעגעבן מיט דברים העומדים ברומו של עולם, מיט גאָר הויכע ענינים, אָדער אַזעלכע וואָס איז נוגע דעם גאַנצן כלל ישראל.

דאָס איז געווען דאָס איינציגע מאָל וואָס די דאָזיגע צוויי צדיקים האָבן זיך געטראָפן פערזענליך, מעהר האָבן זיי זיך שוין מעהר ניט געזעהן. אָבער די געצעהלטע מינוטן וואָס זיי זיינען געווען צוזאמען, זיינען שוין געווען גענוג אז עס זאָל צווישן זיי געשלאָסן ווערן אַ אייביגער בונד אויפן גאנצן לעבן.

✶

אָבער כאָטש פערזענליך האָבן זיך די צוויי צדיקים מעהר ניט געזעהן, פונדעסט־וועגן האָט דער פארקעהר צווישן זיי קיין מאָל ניט אויפגעהערט. און יעדעס מאָל וואָס די אומשטענדן האָבן עס געפאָדערט, האָט איינער צום צווייטן געשיקט שלוחים מיוחדים מיט וויכטיגע נאכריכטן.

מיר וועלן יעצט שרייבן וועגן איינע אַזאַ שליחות וואָס דער רבי ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער האָט געשיקט דעם ריזשינער און דערפון זעהן אז עס האָט געשטעקט דעריין גאָר הויכע ענינים.

"יום זה מכובד מכל ימים..."

ווען עס איז דעם ריזשינער צדיק, ר׳ ישראל׳טשען, געלונגען עוקר צו זיין פון רוסלאנד און זיך באזעצן אונטער דעם שוץ פון עסטרייך, האָט די רוסישע רעגירונג דערויף געהאט זעהר שטאַרק תרעומות. עס האָט דער דאָזיגער מלכות הרשעה זעהר פארדראָסן וואָס זי האָט מעהר ניט די ממשלה איבער׳ן צדיק און קען איהם מעהר

נישט האַלטן אין איהרע קערקערס, אָדער גאָר צו פאַרשיקן אין איהרע גאָר ווייטע לענדער, ביז קיין סיביר, ווי טייל שונאי ישראל האָבן געהאט געפּלאַנעוועט.

די רוסישע רעגירונג, נאָך דעם וואָס די ערשטע בהלה וועגן ר׳ ישראל׳טשעס עוקר זיין איז שוין געוועזן אריבער און עטליכע הויכע בעאמטע האָבן דערפאַר בעקומען שווערע שטראָפן, האָט זיך די רעגירונג גענומען צו אַ נייעם פלאן: זי האָט אָנגעהויבן צו פערהאַנדלען מיט עסטרייך, אַז מען זאָל ר׳ ישראל׳טשען אויסווייזן פון די עסטרייכישע פּראָווינצן און איהם צוריקשיקן קיין רוסלאנד אין דעם רשות פון דער דאָרטיגער רעגירונג.

אָבער אַזעלכע זאכן, ווען עס האנדלט זיך וועגן פּאָליטישע קאָרעספּאָנדענצן צווישן צוויי מלוכות, טהוען זיך ניט אַזוי גיך. די בעאמטע האָבן שטענדיג צייט און פון איין ״נאָטע״ צו דער צווייטער, נעהמט אַ גאָר היבשע צייט. אַ קלייניגקייט — מען דאַרף דאָך אַזעלכע ענינים זעהר גוט איבערקלעהרן, איידער מען גיט זיי איבער אויפ׳ן פּאַפּיר און מען שיקט זיי אַוועק...

וועגן דער קאָרעספּאָנדענץ וואָס עס איז אָנגעגאנגען צווישן די צוויי מלוכות מכח ר׳ ישראל׳טשען, דערפון האָט מען אין סאדיגערע זעהר גוט געוואוסט. מען איז דאָרטן אויך ניט געשלאָפן און אָנגעווענדעט אלע מעגליכקייטן דאָס דער רוסישער פּארלאנג זאָל פון עסטרייך צוריקגעוויזן ווערן און דער צדיק זאָל קענען פארבלייבן אין זיין מקום מנוחה.

עס זיינען אָנגעווענדעט געוואָרן פערשידענע השתדלות׳ן ביי די פּראָמינענטסטע אידן אין עסטרייך, דאָס זיי זאָלן ווירקן אויף דער רעגירונג צו ר׳ ישראל׳טשעס גונסטען. עס האָט געקאָסט זעהר פיהל מיה, ארבייט און געלד, ביז די מיניסטאָרן אין וויען, וועלכע האָבן געהאט די גאנצע דעה איבער דעם ענין, זאָלן געוואונען ווערן פאר ר׳ ישראל׳טשען און ארויסגעבן זייער מיינונג דאָס ער דאַרף ניט צוריקגעשיקט ווערן קיין רוסלאנד.

די רוסישע רעגירונג האָט אָבער אין עסטרייך אויך געהאט איהרע פאַרטרעטער און זיי האָבן פאַראַרבייט מעשים, דאָס דער וואונש פון זייער רעגירונג זאָל ערפילט ווערן און ר׳ ישראל׳טשע זאָל אויסגעוויזן ווערן פון די עסטרייכישע פּראָווינצן און אָבגעשיקט ווערן צו איהר.

די עסטרייכישע הויכע בעאמטע וועלכע זיינען געווען אויפ׳ן ריזשינער׳ס צד, האָבן זיך איצט געפונען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. דעם צדיק האָבן זיי אָפּילו יאָ געוואָלט אַ טובה טהאָן, אָבער איינרייסן מיט דער באַפריינדעטער און מעכטיגער רוסלאנד האָט מען אויך ניט געוואָלט.

קלוגע ווינער אדוואקאטן, וועלכע האָבן געארבייט לטובת ר׳ ישראל׳טשען, האָבן זיך אָבער געגעבן אַ עצה. זיי האָבן אָנגעגרייט עטליכע גוים, אַלטע פּויערישע בעלי בתים, וועלכע האָבן פאר׳ן געריכט געשוואָרן דאָס זיי געדיינקען זעהר גוט ווען ר׳ ישראל׳טשע איז געבאָרן געוואָרן ביי זיי אין דאָרף און דערנאָך איז ער זייענדיג

אַ קליינער אינגל, מיט זיינע עלטערן אַוועק קיין רוסלאַנד וואו ער איז שוין דאָרטן פאַרבליבן.

אויף אַזאַ אופן איז אויסגעקומען, אז ר׳ ישראל׳טשע איז אַ געבאָרענער אַ עסטרייכער און אַז דערפאַר האָט די רוסישע רעגירונג איבער איהם קיין שום דעה ניט. ער איז דאָך ניט איהר אונטערטאַן... מען האָט געזאָלט, — אַזוי האָט מען געהאַט פריהער אָבגעמאַכט מיט די הויכע בעאַמטע — דער רוסישער רעגירונג געבן צו פאַרשטעהן, אויף אַ איידעלען אופן, דאָס זי האָט מכח ר׳ ישראל׳טשען געמאַכט אַ טעות, ער איז גאָר ניט איהר בירגער, נאָר ער איז גאָר אַ עסטרייכישער אַ געבאָרענער.

דריי סימנים

אין די רוסישע רעגירונגס־קרייזן איז די אויפרעגונג געווען אונגעהויער גרויס, די דיפּלאָמאַטישע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט זיך געפיהרט צווישן דער קאַנצעלאַריע פון קיעווער גובערנאַטאָר און דער טשערנאָוויצער שטאַט־האַלטעריי, האָט נישט געגעבן דעם געוואונטשטענעם רעזולטאַט. די עסטרייכישע מאַכט האָט דעם ריזשינער נישט געוואָלט אַרויסגעבן און אַ רעזיגנירטער האָט דער קיעווער גובערנאַטאָר איבער־געשיקט דעם ענין קיין פעטערבורג, צוגעבנדיג דערביי, אַז נאָר פעטערבורג וועט קענען עפּעס אויפטהון כדי צוריקצובעקומען דעם "געפעהרליכן פערברעכער", וועלכן עס איז געלונגען אויף אַ "שווינדלערישן" אופן צו אנטלויפן.

און ווירקליך האָט דאָס רוסישע אינערן־מיניסטעריום איבערגעשיקט אין דער קייזערליך־קעניגליכע פּעראייניגטע הויף־קאַנצליי אין ווין דעם גאַנצן בעריכט וועגן דעם זאַך־בעשטאַנד און אויפגעפאָדערט, אַז אויפ׳ן סמך פון פּאַראַגראַף 11 און 13 פון אָפּמאַך וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן עסטרייך־אונגאַרן און רוסלאַנד דעם 21־טען אַפּריל 1815, זאָל די הויף־קאַנצעלאַריע פעראָרדנען אַרויסצוגעבן דעם רוסישן בירגער ישראל פרידמאַן אין רשות פון דער רוסישער מאַכט.

אין אַ געוויסן טאָג איז אין דעם גאַליצישן לאַנד־פּרעזידיום אין לעמבערג דערהאַלטן געוואָרן אַ אויפפאָדערונג פון זיי צוצושטעלן אַ בעריכט וועגן דעם ענין־פרידמאַן.

אין דעם דאָזיגן בעריכט ווערט פעסטגעשטעלט דער רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג וואָס איז געפיהרט געוואָרן מצד דער טשערנאָוויצער קאַנצעלאַריע, ווי אויף די בריף פון דער רוסישער מאַכט, וואָס לייקנט אָפּ, אויפ׳ן יסוד פון עדות־זאָגן פון 8 אידן, און שטעלט פעסט אַז ער איז געבוירן געוואָרן ביי זיין פאָטער שלום פרידמאַן אין פּראַהאָביטש. דאָך אָבער האַלט די גאַליצישע לאַנדס־קאַנצעלאַריע, אַז בנוגע דעם ה׳ פרידמאַן דאַרף מען נישט אָנווענדן דעם אויבנדערמאָנטן פּאַראַגראַף און אַרויסגעבן איהם דער צאַרישער מאַכט, ווייל עס איז נישט בעקאַנט אין וואָס עס בעשטעהט דער חטא וועלכן ישראל פרידמאַן איז בעגאַנגען און

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אין די אַלע ווענדונגען מצד דער רוסישער מאַכט איז וועגן דעם פערברעך קיין איין וואָרט נישט דערמאָהנט.

✶

ווי נור מען האָט זיך אין די חסידישע קרייזן דערוואוסט, אַז דער ענין איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין ווין, האָט מען בעשלאָסן איבערצוּוואַרפן זיך אויפ'ן ווינער פראָנט. אין ווין האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אַלץ איז אָפּהענגיג פון עסטרייכישן פרעמיער גראַף מעטערניך, און אַז דער ווינער ראַבינער דר. מאַנהיימער איז אַ גרויסער חשוב ביים גראַף מעטערניך. עס זענען דעריבער תיכף אָבגעפאָהרן צוויי פערזאָן קיין ווין, כדי מיט דער מיטהילף פון דר. מאַנהיימער, איינמאָל פאַר אַלעמאָל דעם ענין מיט'ן ריזשינער'ס בירגערשאַפט צו ערלעדיגן.

אָבער אַזוי גיך ווי מען רעדט געשעהט נישט קיין זאַך. דער ענין איז געוואָרן אַ געגנשטאַנד פון פערשידענע קאָנפערענצן און פערהאַנדלונגען, וואָס האָבן זיך פערצויגן אויף הערכער דריי חדשים.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן אין וועלכער שטימונג דער ריזשינער האָט זיך אין דער דאָזיגער צייט געפונען. עס האָט פשוט קיין מענטש נישט געקענט צו איהם צוקומען. דער צדיק איז אַרומגעגאַנגען שטאַרק פער'מח'ט און פערטראַכט און פערצויגן אויף העכער דריי חדשים.

— וואָס שווייגט איהר ? וואו זענט איהר ? דער טאַטע ר' שלום, דער זיידע דער ״מלאך״ און דער עלטער-זיידע ר' בער ! — וואו זענט איהר ? וואָס שווייגט איהר ?...

✶

פון יענער צייט דערצעהלן חסידים זעהר אַ וואונדערבאַרע מעשה מיט'ן רבי'ן ר' מאיר'ל פון פרימישלאַן.

צום פרימישלאַנער איז געפאָהרן יאָהרן-לאַנג אַ חסיד פון שטעדטל סטרוזשעץ. דער דאָזיגער חסיד איז געווען אַ איד אַ למדן, אַ שענער בעל-מנגן און אַ גרויסער מיוחס נאָר קיין קינדער האָט ער נישט געהאָט. פלעגט ער דעריבער אָפט פאָהרן קיין פרימישלאַן, און שטאַרק זיך בעמיהען אַז דער רבי זאָל איהם מבטיח זיין אַ בן-זכר.

דער רבי האָט דעם חסיד פון סטרוזשעץ שטענדיג זעהר גוט אויפגענומען. פרייטאָג-צונאַכטס האָט ער איהם מכבד געווען מיט'ן בעוואוסטן זמר ״יום זה מכובד״, אָבער געהאָלפן געוואָרן איז ער נישט.

אַזוי זענען אַריבער אַ רייה יאָהרן און דער חסיד איז אַלץ נישט נפקד געוואָרן מיט קיין קינדער.

אין אַ געוויסן טאָג, דאָס איז גראָד געווען אין דער צייט ווען אין ווין האָט זיך געוואויגן דער גורל פון ריזשינער, איז דער סטרוזשעצער חסיד געקומען קיין פרימישלאַן האַלטן דאָרטן שבת. פרייטאָג-צו-נאַכטס האָט ער געזונגען ״יום זה מכובד״ און זונטאָג אַריינגעגאַנגען צום רבין מיט אַ קוויטל.

דער רבי האָט אַדורכגעלייענט דאָס קוויטל, מעיין געווען אַ לענגערע ווײַלע און ענדליך אויסגערופן:

— הײַנט האָסטו גראָד געטראָפן, הײַנט וועסטו שוין סוף כל סוף געהאָלפן ווערן. אָבער די ישועה וועט נישט קומען דורך מאיר'לען, נור דורך ר' ישראל'טשע ריזשינער וואָס וואוינט איצט אין סאַדעגורע...

דער איד האָט זיך פעררוויטלט. הענד און פיס האָבן איהם גענומען ציטערן און מיט אַ פערכאַפּטן אָטעם האָט ער געוואַרט אויף די רייד פון רבי'ן.

— הער מיך אויס, וואָס איך וועל דיר זאָגן — האָט דער פרימישלאַנער ענדליך אויסגערופן — אָבער דו מוזט אַלץ טהון, וואָס איך וועל דיר הייסן. זאָלסט אפילו אויף אַ האָר נישט משנה זיין וואָס איך רעד צו דיר.

— אַוודאי הער איך רבי, אַוודאי וועל איך טהון אַזוי ווי מען וועט מיך הייסן — האָט דער חסיד געזאָגט.

אַזוי רעדנדיג איז דער פרימישלאַנער צוגעגאַנגען צו זיין ספרים־שאַנק און ארויסגענומען אַ קליין חלה'לע פון זיינע י"ב חלות.

געבנדיג דאָס חלה'לע דעם אידן, האָט ער אויסגערופן:

— כאַפּ אַ בריטשקע און פאָר גלייך אַריבער צום ריזשינער צדיק קיין סאַדעגורע. דאָרט וועסטו האָבן אַ ישועה ווי דו פערלאַנגסט. דאָס חלה'לע זאָלסטו איהם איבערגעבן אַלס סימן, אז איך האָב דיך צו איהם געשיקט.

דער סטרוזשיצער איד האָט אַ כאַפּ געטהון דאָס חלה'לע און דערלאַנגט די האַנד דעם רבי'ן צו געזעגענען זיך.

— וואַרט נאָך אַ ווײַלע — האָט דער הייליגער פרימישלאַנער אויסגערופן ציהענדיג לאַנגזאַם די ווערטער, ווי ער וואָלט זיך שטאַרק מיישב געווען, — וואַרט, איך וועל דיר געבן נאָך אַ סימן.

— זאָלסט זאָגן דעם ריזשינער, זאָל לעבן, אַז כאָטש ער געהט אויפ'ן דרך המלך, אויפ'ן הויפּט שאָסיי און איך געה נור אויף אַ זייטיגער סטעזשקע, קומען מיר דאָך זיך סוף כל סוף צוזאַמען אויף דעם זעלבן פּונקט און אויף דער זעלבער נקודה. אַוודאי קען מאיר'ל אַליין נישט שלעפּן אַזאַ שווערע משא — דעם כלל ישראל, דאָס קען נור דער ריזשינער, מאיר'ל איז אָבער אַ גוטער נאָכשטופּער...

דער חסיד, האָט אויסהערנדיג דעם צווייטן סימן, שוין נישט געפּרובט שטעקן דעם רבי'ן זיין האַנד, זעהענדיג ווי דער רבי איז שטאַרק פערקאָכט האָט ער גענומען לויפן צו דער טהיר.

— אייל דיך נישט אַזוי שטאַרק, — האָט אויף איהם דער רבי ר' מאיר'ל אַ געשריי געטהון — קינדער האָבן קומט נישט אָן אַזוי לייכט. עס איז נישט קיין בייגל פאָר אַ גראָשן אויפצועסן. ביזט אַ מבין ווי ער איילט זיך ?...

דער חסיד איז געבליבען שטעהן, ווי אָבגעגאָסן מיט קאַלטע וואַסער און דאַן האָט דער פרימישלאַנער ווידער אויסגערופן:

אַט האָסטו דיר נאָך אַ דריטן סימן: נאָכדעם ווי דו וועסט אַריינקומען צום רבין אין חדר און איבערגעבן איהם בײדע פריהערדיקע סימנים, זאָלסטו, נישט געהמענדיג ביי איהם רשות, אָנהויבן זינגען דעם זמר ״יום זה מכובד״ מיט׳ן זעלבן ניגון, ווי דו זינגסט תמיד ביי מיין טיש. עס מעג גראָד זיין אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, זאָלסטו טהון אַזוי ווי איך הייס דיך. דער צדיק וועט דערפון גרויס הנאה האָבן. און איצט ווען דו האָסט שוין די דריי סימנים, פאָהר מיר לחיים ולשלום און לאָמיר הערן בשורות טובות.

*

אָנגעקומען קיין סאַדעגורע איז דער סטרוזשיצער איד טאַקע אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. גראָד אין דעם טאָג איז דער רבי געווען מעהר ווי אַלע מאָל צערודערט און מען האָט דעריבער קיינעם נישט צוגעלאָזט צום רבין.

דער חסיד האָט אָבער נישט געוואָלט פון קיין זאַך וויסן און ווענדענדיג זיך צו די גבאים, האָט ער זיי אויפגעפּאָדערט תיכף איהם צוצולאָזן צום רבי׳ן, ווייל ער קומט אין אַ שליחות פון ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער.

— לאָזט איהם תיכף אַריין, דעם איד. — האָט דער ריזשינער אויסגערופן. — מסתמא איז עס אַ וויכטיגע שליחות, ר׳ מאיר׳ל ווייסט וואָס ער טהוט.

גלייך ווי דער סטרוזשיצער איד איז אַריינגעקומען אין חדר פון ריזשינער און גענומען שלום האָט ער אויסגערופן:

— מיין רבי, ר׳ מאיר׳ל פון פרימישלאַן האָט מיך געשיקט צו אייך אַז איהר זאָלט מיר ווינטשן אַ ישועה, איך זאָל נפקד ווערן מיט אַ קינד. אַלס סימן האָט ער מיר געגעבן פאַר אייערטוועגן אַ חלה פון זיינע י״ב חלות.

דער הייליגער ריזשינער האָט מיט גרויס שמחה גענומען דאָס חלה׳לע און עס אַריינגעלעגט אין דער שאַנק וואו עס זענען געלעגן זיינע וויכטיגע אַנטיק־חפצים.

— נאָך אַ סימן האָט דער רבי מיר געגעבן — האָט דער איד אויסגערופן — ער האָט מיך געהייסן זאָגן, אַז כאָטש איהר, הייליגער רבי געהט אויפ׳ן דרך המלך, אויפ׳ן הויפּט־שאָסיי און מיין רבי פון פרימישלאַן געהט נור אויף אַ זייטיגע סטעזשקע, קומט איהר דאָך סוף כל סוף זיך ביידע צוזאַמען אויף דעם זעלבן פונקט און אויף דער זעלבער נקודה. אַוודאי קען ר׳ מאיר׳ל אַליין נישט שלעפּן אַזאַ שווערע משא, — דעם כלל־ישראל, דאָס קען נור דער ריזשינער זאָל לעבן, אָבער אַ גוטער נאָכשטופּער איז ער פאָרט.

דער הייליגער ריזשינער האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו שמייכלען.

— דאָס איז נאָך נישט אַלץ, הייליגער רבי — האָט דער סטרוזשיצער איד מעהר דרייסטער אויסגערופן — איך האָב נאָך אַ דריטן סימן פון מיין רבין.

און מיני׳־ובי׳ האָט דער חסיד אָנגעהויבן זינגען מיט גרויס התלהבות דעם זמר ״יום זה מכובד״.

די גאַנצע צייט וואָס דער חסיד האָט געזונגען דעם שבת׳דיגן זמר, איז דער

ריזשינער געשטאַנען ביי זיין עמוד'ל, קיין אויג פון מנגן נישט אַראָבגעלאָזט און זיין פּנים האָט געלויכטן ווי די זון. און ווען דער חסיד האָט געענדיגט דעם ניגון ביז'ן סוף, האָט דער ריזשינער אויסגערופן:

— יישר כח אייך, מיין ליבער איד, איהר האָט מיך שטאַרק מהנה געווען, גאָר שטאַרק. פאַהרט לחיים ולשלום. איך האָף צו השם יתברך, אַז איהר וועט בקרוב געהאָלפן ווערן, ווי עס איז אייער פערלאַנג. אייער רבי ר' מאיר'ל זאָל לעבן און געזונד זיין, זאָלט איהר זאָגן, אַז איך זאָג, דאָס ער איז דער מנהיג הדור, ער איז אַ גוטער פיהרער און נישט קיין נאַכשטופּער, ער געהט אויפ'ן אמת'ן אויסגעטראָטענעם וועג און ווייסט וואָס עס הייסט צו זיין אַ גוטער איד.

שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז גראָד אין דעם זעלבן טאָג און אין דער זעלבער שעה ווי דער סטרוזשיצער איד האָט געזונגען אין סאַדעגורע פאַר'ן ריזשינער דעם "יום זה מכובד". האָט מען אין ווין בעשטעטיגט דאָס בירגער־רעכט פון ריזשינער.

די פראגע ביי די קרעפּלאך

די שליחות'ן וואָס רבי מאיר'ל פּרימישלאַנער פלעגט שיקן צום ריזשינער, זענען געווען זייער אינטערסאַנטע, און פיהל מאָל האָט מען נישט געקענט פאַרשטעהן דעם סוד וואָס שטעקט דערביי, וועגן איינע פון דעם סאָרט שליחות'ן וועלן מיר יעצט דערצעהלן.

געווען איז עס פאַר שבועות. ווי געוועהנליך זענען געקומען צו רבי מאיר'לען אויף שבת חסידים, וועלכע האָבן נישט געקענט אָוועקפאָהרן יום־טוב פון דער היים, ווי רבנים, שוחטים און אַנדערע כלי קודש.

זונטאָג ווען איינער פון זיינע חסידים, אַ שוחט פון אַ דערבייאיג שטעדטל, אַ איד אַ גרויסער ירא שמים און זאָגאַר אַ בעל מדרגה איז אַריינגעקומען צום רבי'ן מיט אַ קוויטל אָבשייד צו נעהמען פון איהם, רופט זיך אָן צו איהם דער פּרימישלאַנער:

— איך ווייס, אַז דו ביזט אַ עהרליכער מאַן, וויל איך זיך בענוצן מיט דיר צו אַ וויכטיגער שליחות.

— איך בין גרייט רבי, — האָט דער חסיד אויסגערופן.

— סאָ געה צוריק אין בית־המדרש, איך וועל אָנשרייבן אַ בריוועלע צום ריזשינער צדיק וואָס וואוינט אין סאַדעגורע, דו וועסט מיר בעזאָרגן דאָס בריוול און ברענגען תשובה.

ווען דער חסיד איז אַ צווייטן מאָל אַריינגעקומען פאַרנאַכט האָט שוין דער פּרימישלאַנער געהאַט אָנגעשריבן דאָס בריוול. דערביי האָט ער זיך געווענדעט צו איהם:

— דו פערשטעהסט דאָך מסתמא אַז ווען איך האָב דיך אויסגעוועהלט פאַר

אַ שליח קיין סאַדעגורע, כאָטש דו ביזט אַ פּערנומענער מענטש, מסתמא האָב איך אַ טעם דערבײַ. בקיצור דאָס בריוול איז אַ סוד־זאַך און אַ סוד דאַרף עס בלייבן ביז דו וועסט ער איבערגעבן אין די הענד פון צדיק.

דער הייליגער פּרימישלאַנער האָט גענומען דאָס בריוול אײַנגעוויקעלט עס ווי געהעריג און אַ זאָג געטהון צום חסיד:

— נעהם דאָס בריוול און בינד עס איין אין זאַק, און אויפבינדן דעם זאַק זאָלסטו נישט פריהער ווי אין חדר פון הייליגן ריזשינער און דאָרט וועסטו בעקומען אַ ענטפער אויפן בריוול.

נאַטירליך האָט דער חסיד אַזוי געטהון. פערבונדן דאָס בריוול אין זאַק און אַבגעפאָהרן קיין סאַדעגורע.

אַרײַנקומענדיג אין חדר פון ריזשינער האָט זיך דער חסיד אָנגערופן:

— הייליגער צדיק, איך האָב צו אייך אַ בריוול פון מיין רבי'ן פון פּרימישלאַן און איך וואַרט אויף אַ ענטפער.

אַזוי רעדנדיג, האָט דער חסיד אויפגעבונדן דעם זאַק און אַרויסגענומען פון דאָרט דאָס בריוול.

דער ריזשינער האָט דאַן אָנגעהויבן לייענען דאָס בריוול אויפ'ן קול:

— "הייליגער צדיק הדור! היות ווי עס געהט צום הייליגן יום־טוב שבועות, ווען מען דאַרף עסן מילכיגע קרעפּלעך, ווייסט מאיר'ל זיך נישט קיין עצה צו געבן וויפל קרעפּלעך עס זאָל עסן. איינס — איז צו ווייניג, דריי — איז צופיהל און צוויי איז דאָך זוגות. גיט זשע מיר אַ עצה דורך מיין שליח, וואָס מאיר'ל זאָל טהון"...

איבערלייענענדיג דאָס דאָזיגע מערקווירדיגע בריוול מיט די דאָזיגע אויסטער־לישע שאלה, האָט דער ריזשינער אָנגעהויבן שפּרייזן איבער'ן צימער שטאַרק פערמוח'ט, געריבן זיך דעם ליכטיגן שטערן און געמורמלט צו זיך: טאַקע אַ שווערע שאלה, גאָר אַ שווערע...

ענדליך האָט ער זיך אַבגעשטעלט און געווענדעט זיך צום חסיד. וואָס איז געשטאַנען אַ צומישטער פון דער אויסטערלישער שאלה, פון דעם בריוול, וואָס ער האָט געמוזט אין זאַק בעהאַלטן...

— זאָגט אייער רבי'ן, אַז ער זאָל מאַכן איין קרעפּל, וואָס זאָל זיין שקול כנגד צוויי...

ווען דער חסיד איז געקומען קיין פּרימישלאַן און איבערגעגעבן די תשובה פון ריזשינער, האָט דער פּרימישלאַנער אויסגערופן מיט גרויס התפּעלות:

— אַוואַ, עס איז מיר גאַרנישט אײַנגעפאַלן, חכם עדיף מנביא!...

אַז די שאלה מיט די קרעפּלעך איז נישט סתם אַזוי געווען אַ שאלה, נאָר עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דברים העומדים ברומו של עולם — איז איבריג צו דערצעהלן. חסידים טייטשן אויס די דאָזיגע שאלה אויף פערשידענע הויכע אופנים.

די עצה פון ריזשינער

דער ריזשינער רבי איז געווען אַ אויסגעשפּראָכענער געגנער פון בעוויזן מופתים צו חסידים. אבער ווען ר' מאיר'ל פרימישלאַנער האָט צו איהם געשיקט עמיצן פאר אַ ישועה, איז שוין די הילף געווען זיכער ווי אויף דער האַנד. ר' מאיר'לען האָט ער קיינמאָל ניט אָבגעזאָגט.

האָט זיך אַמאָל געטראָפן אַזאַ מאָדנע מעשה:

אין אַ דאָרף נעבן פּרימישלאַן האָט געוואוינט אַ עהרליכער איד, וועלכער איז ביים פּריץ פון'ם דאָרף געווען אָנגעשטעלט אַלס אַ נאמן אין דער בראָנפן־ברענעריי. דער דאָזיגער נאמן האָט געהאט אַ מנהג, אַז ווי טרוד ער זאָל ניט זיין, האָט ער געמוזט יעדן טאָג געפינען צייט צו לערנען אכצן פרקים משניות. אַזוי האָט ער זיך געפיהרט פיהל יאָהרן.

האָט אָבער דער דאָזיגער פרומער איד געהאט אַ בן יחיד'ל, וועלכער איז דוקא ניט געווען קיין גרויסער לייט. ער איז געווען לגמרי דער היפוך פון'ם פאָטער, אַ אויסוואורף פון דער נאַטור און אַ געפעהרליכער לומפּ. דעם פאָטער'ס דבורים און דברי מוסר האָבן אויף איהם קיין פעולה נישט געהאט.

האָט זיך אַמאָל דאָס בן יחיד'ל איינגעשפּאַרט ביים פאָטער ער זאָל איהם געבן געלד, הערנדיג די תשובה, אַז דער פאָטער האָט ניט קיין געלד, האָט ער געמאַכט דעם פאָטער אַ אָנטראָג, איהם צו געבן דאָס געלד פון דעם פּריץ'ס קאַסע. "דער רוח וועט איהם ניט נעהמען און ער וועט דערפון גאָר ניט בדלות ווערן".

דער עהרליכער פאָטער האָט דעם זוהנדל גוט אָנגעשריען פאר אַזאַ געמיינען חוצפּה'דיגן אנטראג און איהם געוואָלט אַרויסוואַרפן פון דער ברענעריי. איז דער זוהן אַריינגעפאלן אין כעס, געכאַפּט דאָס בוך אין וועלכן עס איז געשטאַנען פערשריבן דעם פּריץ'ס חשבונות, אויסגעריסן דערפון עטליכע בלעטער און זיי צופליקט אויף פּיץ־פּיצלעך.

פאר גרויס אויפרעגונג איז דער פאָטער אויפן אָרט און שטעלע צוזאמענגעפאלן און ניט מער אויפגעשטאַנען. אַ האַרץ אַטאַקע האָט איהם געטראָפן.

*

באַלד נאָך דער שבעה, האָט זיך דעם זוהן געחלום'ט, אַז דער פאָטער בעוויזט זיך צו איהם און רופט איהם מיט זיך צום בית־דין של מעלה. מיט אַ חוזק'דיגן געלעכטער האָט אין דער פריה דער זוהן דערצעהלט דעם מאָדנעם חלום צו דער מוטער, וועלכע האָט דעם ענין גאַנץ ערנסט גענומען און געווען זעהר בעטריבט.

אַזוי ווי דער זעלבער חלום האָט זיך איהם איבער געחזרט נאַכט פאר נאַכט, האָט שוין דער פרעכער זוהן זיך אויך אָנגעהויבן צו שרעקן, און פאָלגנדיג די עצה פון זיין מוטער, זיינען זיי ביידע געפאָהרן קיין פרימישלאַן צום רבין ר' מאיר'ל.

האָט זיי ר' מאיר'ל געראטן, צו נעהמען אַ מנין אידן, זיי זאָלן געהן אויפן

פאַטער'ס קבר איהם בעטן מחילה. אַזוי ווי דער פאַטער איז טאַקע געלעגען אויפ'ן פרימישלאַנער בית החיים, האָט די אלמנה באַלד, נאָך אין דעם זעלבן טאָג געטאָהן ווי דער רבי האָט איהר געהייסן.

אין דער זעלבער נאַכט, האָט זיך דער פאַטער ווידער בעוויזן צום זוהן אין חלום, טאַקע אין פרימישלאַן גופא, און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

אַלעס בין איך דיר מוחל, נאָר די אכצן פרקים משניות וואָס איך פלעג לערנען טאָג טעגליך און פון וועלכע דו האָסט מיך דורך מיין פריהצייטיגן טויט מבטל געווען, וועל איך דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין: דו מוזט מיט מיר געהן.

דעם צווייטן טאָג האָבן זיי דערצעהלט דעם רבי'ן, אַז דאָס מנין אידן מיט זייער מחילה בעטן האָט אויך ניט געהאָלפן. האָט זיך צו זיי ר' מאיר'ל אָנגערופן:

— איצט קען איך קיינער ניט העלפן, נאָר דער ריזשינער רבי ר' ישראל'טשע, וועלכער וואוינט איצט אין סאדאגורע. פאָהרט צו איהם און דאָרטן וועט איהר געפינען די ישועה.

✶

קומענדיג קיין סאדאגורע, האָט אין אנהויב דער רבי געזאָגט אַז ער גיט זיך ניט אָפּ מיט אַזעלכע ענינים. נאָכדעם אָבער ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען צו איהם געקומען דורך דער עצה פון ר' מאיר'ל פרימישלאַנער, האָט דער ריזשינער געזאָגט צום גבאי, ער זאָל איהם דערלאַנגען די לולקע-ציבעך און זי פעררויכערן.

די מקורבים וואָס זיינען דאָרט גראַד געווען, האָבן שוין געוואוסט זיכער, אַז די פרוי מיט'ן זוהן וועלן האָבן די ישועה. מחמת קוים האָט דער ריזשינער געוואָלט אויספיהרן עפּעס אַ וויכטיגן ענין, האָט ער תמיד געטאָהן מיט'ן כח פון מקטיר זיין קטורת אין דער לולקע-ציבעך.

עטליכע מינוט איז דער צדיק געשטאַנען ביים פענסטער פערטראַכט און לאַנגזאַם דערביי אַ שרעקליכן רויך פון דער פייקע. דאַן האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און געהייסן דעם גבאי זאָגן דער פרוי אַז זי קען שוין אַהיימפאָהרן, מחמת דער זוהן וועט שוין האָבן מנוחה.

קומענדיג אַהיים האָבן זיי קודם כל אפּגעטראָטן ביי ר' מאיר'לען און איהם מודיע געווען אלצדינג וואָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט אין סאדאגורע, און אַז אויף דער גאַנצער נסיעה האָט זיך דער בר-מינן נישט מעהר בעוויזן צום זוהן אין חלום.

דערויף האָט זיך דער פרימישלאַנער אָנגערופן צו זיינע מקורבים:

— ווייסט איהר וואָס פאַר אַ עצה דער ריזשינער צדיק האָט זיך געגעבן צו דעם פער'עקשנ'טן פאַטער. ער האָט מיט'ן רויך פון זיין קטורת איינגעלאַדן צו זיך די נשמה זיינע, און זי אויפגעהויבן אַזוי הויך ביז צו אַזאַ אָרט וואָס זי וואָלט קיינמאָל נישט אימשטאַנד געווען אהין צו קומען. דאָס הויכקייט פון יענעם אָרט, האָט געמאַכט די נשמה פון'ם מת איינגאַנצן פערגעסן אָן זיינע טענות ותביעות, און אַפּילו אויך אָן זיינע אכצן פרקים משניות.

דאָס קען נאָר טאָהן ר' ישראל'טשע דער צדיק הדור — האָט רבי מאיר'ל אויסגעפיהרט.

די שעת רחמים

נישט איינמאָהל פלעגט אָבער אויך טרעפן ווען דער ריזשינער האָט געשיקט אַ חסיד צו רבי מאיר'לען ער זאָל דורך איהם געהאָלפן ווערן.

אַ יונגער מאַן, וועלכער האָט היבשע עטליכע יאָהרן נאָך זיי חתונה ניט געהאט קיין קינדער, איז זעהר אָפט וועגן דעם געפאָהרן צום רבי'ן ר' ישראל'טשען, דער ריזשינער, זכרונו לברכה.

איין מאָל, ווען דער יונגער מאַן האָט דעם רבי'ן ווידער וועגן דעם אָבגעגעבן אַ קוויטל, האָט דער ריזשינער צו איהם געזאָגט, בזה הלשון:

— עס איז אומזיסט דיין צייט און מיה, וואָס דו קומסט דאָ אָהער צו מיר, ווייל איך אַליין קען פאַר דיר גאָר ניט טהאָן.

דו פאָהר אַריבער קיין פרימישלאַן, צום רבי'ן ר' מאיר'ל, און אויב דו וועסט האָבן די זכיה צו קענען איהם געבן דעם קוויטל, אין דער צייט ווען ער טרינקט זיין גלעזל טהע — וועסטו שוין זיכער זיין אַ געהאָלפענער.

דער יונגערמאַן האָט געפאָלגט און ער איז באַלד געפאָהרן קיין פרימישלאַן און עס האָט איהם אויך טאַקע אָבגעגליקט, אַז ווען ער איז אַריין צו ר' מאיר'לען, האָט ער איהם פונקט געטראָפן זיצן און טרינקען אַ גלאָז טהע.

מיט גרויס שמחה האָט ער צו ר' מאיר'לען איבערגעגעבן דאָס שוין אָנגעשריבענע קוויטל מיט'ן פדיון און ער האָט איהם אויך דערצעהלט וואָס זיין רבי, דער ריזשינער, האָט געזאָגט, אַז ווען ער וועט ר' מאיר'לען אָנטרעפן טרינקען טהע, וועט זיין מבוקש זיכער ערפילט ווערן.

— דער ריזשינער האָט רעכט, — האָט ר' מאיר'ל אויסגערופן מיט אַ שמייכל — תהא השעה הזאת שעת רחמים!

עס איז איבריג צו דערצעהלן, אַז איידער עס איז נאָך אוועק אַ גאַנץ יאָהר, איז דעם יונגער מאַן'ס ווייב נפקד געוואָרן מיט אַ בן־זכר, ווי ר' מאיר'ל האָט אָנגעוואונשן...

די כוונה פון ריזשינער

ווען דער ריזשינער רבי, הצדיק רבי ישראל זצ"ל איז דאָס ערשטע מאָהל געקומען קיין לעמבערג, איז ער אַריין געגאַנגען צום דאַמאלס'דיגן באַריהמטן לעמבערגער רב, הגאון רבי יעקב אורנשטיין זצ"ל איהם מקבל פנים זיין. דער גאון רבי יעקב האָט דערוואַרט אַז דער ריזשינער וועט מיט איהם פאַרפיהרן אַ שמועס אין דברי תורה, איבער זאָגן עפּעס אַ דבר תורה אָדער אַ חידוש. דער ריזשינער האָט אָבער געהאַלטן איהם כסדר אין איין אויספרעגן וועגן לעמבערגער קהלישע ענינים. פאַרן אוועקגעהן, האָט איהם דער ריזשינער געפרעגט:

— זאָגט מיר, לעמבערגער רב, פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל מאַכט מען ביי אייך אין לעמבערג דעכער אויף געמויערטע הייזער?

— וואָס הייסט פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל? — האָט רבי יעקב אורנשטיין מיט גרויס שטוינונג איבערגעפרעגט די מאָדנע פראַגע — פאַרשטעהט זיך אז פון בלעך!

— נו, טויג דאָך דאָס טאַקע נישט — האָט איהם דער ריזשינער אָפּגעענטפערט — דאכאווקעס און ציגל זיינען דען נישט קיין וויכערער מאטעריעל און אַ בעסערע באשיצונג?

ווען דער ריזשינער איז אוועקגעפאָהרן האָט רבי יעקב אורנשטיין בשום אופן נישט געקענט פאַרשטעהן די מאָדנע פראַגע און נאָך מעהר פון דעם מאדנעם ענטפער.

✶

ווען מען האָט עס שפּעטער איבערדערצעהלט פאר רבי מאיר׳ל פרימישלאנער, האָט דער רבי ר׳ מאיר׳ל אַזוי געזאָגט:

— דער לעמבערגער רב איז טאַקע אַ גרויסער גאון און תלמיד חכם, אָבער וואָס איז שייך די שאלה און תשובה פון דעם ריזשינער, האָט ער ווייזט אויס, נישט פאַרשטאַנען.

די כוונה פון הייליגן ריזשינער איז אַזוי געווען:

— דער דאָך שיצט אויף אַ בנין און דאָס גלייכן דער רב פון שטאָדט שיצט אויף זיין קהלה. אין דעם שמועס וואָס דער ריזשינער האָט געהאַט מיטן לעמבערגער רב, האָט ער אַרויסגעהאַט, אז דער רב באהאנדלט דער שטאָדט מיט צופיהל שטרענגקייט. האָט ער דערפאַר איהם געגעבן אָנצוהערן ברמיזה, אַז אַ דאָך אויף אַ בנין — אַ רב אין אַ קהלה — מוז נישט זיין שטענדיג פון בלעך, באהאנדלען זיין קהלה האַרט און שטרענג!, נאָר ער דאַרף זיך באַציהען צו זיי מיט פאטערליכע ליבע, מיטליידן און מיטפיהלן וועגן אַלץ וואָס פאַסירט אין דער קהלה.

✶

אַ אָפּענעם רוח הקודש האָט ר׳ מאיר׳ל ארויסגעוויזן, ווען זיין פריינט, דער ריזשינער רבי, האָט איהם פאַרגעשטעלט זיינע קינדער. אויפן עלטסטן זון ר׳ שלום סאדיגורער האָט ער זיך אויסגעדריקט: ״איי, איי, אַ גוט שטיקל לייפּציקער סחורה...״ אויף דעם אינגערן זון ר׳ בער לעווער, האָט ער באַמערקט, אַז ״דער דאָזיגער בער דאַרף האָבן שמירה, עס זאָל נישט אַריין קיין מאָל אין זיין פעל...״. בשעת מעשה האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון די ווערטער. ערשט אין עטליכע יאָהר אַרום, ווען ר׳ שלום איז פלוצים נפטר געוואָרן אין לייפּציק, און ר׳ בער לעווער איז אַנטלאָפן — דעמאָלט איז קלאָר געוואָרן, וואָס ר׳ מאיר׳ל האָט געמיינט...

ווער איז גרעסער

עס האָט זיך אַמאָל געטראָפן אַז אַ חסיד פון רבי ישראל ריזשינער איז געקומען קיין פרימישלאַן. ער איז אריינגעגאַנגען צו רבי מאיר׳לען, געגומען פון אים ״שלום

עליכם" און דרך־אגב האָט ער אים דערציילט, אַז ער געהערט צו די ריזשינער חסידים. האָט איהם רבי מאיר'ל מקרב געווען מיט בידע הענט, איהם איינגעלאַדן צו עסן ביי זיין טיש און ווען ער האָט זיך מיט איהם געזעגנט, האָט איהם רבי מאיר'ל געזאָגט:

— אַז דו וועסט קומען צו דיין רבי, איהם מקבל פנים צו זיין, זאָלסטו איהם גריסן אין מיין נאָמען און זאָלסט איהם זאָגן אַז איך בין גרעסער פון איהם און מיין ברכה ווערט מער מקוים פון זיינער.

האָט זיך געוואונדערט אָט־דער חסיד און בשום אופן נישט געקענט באַגרייפן די מאָדענע רייד פון ר' מאיר'לען.

רבי מאיר'ל האָט פאַרשטאַנען וואָס דער דאָזיגער ריזשינער חסיד קלערט און האָט איהם געזאָגט שמייכלענדיג:

— הער זיך צו צו מיינע ווערטער: נאָך מיט יאָהרן צוריק האָב איך זיך געטראָפן מיט דיין רבי'ן, רבי ישראל. ווען מיר האָבן זיך געזעגנט האָט איינער דעם צווייטן געבענטשט מיט יראת שמים. מיין ברכה איז אין איהם מקויים געוואָרן, אָבער זיין ברכה וואָס ער האָט מיך געבענטשט איז נישט מקויים געוואָרן. זאָג יעצט אַליין: וועמענס ברכה ווערט מקוים און ווער פון אונז בידע איז גרעסער פאַרן צווייטן, איך אָדער דיין רבי?

די עבודה פאַר תקיעת שופר

וועגן די בעציהונגען צווישן ר' מאיר'ל פרימישלאַנער מיטן בעלזער רבין, הרה"ק ר' שלום זצ"ל ווערט דערצעהלט ווי פאָלגענד:

קיין פרימישלאַן פלעגט קומען יעדעס יאָהר צו פאָרן אַ חסיד מיטן נאָמען ר' אלימלך פון טלוסט. ער פלעגט ערשט אָבער אָנקומען אויף יום הקדוש ווייל ראש השנה האָט ער זיך געפירט בקביעות צו זיין יעדעס יאָר אין בעלז.

דער בעלזער רב הרה"ק ר' שלום זי"ע פלעגט זאָגן אַלעמאָל פאַר תקיעת שופר אַ התעוררות דרשה אויסטייטשנדיג פסוקים כדרכו בקודש דורכגעפלאָכטן מיט דברי מוסר מענינא דיומא מיט גרויס התלהבות.

איינמאָל האָט אָבער פאַסירט ווען דער בעלזער רב האָט זיך אויפגעשטעלט זאָגן די דרשה און דער עולם איז געווען גרייט צו הערן די דברי מוסר והתעוררות ווי יעדעס מאָל, ווי אינטרעסאַנט איז אָבער געווען פאַר זיי ווען דער רב האָט אָנגעהויבן צו דערציילן בפשטות די נסים פון יציאת מצרים.

דער בעלזער רב האָט זיך גענומען פאַרזאָגן די פסוקים פון חומש ווי עס ווערט דערציילט אַז השי"ת האָט געשיקט משה רבינו קיין מצרים ער זאָל גיין אויסלייזן די אידן, משה רבינו איז געגאַנגען און ער האָט זיך געווענדעט מיט די בקשה צו פרעה, האָט פרעה געפרעגט: ווער זענען אַלץ די וואָס דו ווילסט נעמען מיט דיר?

משה רבינו האָט איהם געענטפערט: אונזערע יונגע צוזאַמען מיט די עלטערע, אונזערע זין און אונזערע טעכטער, און אויך אונזערע שאָף מיט די רינדער.

דערויף ענטפערט פרעה ווייטער: אייער באַשעפער זאָל אַזוי זיין מיט אייך אַזוי ווי איך וועל מיט אייך מיטשיקן אויך די קינדער, איך וויל דאָס נישט בשום אופן, עס איז געגנוג וואָס איר אַליין גייט דינען דעם באַשעפער.

דערנאָך האָט שוין פרעה אויך מסכים געווען און געזאָגט: די קינדער זאָלן אויך מיטגיין, אָבער די שאָף מיט די רינדער מוזן דאָ בלייבן.

האָט משה רבינו ווייטער געטענה'ט פאַר פרעה: ניין, מיר קענען די בהמות אויך נישט איבערלאָזן, מיר וועלן זיי אויך מיטנעמען מיט אונז, ווייל מיר דאַרפן האָבן אויך די בהמות צו נעמען פון זיי צו דינען דערמיט צו אונזער באשעפער.

דער בעלזער רב האָט מיט דעם געענדיגט די מעשה אויסרופנדיג דעם פסוק: "כי ממנו נקח לעבוד את ה' אלקינו" און האָט זיך גלייך גענומען צו די עבודה פון תקיעת שופר. ער האָט אויסגעשריגן די ברכה "לשמוע קול שופר" כדרכו בקודש, און אַזוי האָט ער אויך אָנגעפירט ווייטער די עבודה פונ'ם דאַווענען ווי געוויינליך.

פאַרן גאַנצן עולם איז געווען אַ גרויסער וואונדער די אינטערעסאַנטע "תקיעת שופר דרשה" וואָס דער רב האָט דאָס יאָר געזאָגט אָבער — ווי עס פאַרשטייט זיך — האָט קיינער זיך נישט געטרויט צוצוגיין צום רב פרעגן קיין שאלות מיט קיין פשטים, צוליבן גרויסן פחד וואָס האָט געהערשט ביי די חסידים ווען זיי זענען געווען אין דער אַנוועזנהייט מיטן רבי'ן, ובפרט נאָך אין אַזאַ גרויסן טאָג ווי ראש השנה, דער טאָג וואָס איז דער יום הדין.

דער עולם האָט זיך פאַרלאָזט אויפן רב ווי סנדיג אַז ווען אַ צדיק אמת זאָגט תורה, איז אפילו עס זעט אויס פאַרן אויג אַז ער זאָגט עס נאָר פאַר די מענטשן וואָס שטייען פאַר אים אין בית המדרש, ווייסן מיר אָבער אַז די ווערטער ווערן געהערט ערגעץ אַנדערש אויך. יעדעס וואָרט וואָס אַ צדיק זאָגט אַרויס פון זיין מויל, צו עס איז חדושי תורה אָדער דברי מוסר והתעוררות, אָדער אפילו סתם שמועסן וואָס זעהען אויס ווי דברים פשוטים, אין דעם אַלעם ליגן העכערע ענינים וואָס גייען אַרויף פאַרן בית דין של מעלה, מעורר רחמים צו זיין פאַרן כסא הכבוד, און משפיע צו זיין ברכות און ישועות פאַר אידן.

*

דער חסיד ר' אלימלך פון טלוסט וואָס — ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט — פלעגט נאָך ראש השנה פאָרן קיין פרימישלאַן צום הייליגן רבי ר' מאיר'ל זי"ע, האָט זיך אויך דאָס יאָר געפירט ווי זיין שטייגער און איז געפאָרן אויף יום הקדוש קיין פרימישלאַן.

ווי ר' אלימלך איז אָנגעקומען קיין פרימישלאַן איז ער גלייך געגאַנגען שלום נעמען צום רבי'ן. ווען ער האָט אָבער איבערגעטראָטן די שוועל פון רבי'נס שטוב,

האָט דער רבי ר׳ מאיר׳ל זיך גלייך געווענדעט צו ר׳ אלימלך׳ן מיט אַ פראַגע ווי זיין שטייגער איז געווען.

— מיילאַך! קענסט מיר איבערזאָגן די תורה וואָס דער בעלזער רב האָט געזאָגט פאַר די תקיעות?

ר׳ אלימלך האָט גענומען דערציילן, אַז דאָס יאָהר האָט דער בעלזער רב — צו אלעמענס וואונדער — נישט אויסגעטייטשט קיין פסוקים און נישט געזאָגט קיין דברי מוסר אַזוי ווי געווענליך, ער האָט נאָר איבערדערציילט די מעשה פון יציאת מצרים ווי משה רבינו האָט געטענה׳ט מיט פרעה, איבערן ענין פון "מי ומי ההולכים".

ווי נאָר ער האָט געענדיגט זיינע ווערטער האָט רבי מאיר׳ל אָנגעהויבן צו באַוואונדערן מיט גרויס התפעלות די תקיעת שופר דרשה פון דעם בעלזער רב, ווי אַזוי ער האָט מיט גרויס חכמה געשפּאָלטן הימלען און אָראָפּגענומען שווערע גזירות דורך זיינע הייליגע ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט, און ווי אַזוי ער האָט אויסגעפועל׳ט ישועות פאַר אידן אויף דעם יאָר אין דעם גרויסן טאָג ראש השנה פאַר תקיעת שופר.

אַזוי ווי ר׳ מאיר האָט אָבער גוט געוואוסט, אַז ר׳ אלימלך האָט נישט קיין אַהנונג איבער וואָס עס רעדט זיך דאָ, האָט ער גענומען ערקלערן פאַר איהם דעם גאַנצן ענין.

— זאָלסט וויסן — האָט איהם רבי מאיר׳ל אָנגעהויבן צו דערציילן — אַז עס איז געווען לא עלינו אַ גרויסער קטרוג אין הימל אויפן כלל ישראל, און מ׳האָט געוואָלט באַשטימען אויף דעם יאָר אַ ביטערע גזירה רחמנא ליצלן אויף די קליינע קינדער.

אַזוי ווי דער בעלזער רב האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך געוואָלט אָננעמען פאַרן כלל ישראל און אָפּווישן די ביטערע גזירה, האָט ער אָנגעהויבן מליץ יושר צו זיין אַז די קינדערלעך דאַרפן פאַרבלייבן ביי די אידן ווייל זיי וועלן אויסוואַקסן עובדי השי״ת ערליכע אידן וואָס וועלן דינען השי״ת.

ווען דער בעלזער רב האָט דאָס אויסגעפועל׳ט און מ׳האָט אַראָפּגענומען די גזירה פון די קינדער, האָט מען געוואָלט אין הימל ווייטער אַרויפלייגן די גזירה אויף די בהמות וואָס די אידן פאַרמאָגן, אַז זייער פאַרמעגן זאָל ח״ו גיין צו גרונד.

האָט דער בעלזער רב ווייטער געטענה׳ט אַז אידישע קינדער דאַרפן האָבן אויך פרנסה, כדי זיי זאָלן קענען דורכדעם דינען השי״ת ווי עס דאַרף צו זיין. האָט ער מיט דעם מליצת יושר — אַז אידן נוצן אויס די פרנסה אויך נאָר צו עבודת השי״ת — ווייטער אויסגעפועל׳ט און אָפּגעווישט אויך די גזירה פון די בהמות, פון וועלכע די אידן האָבן געמאַכט פרנסה.

אָט אַזוי האָט דער צדיק הדור אַריינגעלייגט זיין וויכוח מיטן ס״מ און די זעלבע ווערטער וואָס משה רבינו האָט זיך דורכגעטענה׳ט מיט פרעה אין זיינע צייטן, ביז ער האָט אויסגעפועל׳ט די ישועה און האָט געראַטעוועט די אידישע קינדערלעך און

אויך די פרנסות, אלס אַ צוזאָג אַז "מיר אידן וועלן דאָס אַלעס אויסנוצן נאָר צו עבודת השי"ת. ממילא איז אפילו מיר אַליין דורך אונזערע מעשים האָבן מיר נישט גענוג זכותים ניצול צו ווערן פון די גזירה רחמנא ליצלן, אָבער דאָך איז די גזירה בטל געוואָרן דורך די טענה און זכות פון "כי ממנו נקח לעבוד את ה' אלקינו".

ערשט דאן האָט זיך דער צדיק געקענט נעמען צו די הייליגע עבודה פון תקיעת שופר.

זאָלסט אָבער וויסן — האָט דער רבי ר' מאיר'ל געענדיגט זיינע ווערטער — אַז אַזוי ווי די עופות זענען גאָרנישט דערמאָנט געוואָרן אין די ווערטער פון צדיק, ממילא איז פון זיי דעם נישט אַראָפגענומען געוואָרן די גזירה און ביי די עופות וועט יאָ זיין אַ שאָדן איבערן יאָר, אָבער מיט דעם וועט מען שוין אָפּקומען אַלס אַ כפרה אויף די צוויי אַנדערע גזירות וואָס וואָלטן דאָך געווען פיל שווערער און שטאַרקער ר"ל.

דאָס יאָהר האָט זיך אָנגעפאַנגען און די פאַראויסגעזאָגטע ווערטער פון די צדיקים זענען בשלימות מקוים געוואָרן, די אידישע פאַרמעגנ'ס און אויך די אידישע קינדערלאַך זענען פון אַלעם שלעכטס אינגאַנצן, ניצול געוואָרן.

✶

עס ווערט דערציילט, דאָס ווען מען האָט דעם גאַנצן שמועס דערנאָך איבער־געגעבן צום בעלזער רב, האָט ער געשמייכלט, און ער האָט געזאָגט:

— איך האָב דאָס אפילו ניט געוואָלט דערציילן, כדי אידן זאָלן ניט ווערן איבערגעשראָקן, ר' מאיר'ל האָט דאָך אָבער שטענדיג ליב אלעס צו דערציילן דאָס וואָס ער זעהט מיט זיינע אָפענע אויגן. ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און געמוזט דערציילן וואָס ער האָט געהערט און געזעהן. און אפשר האָט ער דאָך רעכט געהאַט, כדי אידן זאָלן וויסן אַז זיי זיינען דעם לעצטן יאָהר געווען זעהר זינדיג און זיי וועלן גיכער תשובה טהאָן...

ער עסט נאָר בשר עוף

חסידים דערציילן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם בעלזער רב'ס התעוררות דרשה, אויך אַ שליחות וואָס איז פאָרגעקומען פון רבין רבי מאיר'ל פרימישלאַנער צום צדיק ר' יעקב יוסף פון אוסטראה זצ"ל.

די חסידים פון די דאָזיגע צוויי צדיקים האָבן נישט געלעבט בשלום, קיינער האָט נישט געקענט זאָגן פאַרוואָס דאָס איז אַזוי און איבער וואָס, אָבער עס האָט זיך געפיהלט אַז עפּעס אַ קפידא איז דאָ פון דעם אוסטערער רבין אויף רבי מאיר'לען.

פאַסירט אַמאָל, אַז אַ חסיד פון אוסטרער רבי'ן פאַרבלאָנדזשעט צוליב מסחר קיין פרימישלאַן. דער דאָזיגער חסיד איז דווקא געווען אַ גרויסער נכבד ביים רבי'ן אין אוסטרא און ער אַליין, ניט וויסנדיג פאַרוואָס, האָט תמיד געטראָגן אַ האַרץ אויף דעם פרימישלאַנער.

וואָלט ער איצט, זייענדיג אין פרימישלאַן, דאָרט ביים רבי'ן אפילו זיך ניט געוויזן. עס איז אָבער געגן זיין ווילן איהם אויסגעקומען דאָרט צו פאַרברענגען אַ שבת און ר' מאיר'לס חסידים האָבן איהם ניט אָפּגעלאָזט און איהם געבראַכט צום רבי'ן.

דער אוסטרער חסיד האָט זיך משער געווען, אַז ר' מאיר'ל וועט זיך אויף איהם אפילו ניט אומקוקן. דאָס איז אָבער ניט געווען אַזוי.

ר' מאיר'ל בכבודו ובעצמו האָט אַנגעזאָגט, אַז מען זאָל אָט דעם אוסטרער חסיד זעצן אויף אַ בכבוד'יגן אָרט ביים טיש און אויך אַז מען זאָל איהם צוזעהן אויף אַנדערע אופנים. דער אוסטרער חסיד איז דעם פרימישלאַנער קענטיג געווען שטאַרק אַנגעלעגט.

און אויב ער האָט עס נאָך געקענט אַננעהמען, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס דער פרימישלאַנער וויל איהם אָוועקנעהמען פון זיין אייגענעם רבי'ן, דעם אוסטרער צדיק, האָט ער שפּעטער אויסגעפונען, אַז דאָס איז ווייט ניט געווען די כוונה, נאָר פאַרקעהרט, ר' מאיר'ל האָט דורך דעם געוואָלט אָפּגעבן כבוד ר' יעקב יוסף'ן.

שבת אָונט, צו דער מלוה מלכה, האָט רבי מאיר'ל פרימישלאַנער, דעם אוסטרער חסיד געבעטן זיצן לעבן איהם און האָט פאַרפיהרט אַ שמועס מיט איהם וועגן זיין רבי'ן.

— איך וואָלט שטאַרק געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיר איבערגעבן אַ גוטוואָרט פון דיין רבי'ן, ר' יעקב יוסף'ן פון אוסטרא, — האָט זיך ר' מאיר'ל געווענדעט צום חסיד — איך ווייס, אַז עס איז דאָ גאָר אַ סך פון איהם איבערצוזאָגן. דו וועסט מיר מיט דעם ממש מחיה זיין.

כאָטש דער אוסטרער חסיד איז געווען אַ איד אַ למדן און האָט תמיד געקענט איבערזאָגן גאָר אַ סך זאַכן פון זיין רבין, איז ער אָבער בשעת מעשה געוואָרן מבולבל און האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען וואָס איבערצוזאָגן פון זיין רבי'ן.

— טראַכט נאָך אַביסל — האָט ר' מאיר'ל איהם דערמוטיגט — וועסט זיך געוויס עפּעס וואָס דערמאָנען.

דער חסיד האָט געקנייטשט דעם שטערן, אָבער ער האָט גאָר ניט געקענט אַרויפברענגען אויפ'ן זכרון.

— איך מוז זיך מודה ומתודה זיין, אַז איך קען זיך גאָר ניט דערמאָנען — האָט ער שוין אָפּן צוגעגעבן.

ר' מאיר'ל האָט איהם ניט אָפּגעלאָזט.

— שטרענג זיך אָן — האָט ער געזאָגט — איך בין זיכער, אַז דיר וועט עפּעס קומען אויפ'ן געדאַנק.

עטליכע מאָל האָט ר' מאיר'ל אַזוי געבעטן דעם חסיד זיך צו דערמאָנען עפּעס פון אוסטרער רבי'ן, און ענדליך האָט זיך יענער עפּעס טאַקע דערמאָנט.

— יאָ — איך האָב זיך דערמאָנט — האָט ער געזאָגט — עס איז געווען

איינמאָל, ווען עטליכע פון אונזערע חסידים זיינען געזעסן אין רבינ'ס קלויז, עס איז געווען אין דער פריה פאַר'ן תפילת שחרית, דער רבי, ווי זיין שטייגער, האָט פאַר'ן דאַווענען תמיד געלערנט "זוהר", ער האָט שוין געהאַט פאַרענדיגט זיין לערנען "זוהר", נאָך פלוצים איז ער צוגעקומען צו אונז און געשטעלט אַזאַ פראַגע:

— זאָגט מיר נאָר, פאַרוואָס ווערט אין "זוהר" אַזוי פיל מאָל דערמאָנט "אספקלריא המאירה" און "אספקלריא שאינה מאירה?"

קיינער פון אונז האָט זיך ניט אָפּגערופן מיט קיין תשובה. דער רבי איז אָבער נאָך, קענטיג, סיי ווי ניט געווען פאַרטיג מיט זיין קשיא.

— ווייסט איינער פון אייך וואָס עס איז אַזוינס דער חילוק צווישן "אספקלריא המאירה" און "אספקלריא שאינה מאירה?" — האָט ער געפרעגט.

מיר האָבן אַלע ווייטער געשוויגן. קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. יעדער האָט געוואָלט וויסן וואָס דער רבי וועט אויף דעם ענטפערן.

דער צדיק האָט אונז אַלעמען אָנגעקוקט און דאַן געזאָגט:

— "אספקלריא המאירה" איז אַ שפּיגל און "אספקלריא שאינה מאירה" איז אַ פענסטער. דער חילוק פון אַ שפּיגל און אַ פענסטער דאַרף זיין קלאָר פאַר יעדן איינעם. אַ שפּיגל איז דאָרט, וואו מען זעהט זיך אַליין. אַ פענסטער איז דאָרט וואו מען קען זעהן אַנדערע, אָבער ניך זיך.

דער אוסטרער חסיד האָט געהאַט פאַרענדיגט זיינס און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— און וואָס איז דיין רבי מיט דעם געווען אויסן צו זאָגן? — האָט ר' מאיר'ל געפרעגט.

— דאָס קען איך שוין בשום אופן ניט זאָגן — האָט דער חסיד געענטפערט — מיר אַליין זיינען אויך געווען שטאַרק געפּלעפט פון דעם, וואָס ער האָט אונז געזאָגט. מיר האָבן זיך משער געווען, אַז דער צדיק האָט געוויס געהאַט אַ באַזונדערע כוונה אין זאָגן עס צו אונז.

ר' מאיר'ל האָט זיך פאַרטראַכט און דאַן געזאָגט:

— אויב דיין רבי האָט ניט געזאָגט, וואָס ער איז געווען אויסן מיט דעם, וועל איך דיר זאָגן: ער האָט דאָ מכוון געווען געגן צווייערליי גוטע אידן וואָס זיינען פאַראַן, איינער, וואָס איז אַ צדיק תמים און וואָס, ווי דער שפּיגל, אין וועלכן מען זעהט נאָר זיך אַליין, אַזוי איז ער, וואָס אַלץ איז אָפּהענגיג פון איהם אַליין. ער דאַרף ניט אָנקומען צו אַנדערע פאַר קיין הילף. ער האָט אַליין דעם כח, ער קען אַליין אויספיהרן אַלץ וואָס ער וויל אין הימל. דער אַנדערער איז ווי דער פענסטער, וואָס דורך איהם זעהט מען אַנדערע. ער אַליין איז ניט אַזוי גרויס, אַז מען זאָל קענען בויען אויף איהם אַליין. ער מוז משפיע זיין אויף אַנדערע, מען דאַרף אַרויסקוקן אויף די חסידים, וואָס ער האָט, כדי צו וויסן וואָס ער האָט אויפגעטאָן אויף דער וועלט און אויף ווי ווייט זיינע כחות גרייכן.

מעהר האָט ר' מאיר'ל ניט גערעדט. דער אוסטרער חסיד האָט אָבער געפיהלט,

אז סיי די כוונה פון זיין אייגענעם רבי'ן אין דערקלעהרן דעם ענין און סיי דאָס פאַרטייטשן פון ר' מאיר'ל פרימישלאַנער דאָס וואָס דער אוסטרער האָט געזאָגט איז געווען איינע און די זעלביגע.

דאָס איז געוויס געווען אָנגעמאָסטן אויך אויף אָט די צוויי צדיקים, איינער פון זיי איז געווען ווי דער שפיגל און דער צווייטער — ווי דער פענסטער.

פאַר'ן חסיד איז עס געווען נאָך מעהר אויפפאַלנד דערפאַר, וואָס דער אוסטרער האָט געהאט געזאָגט דווקא, ווען ער איז געווען דערביי און וואָס גראד דאָס האָט ער זיך געהאט דערמאַנט איבערצוזאָגן פאַר ר' מאיר'ל פרימישלאַנער. האָט זיין רבי עס ניט געהאט געזאָגט מיט דער כוונה, אז ער זאָל עס דערנאָך קענען איבערזאָגן פאַר ר' מאיר'לען ?

דאָס, וואָס ר' מאירל איז פון דעם אַזוי שטאַרק נתפעל געוואָרן, האָט איהם נאָך מעהר איבערצייגט, אז דאָס איז טאָקע געווען די כוונה פון זיין רבין.

ווער פון זיי איז דער שפיגל און ווער עס איז די פענסטער, דאָס האָט שוין דער חסיד ניט געוואוסט באַשטימען ביי זיך. ער האָט אויך ניט געקענט גענוי באַשטימען וועלכע מדרגה איז אַ העכערע.

עס איז געווען גענוג, אזביידע צדיקים אנערקענען איינער דעם צווייטנס גדלות און שאצן אָפּ איינער דעם אנדערנס כחות.

האָט מען אויף אַזוינע צוויי צדיקים געקענט זאָגן, אז זיי לעבן ניט בשלום צווישן זיך ? האָבן דען חסידים פון די צוויי רביים געהאט אַ רעכט זיך ארומצוקריגן און קוקן איינע אויף די אנדערע מיט גרינגשעצונג ?

דער אוסטרער חסיד האָט שוין געזעהן זיין טעות. לפחות האָט ער געקענט זיין זיכער, אַז וואָס איז נוגע ר' מאיר'ל פרימישלאַנער, האלט ער גאָר אַ סך פון זיין רבי'ן.

ער איז נאָך פאַרבליבן אַ לענגערע צייט אין פרימישלאַן און האָט שטענדיג פאַרבראַכט ביי ר' מאיר'לס טיש. ער האָט זיך גאָר ניט געקענט אָנזעטיגן פון ר' מאירל'ס תורה.

דער אוסטרער חסיד האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָזן פרימישלאַן. די מסחרים זיינע האָבן געפאָדערט אז ער זאָל פאָהרן צוריק אהיים. ער איז איצט אריינגעקומען צו ר' מאיר'לען זיך געזעגענען.

ביים געזעגענען רופט זיך אָן צו איהם רבי מאיר'ל :

— אז דו וועסט קומען צו דיין רבין, זאָלסטו איהם אַזוי זאָגן : מאיר'ל קען נישט עסן עפּעס אנדערש ווי בשר עוף, זאָל ער עס נעמען גוט אין בעטראַכט.

דער חסיד איז געווען געפּלעפט, ער האָט בשום אופן נישט געקענט פארשטעהן וואָס רבי מאיר'ל מיינט דאָ מיט זיינע רייד.

ווען דער אוסטרער חסיד איז געקומען צו זיין רבי'ן, האָט ער דערצעהלט אַז ער איז געווען אין פרימישלאַן ביים צדיק, רבי מאיר'ל זצ"ל.

— נו, קענסטו מיר עפּעס איבערזאָגן וואָס דו האָסט דאָרטן געהערט ? —

פרעגט איהם ר' יעקב יוסף.

— געוויס, רבי — ענטפערט דער חסיד — ער אליין האט דאך מיר אנגעזאגט וואס איך זאל איבערגעבן דעם רבין.

— ר' מאיר'ל האט מיר געהייסן זאגן — פיהרט אויס דער חסיד — אז ער קען נישט עסן אנדערש ווי בשר עוף, און דער רבי זאל עס נעמען גוט אין בעטראכט.

די חסידים וואס זענען דארטן געווען אנוועזנד האבן בשום אופן נישט געקענט פארשטעהן וואס ער רעדט דא, אבער דער אוסטערער צדיק איז געווארן שטארק פארדבקה'ט און זיין געזיכט האט גענומען פלאמען. מיט אמאהל רופט ער זיך אן:

— אזוי, אזוי, ר' מאיר'ל וויל גאר אז איך זאל עס פועל'ן, נו, אין מסרבין לגדול, איך וועל עס טאקע גוט אין זינען האבן און אכטונג געבן אז ר' מאיר'לען זאל נישט פעהלן קיין בשר עוף.

ערשט איצט האבן די חסידים פערשטאנען אז דער ענין איז נישט אזוי פשוט ווי זיי האבן געמיינט, אז אין די פשוטע רייד זענען בעהאלטן דברים העומדים ברומו של עולם.

ערשט אין א צייט ארום האט זיי דער אוסטערער צדיק דערצעהלט וועגן די שרעקליכע גזירה וואס עס האט געדארפט ווערן אויסגעפיהרט יענעם יאהר, און ווי דער מליצת יושר פון היילגן בעלזער צדיק האט איבער געביטן די גזירה אויף עופות, אבער ר' מאיר'ל האט געוואלט פועלן אז אויך פון די עופות זאל דער גזר דין אראפגענומען ווערן און דאס איז געווען זיין כוונה אז ער עסט נישט נאר בשר עוף.

נאך מיט פיהל יאהרן שפעטער פלעגן אלטע לייט דערצעהלן וועגן די גרויסע מחלה וואס האט אין אנהויב יענעם יאהר אויסגעבראכן אויף עופות. זיי זיינען פשוט געפאלן ווי די פליגן. איידער מען האט זיך נאך רעכט אומגעקוקט, זיינען אזעלכע עופות, וואס זיינען ערשט א מינוט פריהער ארומגעלאפן געזונד און פריש, אנידער־געפאלן, און תיכף אוועקגע'פגר'ט...

ערשט אין עטליכע מאנאטן ארום האט זיך די דאזיגע מגפה אפגעשטעלט א דאנק דאס פועל'ן פון צדיק רבי מאיר'ל מיט זיין שליחות צום אוסטערער צדיק.

שויבן ווי דימאנטן

בשעת דער בעלזער רב זצ"ל האט געבויעט די באוואוסטע שוהל פון בעלז, האט ער געשיקט זיין איידעם דער צדיק רבי יצחק זצ"ל צו קויפן שויבן פאר די פענסטער, דער בעלזער רב האט איהם דאן געשיקט אין א ווייטערע שטעדטל און איהם אנגעזאגט אז אין יענע שטעדטל געפינט זיך א געשעפט פון געניצטע זאכן און אין איינעם א ווינקל פון יענעם געשעפט געפינען זיך אלטע געניצטע שויבן, אט די דאזיגע שויבן זאל ער קויפן פאר די שוהל.

אויפן וועג האט ר' יצחק געדארפט אריבער פאהרן אויך דורך פרימישלאן,

אָבער דער בעלזער האָט איהם אָנגעזאָגט ער זאָל זיך צואיילן און כדי ער זאָל נישט דאַרפן זיך אָפּשטעלען אין פרימישלאַן און פאַרברענגען דערוויל ביי רבי מאיר׳לען, זאָל ער אויסמאַקירן זיין נסיעה ער זאָל נישט דאַרפן אַדורכפאָהרן פרימישלאַן.

רבי יצחק האָט פונקטליך אויסגעפיהרט וואָס דער שווער האָט איהם באַפוילן, אָבער ווי ערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען ער איז געוועזן אויפן וועג צוריק קיין בעלז און זיך געפונען אויף איינע פון די וועגן וואָס פיהרן קיין פרימישלאַן, האָט ער דאָרטן אָנגעטראָפן רבי מאיר׳לען ווי ער וואַרט איהם אָפּ און איהם געבעטן ער זאָל מיטפאָהרן מיט איהם קיין פרימישלאַן, רבי יצחק האָט שוין יעצט קיין אַנדער ברירה נישט געהאט און מיטגעפאָהרן מיט רבי מאיר׳ל קיין פרימישלאַן.

ווען רבי מאיר׳ל האָט זיך איינגעקוקט אויף די שויבן רופט ער זיך אָן צו רבי יצחק׳ן:

— דיין שווער האָט דאָך געקענט קויפן די שויבן אין שטעדטל קריסנאפאלע, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון בעלז, נאָכוואָס האָט ער געדאַרפט שיקן עס צו קויפן אַזוי ווייט, און צו דערצו זענען זיי אויך געניצטע און נישט קיין נייע, נאָר די דאָזיגע שויבן זענען ממש אַ דימאַנט!

שמועסנדיג ביים טיש רופט זיך אָן ר׳ מאיר׳ל:

— דאָס וואָס דיין שווער היילט אויס קראַנקע דורכן טאַפּן מיט די הענד האָט ער צוגענומען פון דעם הייליגן קאָזשעניצער מגיד זצ״ל. — דער שווער — האָט דאָן אויך רבי מאיר׳ל געזאָגט — האָט אין זיך די נשמה פון רבינו תם!

ווען רבי יצחק איז צוריקגעקומען קיין בעלז, האָט ער דערצעהלט זיין שווער אַלעס וואָס איז אַדורך מיט איהם אויפן וועג און זיך גענומען פאַרענטפערן פאַרוואָס ער האָט אפגעטראָטן צו רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער, ווייל ער האָט איהם נישט געקענט אָפּזאָגן נאָכדעם וואָס ער האָט איהם אָפּגעוואַרט אויפן וועג.

דערויף האָט דער בעלזער רב געזאָגט:

— זייער גוט האָסטו געטהון, און דו האָסט נישט וועגן וואָס זיך צו פאַרענטפערן, נאָר איך וויל דו זאָלסט מיר איבערזאָגן אַלע רייד וואָס דו האָסט געשמועסט מיטן צדיק רבי מאיר׳ל.

ר׳ יצחק האָט דערצעהלט וועגן דעם וואָס רבי מאיר׳ל האָט געזאָגט אַז דעם אויסהיילן מיט די הענד האָט ער צוגענומען פון קאָזשעניצער מגיד, רופט זיך אָן דער בעלזער רב:

— עס איז ריכטיג אַז איך האָב עס באַקומען פון הייליגן מגיד, אָבער איך האָב עס נישט צוגענומען, נאָר ער אַליין האָט עס מיר געגעבן מיטביידע הענד.

ווען ר׳ יצחק האָט דערצעהלט פאר זיין שווער אַז רבי מאיר׳ל זאָגט אַז ער האָט די נשמה פון רבינו תם, האָט דער בעלזער רב דערויף געזאָגט:

— עס איז נישט קיין חידוש פון וואַנען ער ווייס עס, וואָרום עס איז דאָ

אַ מחלוקת הפוסקים צו די מזוזה דאַרף זיין אויף דער טהיר שטעהענדיג אָדער ליגנדיג און רבינו תם האַלט אַז עס דאַרף זיין ליגנדיג, ווי ער שרייבט אויף אַ צווייטן אָרט, אַז אויב ער וועט מאַכן אַ ארון קודש, וועט ער עס פאַרברייטערן כדי די ספרי תורה זאָלן קענען דאָרטן זיין ליגנדיג, מיר געפינען אָבער נישט אַז רבינו תם האָט ווען עס איז געמאַכט אַ ארון קודש, אָבער יעצט, ווען איך האָב אויפגעבויעט אַ שוהל און דעם ארון קודש האָב איך געמאַכט אויף אַזאַ אופן אַז די ספרי תורה זאָלן דאָרטן זיין ליגנדיג, דערפון נעמט עס, דער רבי ר׳ מאיר׳ל, אַז איך פאַרמאָג די נשמה פון רבינו תם.

✶

עס ווערט דערצעהלט אַז רבי מאיר׳ל האָט געשיקט קיין בעלז מען זאָל איהם פאַרקויפן פון דעם דאָזיגן גלאָז, פון וועלכן ער האָט געמאַכט פאַרשידענע כלים. רבי מאיר׳ל האָט דאַן אַזוי געזאָגט:

— ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן און די אידן זענען אַוועק אין גלות, האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך פאַרשידענע טיילן פון דעם בית המקדש, ווי אויך די דאָזיגע שויבן, און דעריבער האָט דער בעלזער רב געשיקט קויפן יענע שויבן, כאָטש נישט ווייט פון בעלז, אין דער שטעטל קריסנאָפאָלע געפינט זיך אַ פאַבריק פון גלאָז, ווייל ער האָט געזעהן מיט רוח הקודש פון וואַנען עס שטאַמען יענע שויבן, און דעריבער בין איך דאַן אַרויס מקבל פנים זיין דעם שליח, רבי יצחק, און אויך געשאָפט פאַר מיר עטליכע שטיקלאַך פון זיי.

✶

עס ווערט אויך דערצעהלט אַז מען האָט זיך געפיהרט אין בעלז ווען אַ שויב איז צובראָכן געוואָרן האָט מען עס פאַרקלעפט און פאַרראַכטן פון די שטיקלאַך צובראָכענע שויב, און אויב עס איז נישט מעגליך געווען מעהר צו פאַרקלעפן האָט מען עס גונז געווען, דער בעלזער רב האָט דאַן אַזוי געזאָגט:

— ערשטנס, האָט דאָך דער צדיק רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער דערויף עדות געזאָגט, אַז די דאָזיגע שויבן זענען דימאַנטן, און דימאַנטן דאַרף מען באַהאַלטן און צווייטנס זענען זיי דאָך תשמישי קדושה.

✶

דער רבי ר׳ מאיר׳ל האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט וועגן די צדיקת מלכה, די רעבעצן פון צדיק ר׳ שלום בעלזער זצ״ל:

— מלכי צדק מלך שלם — ווייל מלכה איז אַ צדיקת, קען שלום זיין אַ מלך...

אַ ראש לראשים

״עס איז אַ זעהר גרויסע אחריות צו זיין אַ רבי פון חסידים — האָט אַמאָל דער צדיק ר׳ אייזיק׳ל זידיטשויבער געזאָגט צו זיינע חסידים. — מחמת וויבאַלד מען נעהמט ביי עמיצן געלד און מען ליפערט איהם ניט אָפּ די סחורה וואָס ער האָט

געקויפט, איז דאָך דאָס געלד וואָס מען האָט גענומען פּשוט׳ע גנבה און רמאות נאָר ווי דען? פאַרוואָס זיינען מיר דאָך געוואָרן אַ רבי פון חסידים? פּשוט ווייל מען האָט אונז דערצו ממש געצוואונגען; מיר האָבען זיך ניט געקענט אָפּזאָגען".

איבער דעם ענין ווי אַזוי ר׳ אייזיק׳ל איז געוואָרן אַ רבי, דערצעהלען די חסידים פאָלגענדעס:

אלס גאָר אַ יונגערמאַן, פלעגט ר׳ אייזיק׳ל פאָהרען צו אַלע צדיקים אין דור. זיין פאָטער, ר׳ בעריש, וועלכער האָט פאַרטראָטען דאָס אָרט פון׳ם ברודער, ר׳ הירש׳לע זידיטשויבער, האָט ניט מאריך ימים געווען אויף דער רבי׳שער כסא־מלוכה. צעהן חדשים נאָך זיין ברודער׳ס הסתלקות איז ער אַליין אויך נפטר געוואָרן. האָט אייגנטליך געהערט די גוט־אידישע ירושה צו זיין זוהן ר׳ אייזיק׳ל. אָבער ער האָט בשום אופן אָפילו ניט געוואָלט הערן פון ווערן אַ גוטער איד, צוליב דעם גרויסן אחריות וואָס ער האָט שפּעטער מיט יאָהרן דערמאָנט אין די פריהער דערמאָנטע דבורים צו זיינע חסידים.

כאָטש ר׳ אייזיק׳ל האָט ניט געזוכט קיין גוט־אידישן כבוד און ניט אַרויסגעוויזן זיין גרויסקייט אין הימלישע ענינים. האָבן דאָך אַלע צדיקים געוואוסט וואָס פאַר אַ כלי שלמה דאָס איז און אין איהם זעהר נוהג כבוד געווען, זיי האָבן געגאַרט איהם צו האָבן פאַר אַ חסיד.

✶

בעת ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין ראַפּשיץ צו ר׳ אשר׳לען, איז דאַמאָלס גראַד געווען אין ראַפּשיץ אַ מארק־טאָג. אַריינקומענדיג צום רבי׳ן מקבל־שלום זיין, האָט איהם דער ראַפּשיצער צדיק געפרעגט כהאי לישנא:

— ר׳ אייזיק׳ל, זיינט איהר געקומען אהער אויף׳ן יריד צו האַנדלען?

— אודאי אַזוי — האָט איהם ר׳ אייזיק׳ל געענטפערט. — וואָס דען האָב איך דאָ צו טהאָן?

— זיינט איהר אַהערגעקומען למען איינצוהאַנדלען סחורה אָדער צו פער־קויפן? — האָט דער ראַפּשיצער ווייטער געפרעגט.

— איינצוקויפן, בין איך געקומען. — איז געווען די תשובה.

— אם כן, האָט איהר דאָך מסתמא ביי אייך געלד, גיט עס מיר צו בעהאַלטן, מחמת דאָ אין ראַפּשיץ זיינען פאַרהאַנען פיהל גנבים (ראַפּשיץ האָט אַ שם מיט איהרע גנבים) און מען קען עס נאָך ביי אייך צו׳גנב׳ענען.

— מיר ווייסן, ברוך השם, ווי אַזוי צו בעהאַלטן — האָט איהם ר׳ אייזיק׳ל געענטפערט.

✶

ווי געזאָגט, האָט אין אַנהויב ר׳ אייזיק׳ל ביי זיך אָבגעמאַכט די דעה בשום אופן ניט צו ווערן קיין גוטער־איד. אַזוי ווי אָבער מען בעדאַרף דאָך פּרנסה, איז ער אַרומגעפאָהרען אין די שטעדטלאַך מקבץ זיין געלד פון נדבות.

— וויבאַלד דו האָסט חרטה אויף דיינע זינד, זאָג איך דיר צו אַז דו וועסט נישט אוועקגעהן פון דער וועלט איידער דו וועסט תשובה טהון.

ווען דער גוסס האָט געענדיגט זיינע ווערטער, האָט ער זיך אַ ווײַלע אָפּגערוהט און דערנאָך געזאָגט:

— ווי עס ווייזט אויס האָט זיך מיין גסיסה אזוי געצויגן, ווייל איך האָב נאָך רעכט נישט תשובה געטהון און דעם צדיק'ס ברכה האָט מיר נישט געלאָזט אוועקגעהן פון דער וועלט אָן תשובה.

— יעצט — האט ער זיך אָנגערופן צו זיינע משוררים — לאָמיר זאָגן דעם וידוי ווי אזוי מיר פלעגן עס זאָגן יום כפור!

און גלייך נאָכדעם וואָס ער האָט געענדיגט זאָגן וידוי, האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

אין דריטן טייל קומען אריין די פאלגענדע קאפיטלען:

א. די בעציהונגען פון די גאונים הדור צום צדיק רבי מאיר'ל פרימישלאנער ווי: רבי שלמה קלוגער, רבי יעקב אורנשטיין, רבי יוסף שאול נאטאנזאן.

ב. די אלע עובדות וואס זענען פארגעקומען ביים צדיק לויטן סדר פון יאהר ווי: ראש השנה יו"כ סוכות א.א.וו.

די לעצטע טעג פון דעם הייליגן צדיק און וואס עס איז דאן פארגעקומען.

און נאך פיהל וואונדערבארע ערצעהלונגען.